STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06198

TSAYT UN KIEM

Abraham Bick

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם ביק

צייט און קיום

ניו־יאָרק 1966

ABRAHAM BICK

TIME AND EXISTENCE

STORIES and ESSAYS

Copyright

A. Bick

New York, 1966

שער בלאַט און צייכענונגען פון מ ש ה ק י ש

ארויסגעגעבן פון לערן-קרייז פאר ליטעראטור

„א ר ו ש ם"

איזידאָר קאופמאַן, פאָרזיצער
שלום לעווין, עהרן־פאָרזיצער
יאַנקל אַדלער, עקזעקוטיוו פאָרזיצער
מרים באומעל, סעקרעטערין
נינאַ גאָלדסטיין, פינאַנס־סעקרעטערין
א. אָרענסטיין, קאַסירער

אַ וואָרט צום לייענער

די היסטאָרישע דערציילונגען און עסייען, וואָס זיינען צונויפגענומען צווישן די טאָוולען, דערגאַנצן איינע די אַנדערע, אין דעם זינען וואָס זייער הויפּט־מאָטיוו איז די אידעע פון צייט און קיום און זייער טעמע — דער לעצטער גרויסער חורבן.

די קאַפּיטלען פונעם ערשטן ציקל „שטאַם פון פעלזן״ זיינען טיילן פון אַ היסטאָריש־ביאָגראַפישער נאָוועלע, וואָס איז נאָך ניט פאַרענדיקט.

טיילן פון דעם ציקל און אויך פונעם צווייטן — „יום הדין ביי דער עלבע״, — זיינען שוין געדרוקט געוועז דאָ און אין אויסלאַנד, אין יידישן אָריגינאַל אין די „יידישע שריפטן״ פון וואַרשע און אין העבראיש אין ישראל.

„דער באַגלויבטער פאַסטוך״ און „אויף אייזיקע וועגן״, זיינען רעאַליסטישע געמעלן פון געשעענישן, וואָס כאַפּן אַרום די יאָרן פון 1930 ביז 1946. נעמענדיק די היסטאָרישע פאַקטן (בלויז די נעמען פון די העלדן זיינען געענדערט), האָב איך גלייכצייטיק געפּרואווט איבערגעבן דעם פּאַן און די שטימונגען פון די ווירק־לעכע העלדן.

פאַר די אילוסטראַציעס און דעם שער־בלאַט — אַ יישר כח דעם דיכטער און מאָלער משה קיש.

דערמעגלעכט דאָס בוך זאָל דערשיינען האָבן די פירער און די מיטגלידער פון דעם לערן קרייז פאַר ליטעראַטור „ א ר ו ש ם״, יידישע קולטור־טוער און לייענער, וואָס האַלטן טייער דאָס קינסטלערישע יידישע וואָרט און טוען ממשותדיקע אַרבעט פאַרן קיום און פאַרשפּרייטונג פון יידישן בוך. זיי און די לייענער — מיין דאַנק און אַנאַרקענונג.

א. ב.

ניו יאָרק, אויגוסט 1966

קעמפּ רעינהאלדם

בעסי סייעט, דזשאַמעיקא
ניימאַן, רפאל, רענדאָלף, מאס. אין
ליכטיקן אָנדענק פון זיין פרוי
בלומע בעטא.
לינאַ פענסטער, ניו יאָרק
גליקסמאַן, יוסף, בראָנקס,
בעדזשעמין, איידע און משה,
לייזעראָוויטש, רחל און יעקב
איצקאָוויטש, סאָניע און בנימין
טורקין, מר. און מרס.
ראָזנבערג, סיליא
רובין, סאָפיע
בראון, סאָפיע
דעיווידסאָן, עטל און לואיס
גאָלדשטיין

פעדערמאַן, סיימאָן
פאַרגאַמענט, הילדא און דוד
שטערן, ראָזע און מעקס
הענעלין, מר. און מרס.
בוירליאַנד, עמא, (אין ליכטיקן
אָנדענק פון איר מאַן דזשעק)
גאָלד, סערע
פעלד, מ.
פיטשערסקי, דוד, מיאַמי, פלאָ.
בראָנשטיין, מאלי און מעקס
דאַשינגער, מיני
גאָדיק, דאָרא און מענדל, פילאַ.
סטאַלאָוויק, לואיס
עטקינס, דזשאו
קאָוויצער, דזשאו
בילסקער, סידני
אוילאנאָוו, לואיס
בעקער, רעי און דזש., מאָנטרעאל

אינהאַלט

שטאַם פון פעלזן

דאָס פּנים פון דער לבנה 11
דאָס וואָרט באַשטייט 12
דער ווייַן פון יושר 23
ווערים און לינדנביימער 33
דער אָדלער און די טויב 40
די זון און שוואַרץ 46
גאָר אַ האַרבע קשיא 49
שאָטנס פון דער פאַרגאַנגענהייט 35
דער באַגלויבטער פּאַסטוך 63
אויף די איידיקע וועגן 75

יום הדין ביי דער עלבע

פאַר דעם יום הדין 105
אַ הויז אין אַלטונא 111

וואָרט און קיום

באַלאַדע פון נוסח אשכנז 145
דער מעסטער און די מנורה 145
ש. עגנון: אַ גאַסט אויף אַ ווייל 162
צווישן די לינדן און דעם חיות גאָרטן 178
די פריצטע און דער פעדלער 184
סאַרטר: פרייהייט און אחריות 191
וויפיל אין די אותיות 207
אַ וואָרט האָט זיין עבר — זיין צוקונפט 219
די שטערן אין פאַרטאָג 231

דער שטאַם פון פעלזן

אַ היסטאָריש־ביאָגראַפישע כראָניק

סעמיטישער יידישער ברונעט מיט די גלאַנציקע פעך־

וואָרים איך זע אים פון די שפּיצן פון פעלזן און קוק אויף
אים פון די היגלען.
איך באַטראַכט זייער אָנהויב און דעם אָנהויב פון זייער
וואָרצל און זע ווי זיי זיינען פעסט און שטאַרק ווי פעלזן
און היגלען — די פּאַטערס און די מוטערס

(במדבר, 23, 7, רש״י)

אין יאָר 1818 איז אין דער דייטשער ריין־פּראָווינץ גע־בוירן געוואָרן אַ ברונעט, אַן עכט־יידישער סעמיט, אַן אור־אור אייניקל פון יענע סעמיטן, וואָס האָבן אַמאָל אויסגע־וואַנדערט פון מדבר ערב און געשטאַנען ביי דעם באַרג סיני און געוווינט ביי די טייכן פון בבל און געשטאָרבן טויזנטער־ווייז אויף קדוש השם ביי דעם ריין. און אָט־דער עכט־סעמיטישער יידישער ברונעט מיט די גלאַנציקע פעך־שוואַרצע האָר און די פייערדיקע אויגן, האָט עס שפּעטער דערלאַנגט דעם הייליקן בונד און דעם עכט־טויטאָנישן ראָ־מאַנס און דער קריסטלעכער מלוכה, אַזעלכע געוואַגטע מעכ־טיקע קלעפּ, אַזעלכע טויט־קלעפּ. דאָס איז געווען קאַרל מאַרקס.

מאַרקס אַ ביאָגראַף, טריי צו דער לערע, אַז ידער מענטש, אפילו דער געניאַלער מענטש, איז בלויז אַ פּראָדוקט פון די אומשטענדן, פּרואווט שפּעקולירן: וואָס וואָלט פון מאַרקסן אַרויסגעקומען אונטער אַזעלכע אָדער אַנדערע אומשטענדן? וועלן מיר אויך פּרואוון שפּעקולירן: וואָס וואָלט אַרויסגע־קומען פון מאַרקסן, ווען ער וואָלט ניט געבוירן געוואָרן אין טריער, ביי אַ יידישן אַדוואָקאַט פון לאַנד־געריכט, אין די העפּ־העפּ יאָרן, נאָר פריער אביסל און ערגעצוואו אין לובלין אָדער ווילנע ביי פרומע יידישע עלטערן. און מיר שטעלן זיך פאָר, ווי ער, דער אייניקל פון לאַנגע, לאַנגע רייען פון רבנים און גאונים, וואָלט דאַן געשריבן די „לבושים“ ווי רבי מרדכי יפה, אָדער דעם „ים של שלמה“, ווי דער מהרש״ל. און דאָך שטעלן מיר זיך פאָר, וואָלט ער דאַן אויסגעזען דער זעלבער מאַרקס, ווי ער פלעגט אויסזען אין לאָנדאָן — מיט דעם זעלבן גרויס־רבנישן ריינעם און הייליקן

אַרט־לעבן, מיט דעם זעלבן גרויס־רבנישן שטאָלצן ניט נושא־פנים זיין קיינעם, מיט דעם זעלבן גרויס־רבנישן ברען פאַר אמת און גערעכטיקייט, מיט דעם זעלבן גרויס־רבנישן חריפות׳דיקן אַרט־דענקען, אפילו מיט דעם זעלבן גרויס־רבנישן הדרת פנים.

(אברהם ליעסין, זכרונות און בילדער).

געפאַלן ווייט זיינען די עפל פונעם בוים, נאָר דורכגעטראָגן אומעטום די זעלבע זאָמען

(פרץ, מאַרקיש, מלחמה)


קאפל מאַרקס
ר׳ מרדכי הלוי
ר׳ יוסף גרשון הכהן
יהושע העשיל לבוב
צ.ה. משה לבוב
ר׳ לוי מאַרקס
רש״י

דאָס פּנים פון דער לבנה

טריער 1965

די נאָכמיטאָגדיקע זון האָט זיך געהויבן פונעם מאָזעל, אָפּ־געדעקט דעם שפּיץ טורעם פון דער הויכער, מאַסיווער „באַזיליקאַ״, וואָס איר קרייץ האָט זיך געריסן צום הימל, ווי אַ שאַרפער בליי־פעדער, און באַלויכטן דעם אַלט־רוימישן אַמפיטעאַטער „פּאָרטאַ־נעגראַ״.

אין דעם אַריינגאַנג פון טויער צו דער ביבלאָטעק פון אוני־ווערסיטעט, איז געשטאַנען דער שרייבער שאולי, אַ געוויקסיקער מיט אַ בלאַס לענגלעך פּנים און ברוין־שוואַרצע טיפע אויגן, און האָט באַטראַכט אַן אַלטע מאַלעריי, וואו ישו שיקט אַרויס זיינע שליחים צו די פעלקער.

שוין יאָרן ווי שאולי האָט געזוכט אַ כתב־יד פון דעם גאון ר׳ יהושע העשיל לבוב, טריערער רב, אינם אַכצנטן יאָרהונדערט, — „שאלות ותשובות „פּני לבנה״ (דאָס פּנים פון דער לבנה) צוואַנציק יאָר נאָכן גרויסן חורבן, ווען ער איז פאַרבייגעפאָרן מערב־דייטש־לאַנד, געוואָלט בייוואוינען דעם פראַנקפורטער פּראָצעס פון די אוישוויצער מערדער, איז אים איינגעפאַלן, אַז דער אַלטער כתב־יד, וואָס האָט זיך ניט אָפּגעזוכט, ניט אין אָקספאָרד, ניט אין בריטישן מוזעאום, און ניט אין דער אַמסטערדאַמער ביבליאָטעק, מוז ליגן אין דער אַלטער דייטשער מאָזעל שטאָט — ט ר י ע ר.

שאולי האָט זיך געהויבן איבער די טרעפּ פון דער שטאָט־ביבליאָטעק. שטיקער זון זיינען געפאַלן אויף די מירמל־שטיינערנע קאָלאָנעס, אויף וואַנט־מאַלערייען און אויף הונדערטער ביכער וואָס זיינען געווען צעשטעלט אַרום די ווענט.

דער ביבליאָטעקאַר, אַ יונגער, אַ נידעריקער, מיט אויגן ווי בלויע וואַסער־ליליעס, האָט אַריינגעטראָגן אַ געבונדענע טעקע. פון די געל־גרינע בלעטער פונעם האַריקן פּאַפּיר, האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון פלאַנצן שאולי האָט גענומען דעם כתב־יד און געזען ווי אויף די ראַנדן זיינען נאָך געבליבן פלעקן פון פינגער, וואָס האָבן

זיי באַרירט ביים בלעטערן און מישן. דאָ אויפן ספר, זיינען אויך צוגעשריבן געווען הערות (באַמערקונגען) מיט בלאַסן טינט. שאולים אויגן האָבן אויפגעלייכטן און דאָס האַרץ האָט זיך אים געהויבן.

ער האָט געטראַכט וועגן כוח פונעם געשריבענעם וואָרט, וואָס לעבט איבער גאַנצע תקופות, דורות. דעם ספר האָט דער מחבר געשריבן מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק, אין יאָר 1755. די שטורמס פון יאָרהונדערטער האָבן זיך פאַרבייגעטראָגן. „העפּ־העפּ״־גזירות און פּרייסישער אַנטיסעמיטיזם. ר׳ יהושעס אייניקל, אַדוואָקאַט היינריך פון טריער האָט, צוליב קאַריערע, געמוזט בייטן זיין יידישע אמונה אויפן עוואַנגעלישן גלויבן. אַנדערע אייניקלעך האָבן ווייטער געצויגן דעם תורה־ניגון אין די דורות. אין צווישן איז אויסגעבראָכן דער ערשטער וועלט־קריג, די ברוינע מגיפה, טויט וואַגאָנען, פאַרשיקונגען, גאַז־קאַמערן. יידישע זיידעס און באָבעס, טאַטעס און מאַמעס און אייניקלעך, צווישן זיי אפשר אַזעלכע וואָס האָבן געהאַלטן די בלעטער, זיינען שוין לאַנג פאַר־אַשט און פאַרקאַלעכט געוואָרן אין דאַכאַו, בוכענוואַלד און אויש־וויץ, נאָר אויף דעם כתב־יד האָט די צייט קיין שליטה ניט געהאַט.

שאולי האָט געלייענט דעם שער־בלאַט, וואָס איז געווען אויסגעכתיבה׳ט מיט שוואַרצע אותיות:

שאלות ותשובות
פני לבנה
מהגאון הגדול ר׳ יהושע השיל לבוב
אבד״ק טריער והגליל

(שאלות און תשובות „דאָס פּנים פון דער לבנה״ פון דעם גרויסן גאון ר׳ יהושע העשיל לבוב, דער רב פון דער טריערער יידישער הייליקער קהלה).

שאולי האָט איבערגעמישט איין בלאַט און געלייענט די יחוס־מגילה פונם טריערער רב. ר׳ יהושע העשיל׳ס פאָטער איז געווען דער טריערער רב אהרן לבוב. זיין זיידע ר׳ משה לבוב

פון לוצק, וואָלין. זיין עלטער עלטער־זיידע ר׳ יוסף, דער דיין און ראש בית דין פון קראָקע און אַ שוואָגער פון דעם רמ״א.

דעם מחבר׳ס מאַמע: האָט געצויגן איר יחוס פון די רבנים אין טריער, אין מיינץ, מעץ און וואָרמס. ער איז דער עלפטער דור פון רש״י...

און ווי נאָר דער שרייבער האָט זיך פאַרטיפט אין די בלעטער האָבן זיך גענומען טראָגן ווערטער, קלאַנגען, וועלכע האָבן זיך געשטעלט ווי אַ בריק. ער האָט געהאַט קפיצת־הזמן, גרינג געשפרייזט איבער דורות. דער שפּרונג האָט צענומען די ווענט, באַפרייט פון שטח. די שוואַרץ־פלאַמיקע אותיות האָבן אַרויסגערופן דאָס געשטאַלט פון מחבר. אַ הויכער, אַ דינער, ווי אַ ברוינער לולב מיט ברענענדיקע אויגן און שאַרפע ברעמען ווי פיילן.

שאולי האָט געלייענט די הקדמה, וואו דער מחבר דערציילט וועגן זיינע זיידעס די גאונים פון אשכנז. אין זיין דמיון האָט ער געזען ווי ר׳ יהושע העשילס אויסגעגאַנגענע הענט שפּרייטן פאַנאַנדער בויגנס און ער צירקלט אותיות, דאָס שרייבט ער ענטפערס אויף אָנפראַגן פון טריער, פון די דערבייאיקע שטעט קאָבלענץ, קעלן, קלעווע און אַזש פון אַלטונאַ־האַמבורג. תשובות אויף שאלות וועגן שטייערן, וואָס מען לייגט אַרויף אויף די יידישע קהלות, וועגן יידישע געלט־לייער, וואוכערער, וועגן דעם, ווער עס איז מחויב אויסצוהאַלטן די „לאַנדעס־קנעכט״, די חיילות, וואָס די פּרייסישע קיסרים האָבן אריינגעשיקט אין שטאָט. צי דאַרפן זיך די אָרעמע לייט אין דער קהלה באַטייליקן מיט צאָלן מסים (צינזן) צוגלייך מיט די אָרעמע לייט, צי איז דער שטייער־אָפּצאָל לויט עשירות אָדער לויט נפשות...

פון די געל־גרינלעכע בלעטער האָבן זיך אויך געוויקלט פייערדיקע נביאות׳ן וועגן דער רשעות פון גערמאַנען־לאַנד, וועגן חורבן, וועגן דין און משפט. — — —

אין אַן אַלט־אַלטן פּנקס, וואָס איז געלעגן ביי מיין רבין, מיין שווער יצחק אהרן וואָרמס פון טריער, איז געווען פאַרשריבן, ווי מיט שוואַרץ פייער אויף ווייסן פלאַם: אַ מלך, אַ רשע מרושע וועט אויפשטיין באחרית הימים, אין סוף פון די טעג, ער וועט

זיין פֿון זרע עמלק, אַ זוימען פֿון וואָלף און אַ שפּראָץ פֿון שלאַנג.
ער וועט זיך פֿאַרמעסטן ניט לאָזן, חס וחלילה, קיין שׂריד
ופּליט פֿון די יידן. ער וועט אַריינקריכן אין אַ ריזן־לאַנד, וואָס
ליגט מזרח צו פֿון זיין גרענעץ, ווייל רדיפֿה איז זיין באַגער און
רציחה — זיין תאוה. אָבער ער וועט מער ניט ווי באַצווינגען אַ
דריטל פֿון יענער מדינה. דאָס באַפֿאַלענע לאַנד וועט מלחמה
האַלטן מיט אים, אויסשלאַכטן זיינע חיילות. זיי וועלן פֿאַלן ווי
די פֿליגן ביי אַ פֿאַרפֿרוירענעם טייך... ידעמאָלט וועט דער
רשע אַריינפֿאַלן אין גרימצאָרן און אָנהייבן אויסשעכטן, פֿאַר־
ברענען די פֿאַרבליבענע קינדער פֿון ישׂראל. און ידעמאָלט וועט
קומען די מפּלה פֿון עמלק־פֿאָלק, וואָס איז געגליכן צו דער
וואַלד־חיה, די וואָס די גמרא זאָגט וועגן זיי, אַז זיי ווילן מיט איין
שמיר פֿון דער פֿעדער — וואָס מען רופֿט „קנה״ — אָפּמעקן
די קינדער פֿון ישׂראל. — —

שאולי האָט זיך געוויגט איבער די בלעטער, געזשמורעט מיט די אויגן, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז די טיפֿע שטילקייט פֿון דער ביבליאָטעק זאָל אים ניט איינדרימלען.

„.....איך האָב עס בקבלה, דור נאָך דור, ביז דעם עלטער־עלטער זיידן ר׳ אבֿרהם וואָרמס, און ער פֿון זיינע זיידעס, אַז אין אַן אַלטער צוואה פֿון איינעם פֿון די חסידי אשכּנז, ערגעץ אין רעגנסבורג, אין אויגסבורג, אָדער היילבורג, אין די צייטן ווען די קרייצצטרעגער האָבן אויסגעשאָכטן די יידישע קהילות ביים רהיין, ביים מאָזעל, ביי דער דאָנוי דאָרטן שטייט געשריבן: ׳עתידים יבואו התתרים׳ — עס וועלן קומען די טאָטאַרן, די רוסן ׳מארץ אשכּנז׳ — אין לאַנד גערמאַניע ׳ויחריבו אותה׳ — און וועלן זי צום ערשטן חרובֿ מאַכן; ׳ספק לי כולה או מקצתה׳ — ס׳איז ביי מיר אַ ספֿק צי אינגאַנצן אָדער נאָר אַ טייל...״

אַ נאָכמיטאָג־שטראַל איז געבליבן שטעקן אין ביבליאָטעק פֿענצטער ס׳איז אַהער דערגאַנגען אַ דונערדיקער רעש פֿון אַ פֿאַרביילויפֿנדיקער באַן. שאולי האָט זיך אויפֿגעהויבן און גענומען

שפּרייזן איבער דער לענג פון לייען־זאַל. ער האָט געטראַכט, ווען ער האָט צייט, און וואָלט דאָ געקענט זיצן טעג, וואָכן, וואָלט ער געקאָנט איבערשרייבן דעם גאַנצן ספר, אַזוי וועט ער זיך באַנוגע־נען מיט דער הקדמה, באַווייזן מיט דעם, אַז דאָ איז ווי אַ נבואה פאַרשריבן, וואָס ס'האָט פּאַסירט מיט צוואַנציק יאָר צוריק, ווען דאָס חרובע דייטשלאַנד איז צעטיילט געוואָרן... און ווי נאָר דער שרייבער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט און נאָך ניט באַוויזן אַלץ אַראָפּקאָפּירן, איז לעבן אים אויסגעוואַקסן דער ביבליאָטעקאַר און אין העפליכן שמייכל, וואָס אויף זיין פּנים האָט שאולי פאַרשטאַנען, אַז מען האַלט ביים שליסן די ביבליאָטעק.

ס'איז שוין געווען פאַרנאַכט. שאולי און דער ביבליאָטעקאַר, פון דורות־אָן אַ טריערער, זיינען אַראָפּגעגאַנגען אין גאַס, פאַרביי־געגאַנגען אַן אַלעע, וואו צווישן די ביימער־קרוינען האָט זיך געזען אַ שטיק טריערער הימל, ווי אַ צו־פרי אויפגעגאַנגענער שטערן. דער יונגער דייטש, וואָס האָט זיך פאַרגעשטעלט פאַרן שרייבער ווי אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, האָט זיך באַמיט איבערצייגן דעם שרייבער, אַז די לערע פון קאַרל מאַרקס, וואָס איז דאָ , טאַקע אַ פּאָר טריט פון דאַנען, אויף ברוקען־שטראַסע,— געבוירן געוואָרן ; די טעאָריע איז שוין מער ניט גילטיק, כאָטש די שטאָט נעמט זיך איבער, איז שטאָלץ, וואָס אַזאַ היסטאָרישע געשטאַלט איז אירס אַ זון...

שאולי האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַן אַלטן לינדנבוים, וואו די צווייגן זיינען געווען געדיכט באַוואָקסן מיט ברייטע, שטראַלנ־פאָרמיקע בלעטער, וואָס זייער טיפע גרינקייט האָט זיך געמישט מיטן גרוי־בלויען הימל. שאולי האָט זיך צערעדט :

— ס'וואונדערט אייך, וואָס איך האָב אינטערעס אין יחוס, אין דער גענעלאָגיע פון דעם טריערער געניאַלן מענטשן ? וועל איך אייך זאָגן. איבער דער וועלט גייט איצט אַ נייע רשעות, און אַז דייטשלאַנד וועט ווידער מעכטיק ווערן (זי איז שוין איצט צופיל מיליטאַריזירט !) וועט דאָך די גאַנצע וועלט קיין קיום ניט האָבן... ווי מיינט איר, דאָקטאָר וואָלפסבערג, ? וואָס קאָן צוימען די מילי־טערישע מאַכט פון דייטשלאַנד ? ווער קאָן אָפּהאַלטן דעם שוואַרצן אָדלער, ער זאָל מער ניט אויסשפּרייטן זיינע שטאָלענע פליגל פון מאָזעל־טייך ביזן אָדער ? ביז דער מעמעל ? עס איז טאַקע גוט, וואָס

דאָ, אין טריער, איז מיט קאַרגע הונדערט און פופציק יאָר צוריק געבוירן געוואָרן אַן אייניקל פון דייטשע גרויסע יידן. ס׳איז זיין לערע, וואָס דערלאָזט ניט אַ נייעם טאָטאַלן אומקום...״

דער ביבליאָטעקאַר האָט אַ ווײלע באַטראַכט שאולין. זיין פּנים האָט איצט אויסגעזען אביסל עלטער ווי פריער. ער האָט לאַנגזאם צוגעצויגן צו זיך אַ צווייג פונעם בוים און האָט געשמייכלט. און אַז זיי האָבן זיך צעזעגנט האָט זיך ערשט שאולי געוואונדערט וואָס דער יונגער דייטש האָט אים מער ניט געהאַט וואָס צו זאָגן...

דאס וואָרט באַשטייט

„אַ דור קומט און אַ דור פאַרגייט, און די ערד בלייבט אייביק", ניט נאָר די ערד, אויך דאָס — וואָרט!

מיט הונדערטער יאָרן צוריק האָבן יידן אויסגעוואַנדערט פון די ברעגן ביים מיטלענדישן ים אויף דעם שטח ערד, וואָס ליגט אַרומגערינגלט פון די טייכן: רהיין, דאַנוי, עלבע און אָדער. זיי האָבן אויף דער ערד ניט געפונען זייער גליק. מלאכות און פרייע באַרופן זיינען געווען פאַר זיי פאַרבאָטן. די געזעצן פון דער קירך, פון די קריסטלעכע מלוכות, וואָס האָבן ניט געלאָזן אַרבעטן אויף ערד, האָבן זיי אַריינגעצוואונגען אין שאַכעריי און וואוכעריי. מען האָט זיי באַפוילן אָנצוטאָן מאָדנע מלבושים, מען האָט זיי פאַר שפּאַרט אין ענגע גאַסן, פאַרקלאַפּט די טויערן פון זייערע געטאָס אויף דער נאַכט און באַוואַכט דעם אַריינגאַנג און אַרויסגאַנג.

ענג צוזאַמענגעפּרעסט, ווי געטריקנטע פייגן, זיינען דאָרטן יידן געזעסן; זיי האָבן זיך געמערט און געפּרוכפּערט, אָבער מער פּלאַץ האָט מען זיי ניט פאַרגונען. אָפּגעריסן זיינען זיי געווען פון פרישער ערד, פון גרינע פעלדער, פון בלויע הימלען.

אין עלפטן, צוועלפטן און אינעם דרייצנטן יאָרה. האָט מען איבער פיר הונדערט יידישע קהלות ביים רהיין, מאַין און דער דאַנוי, גע׳הרג׳ט, געפּערטלט. דער שארית הפליטה האָט אויסגעוואַנדערט מזרח־צו, קיין פוילן, סלאָוואַקיי, אונגאַרן. דאָרטן געשלאָגן וואָרצלען.

און אַז אַ נייע צייט איז אָנגעקומען. אין דער וועלט האָט זיך עפּעס איבערגעשטעלט, האָט געלט גענומען פאַרבייטן יחוס און ווערדע. דעמאָלט האָבן אויך די רעכטלאָזע יידן, די אומזיכערע און שוצלאָזע, גענומען גלויבן, אַז זייער פּאַנצער איז געלט. פירשטן און לאַנד־באַזיצער האָבן זיך געגוויטיקט אין יידנס געלט, האָבן זיי אויף אַ צייט געדולדעט די רייכע און די פּראָצענטניקעס.

אין זעכצנטן און זיבעצנטן יאָרהונדערט זיינען יידן געטריבן געוואָרע פון געוויסע שטעט אין מזרח־אייראָפּע, זיך דערפּילט ענג און געדריקט אין אַזעלכע שטעט ווי פּראָג און פּרעשבורג און

פילע פון זיי האָבן אָנגעהויבן אויסוואַנדערן צוריק קיין מערב, צום רהיין, צו דער עלבע און צום צפון־ים אין האָלאַנד. אַ גאַנצע מחנה אָרעמע גערדופטע, אינאיינעם מיט וויניקע רייכערע האָבן זיך באַזעצט אין די רהיין־געביטן און אין האָלאַנד. טייל פון זיי זיינען רייך געוואָרן און אָנגעהויבן באַהערשן דעם מסחר פון מערב־אייראָפּע.

אייניקלעך פון זיידעס אין קראָקע און אין לוצק, אין לעמבערג און בריסק, האָבן זיך באַזעצט ביים רהיין און ביים מאָזעל, און אייניקלעך פון זיידעס אין פויזן און פרעשבורג האָבן געשלאָגן וואָרצלען צווישן די זאַמדן, וואַסער־דאַמבעס, מילן און קאַנאַלן אויף דער ערד פון האָלאַנד, אַרום אַמסטערדאַם, עמספּאָרט און ניימעגן.

ווי צעטיילט די יידן זיינען ניט געווען צווישן זיך האָבן זיי אַלע פאַרמאָגט בשותפות עפּעס, וואָס איז גרעסער פון געלט און שענער פון מאַכט, און דער עפּעס איז געווען דער ס פ ר. זיי האָבן געוואוסט, אַז אַלץ פאַרגייט, אָבער דאָס וואָרט ב אַ ש ט י י ט, בלייבט אייביק ווי די ערד, ווי די הימלען...

זעקס הונדערט זיבן און פופציק טויזנט, דריי הונדערט און ניינצן אותיות זיינען דאָ אין דער תורה. אויף די דאָזיקע אותיות זיינען פאַראַן מיליאָנען אותיות פון משנה, גמרא, און טריליאָנען אותיות פון פוסקים, שאלות און תשובות, חידושים, מפרשים; פיוט און פּאָעזיע, קינות און עלעגיעס, קבלה און פילאָסאָפיע, רש״י און רמב״ם, יהודה הלוי און משה איסערלעס, בן גבירול און יוסף קארו, מהר״ם פון ראָטענבערג און מהר״ם שיף פון פראַנקפורט און ישיבות האָבן יידן געגרינדעט, וואו מען האָט גע׳דרשנט, זיך גע־פלפולט, געקרוינט יעדן אות, ישיבות אין פירט און אין אַמסטערדאַם, ישיבות אין מעץ, אין אַלטונאַ און אין טריער.

„דער טאַטע, דער זיידע, און דער עלטער־זיידע״ — אַזוי האָבן משפחות אין דייטשלאַנד, וואָס האָבן זיך משדך געווען, דערציילט זייערע קינדער די יחוס־מגילה.

צוויי משפחות. איינע אין טריער ביים מאָזעל; די צווייטע אין ניימעגן, ביים ברייטן רהיין, האָבן פאַנאַנדערגעוויקלט זייער יחוס־בריוו און געציילט די נעמען פון זיידעס און באָבעס, ווי

מען ציילט רענדלעך און פּראָצענט. וואָס וואַקסט אָן אויף אַ מאַרק און אַ גולדן.

ר׳ אַהרן לבוב, דער זון פון ר׳ משה לבוב, דער רב און ראש ישיבה פון לוצק, האָט אויסגעוואַנדערט אין דער אַלטער עלזאַסער שטאָט מעץ ביים מאָזעל, און דאָרטן געלערנט אין דער ישיבה און חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון דעם רב יצחק אהרן וואָרמס און גע׳ירשנ׳ט פון אים דעם כסא הרבנות אין טריער. זיין רבנות־שול האָט גע׳ירשנ׳ט זיין זון ר׳ יהושע העשיל לבוב, וואָס זיין תורה האָט געלויכטן ווי לבנה אין מיטן חודש און זיינע שאלות און תשובות האָבן גע׳שמ׳ט אין גאַנץ דייטשלאַנד און מעהרן, אַזש ביז האַמבורג אין צפון און ביז פּראָג — אין דרום. נאָך אים האָט דאָס רבנות אין טריער איבערגענומען זיין זון ר׳ משה לבוב. אַזוי ווי ר׳ משה האָט קיין זון ניט געהאַט האָט ער זיך באַזאָרגט מיט אַן איידעם פון דער דערבייאיקער סארלואי ר׳ מרדכי דער זון פון דער רב פון פּאָסלבערג, ר׳ שמואל הלוי, אַ תלמיד פון דעם גאון ר׳ משה סופר פון פּרעשבורג און ער, ר׳ מרדכי הלוי, איז געוואָרן דער רב פון טריער נאָך זיין שווערס פּטירה, ערב דער נאַפּאָלעאָנישער תקופה, וואָס האָט צעבראָכן די מויערן און טויערן פון דער יידישער געטאָ און געביטן אַ סך ווערטן. ר׳ לוי האָט געביטן זיין נאָמען פּאָסלבערג אויף מאַרקס...

איינער פון די פּרעשבורגער רבנים האָט פאַר זיין טאָכטער זיך איינגעהאַנדלט אַן איידעם, אַן אָרעמען ישיבה בחור, וואָס האָט זיך שוין ניט באַנוגנט מיט די ספרים נאָר זיך גענומען צום מסחר..

אויפן לעדערנעם באַנד פון אַ ספר האָט יחיאל פּרעשבורגער געפונען אַ קוויטעלע מיט אותיות, וואָס זיינען אים געווען אומ־באַקאַנט. ער האָט אַוועקגעטראָגן דאָס קוויטעלע צו אַ געלערנטן קריסט און יענער האָט אים געזאָגט, אַז דאָ איז עפּעס אָנגעשריבן אויף דער האָלענדישער שפּראַך. דעמאָלט האָט יחיאל באַשלאָסן אַוועקצופאָרן קיין האָלאַנד. פאַרן אָפּפאָרן האָט ער זיך געקויפט אַ האָלענדיש לערן־בוך, און ביינאַכט, בעת זיין ווייב איז געשלאָפן, האָט ער שטודירט הונדערטער אויסלענדישע ווערטער, וועלכע

פאַרמאָגן פאַרפלאָנטערטע שרשים ווי וואונדערלעכע בלומען, ביז ער האָט ענדלעך געקאָנט די שפּראַך. אויסגעוואַנדערט קיין האָלאַנד האָט ער זיך באַזעצט אין ניימעגן, ניט ווייט פונעם טייך רהיין. ער האָט זיך אויסגעלערנט ווי צו שלייפן דימענטן און האָט געמאַכט גוטע געשעפטן און דערביי איז ער געבליבן געטריי צו תורה און יידישקייט, ווייל כאָטש די גמרא פאַראורטיילט פאַבריקאַנטן פון פאַלש געלט, אָבער וועגן אַזעלכע, וועלכע מאַכן ערלעך די פאַלשע ברילאַנטן איז דאָרט קיין וואָרט ניט דערמאָנט.

ווען יחיאל פרעשבורגער איז אַלט געוואָרן זיבעציק יאָר האָט ער צונויפגערופן זיינע זין און טעכטער — גאַנצע זיבן — און צו זיי גערעדט. פריער פאַר אַלץ האָט ער זיך געווענדט צו די פיר זין מיט אַ הקדמה, ווייל די טעכטער האָבן ניט געקענט פאַרשטיין, דאָס וואָס אַ מאַנספאַרשוין קאָן פאַרשטיין... „הבל הבלים, הכל הבל" — האָט ער זיי געזאָגט. ווען עס ווערט געבוירן אַ מענטש, דאַרף מען זיך פרייען, ווייל דאָס לעבן איז בעסער ווי דער טויט, און ווען אַ מענטש שטאַרבט דאַרף מען זיך אויך ניט מצער זיין, ווייל דער טויט איז בעסער פונעם לעבן. ווייטער האָט ער גערעדט צו זיינע זין, זיי זאָלן זיך ניט יאָגן נאָך געלט, ווייל דאָס לעבן איז געגליכן צו אַ פאַלשן ברילאַנט: פונדערווייטנס איז עס שיין, קוים רייבט מען עס אָפּ, זעט מען ווי נישטיק עס איז. טרוימען וועגן עפּעס איז דאָס זעלבע וואָס באַזיצן אַ סך, קריגן עפּעס, דאָס הייסט תיכף אַלץ פאַרלירן.

— זין מיינע, — האָט ער געזאָגט — איך וויל דאָ ניט לויבן פאַר אייך אייער געשטאָרבענע מוטער, זאָל איר די ערד גרינג זיין ווי געגנדזענער פוך, נאָר איך מוז אייך זאָגן, אַז איך האָב געמיינט, אַז גאָלד און פּראַצענטן מאַכן גליקלעך אײדער איך האָב פאַרזוכט דעם טעם, אָבער פון אייער מאַמען האָב איך געלערנט אַז אַלץ פאַרגייט ווי דער ווינט, נאָר דאָס וואָרט, געלערזאַמקייט באַשטייט. איך לאָז אייך איבער בירושה די דימענטן־פאַבריק, נאָר דיר — האָט ער זיך געווענדט צום יינגערן זון — דיר, יצחק, לאָז איך איבער דאָס דאָזיקע אייזערנע רינגל, וואָס איך האָב אַמאָל אָנגעטאָן אויף דיין מאַמעס פינגער.

די דאָזיקע רייד האָבן געזאָלט אָנטרעפן אויף אַ גינסטיקן באָדן, ווייל דער זון יצחק איז געווען דער איינציקער למדן צווישן די זין. און ווען דער פאָטער האָט געענדיקט זיינע רייד האָבן שוין אַלע געוואוסט, אַז יצחק וועט זיך ווייניקער אָפּגעבן מיט מסחר און מער מיט פאַרשפרייטן דאָס געלערנטע וואָרט.

יצחק פרעשבורגער איז געווען דער גרעסטער למדן אין זיין שטאָט, נאָר זיינע קינדער זיינען שוין ביט געגאַנגען אין זיינע וועגן. די עלטסטע טאָכטער סאָפיע האָט חתונה געהאַט פאַרן באַנקיר פיליפּ, פאַר דער ייִנגערער טאָכטער הענריעטע, האָט ר׳ יצחק׳ס שכן, קרוב, דער אַמסטערדאַמער רב, לעווינשטאַם, געהאָלפן קריגן אַ חתן פון גרעסטן יחוס...

די קליין־וואוקסיקע, מאָגערע און שניי־ווייסע העני כהן־פרעשבורגער פון ניימעגן איז געזעסן איבער אַ תנ״ך אין דייטשער איבערזעצונג און די פינגער פון אירע דאַרע געקנייטשטע הענט האָבן אויפגעמישט דאָס בוך פון „קהלת״. אירע מידע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף די פּירקאַנטיקע אותיות און זי האָט גע־לייענט מיט אַ פאַרטרערט קול:

„און די זילבערנע שנור וועט צעריסן ווערן און דער גיל־דערנער בעקן וועט צעהאַקט ווערן, און דער קרוג וועט צעבראָכן ווערן ביים קוואַל.— —״

די אַלטע האָט מיט טרויער געטראַכט וועגן די פינף און זיבעציק יאָר פון איר לעבן, וואָס זיינען אַ דורך אין האָלאַנד און וועגן דעם וואָס שטייט איר נאָך פאָר — וועגן טויט. זי האָט איבער־געטראַכט וועגן אירע טעכטער, וואָס זיינען וויט פון די עלטערן. באַיאָרנטע, טיף־ברוינע אויגן זיינען געפאַלן אויף די ווערטער פונעם קהלת־בוך, וואָס זי האָט שוין געלייענט מיט אַ טרוקן קול, ווי זי וואָלט געפונען אין זיי אַ טרייסט. יענטע־אַניטאַ האָט אַצינד די עלטערע איז די פרוי פון אַ באַנקיר און ציילט די גולדנס, ווי איר באָבע־זיידע האָבן געציילט דעם יחוס; די צווייטע, הענ־רעטאַ, האָט גענומען אַ יונגנמאַן פון גרויס יחוס, דעם טריערער רב׳ס זון, נאָר קיין רב האָט ער ניט געוואָלט זיין. ער האָט שטודירט יוסטיץ און איצט גרייט ער זיך צו ווערן אַן אַדוואָקאַט — ווער

ווייסט אויף וואָסערע וועגן ער וועט אַוועקגיין... די מידע אַלטע האָט געלייענט „אַ דור קומט און אַ דור פאַרגייט" — — — „אַלץ פאַרגייט" — האָט זיך די אַלטע אָפּגעשטעלט און זיך אַליין געפרעגט: — „וואָס באַשטייט? — „דאָס וואָרט באַשטייט! — האָט זי זיך געענטפערט.

דער ווײַן פֿון יושר

פֿונעם פּנקס אין דער אַלטער ייִדישער קהילה טריער

מײַן יוגנט איז געווען פֿול מיט דערנער, נאָר די
ליבע פֿון מײַן מוטער האָט מיך געראַטעוועט....
(הײַנריך מאַרקס, אַ בריוו צום זון קאַרל)

טריער 1783.

די נאָכמיטאָג־זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נעענטער צום באַרג. דער אַרויסגעשטרעקטער קאָפּ פֿון דער אַלטער שול אויף וועבער־באַך שטראַסע, וואָס איז געשטאַנען צווישן דער קופּע דעכער פֿון די ייִדישע הײַזער, ווי אַרומגערינגלט פֿון אַ הייליקער עדה, האָט זײַנע צוויי לאַנגלעכע פֿענצטערלעך אין דער סאַמע שפּיץ אָנגעצונדן ווי צוויי ליכט צו מנחה.

די אלמנה פֿון טריערער רב חיה מאַרקס, פֿון מיידלשן נאָמען לבוב, מיט אַ ווײַס טיכל אויף איר קאָפּ, איז געזעסן אין איר מאַנס ספֿרים־חדר און אירע אויגן האָבן געגלאַנצט פֿון תּחינה און געבעט, אַז איר זון העשל זאָל וואַקסן אַ גוטער ייִד.

אין דער ספֿרים־שראַנק פֿון איר פֿאַרשטאָרבענעם מאַן, דעם טריערער רב מרדכי הלוי, פֿון איר טאַטן ר׳ משה לבוב, איז געלעגן אַן אַלטער פּנקס, פֿון וועלכן ווער ווייסט ווי לאַנג אָן. זי אַליין האָט אין דעם פּנקס ניט געקענט אַרײַנקוקן. איר עלטערער זון שמואל, וואָס גרייט זיך איבערנעמען דאָס רבנות פֿונעם טאַטן, האָט פֿאַר איר נעכטן געלייענט אַ מעשהלע, וואָס איז פֿאַרשריבן אין דעם אַלטן פּנקס מיט געדיכטע, געקרייזלטע אותיות. ער האָט געלייענט מיט גרויס פּאַרכט. קיינער איז דערבײַ ניט געווען. איר צווייטער זון העשל איז געקומען צום סוף. ער, איר געראָטענער העשל, איז ניט אַזוי פֿרום ווי דער עלטערער שמואל. ער וויל ניט לערנען אין דער ישיבה. ער וויל שטודירן אין דער גימנאַזיע, טענה׳ט ער, נאָך אַ דאַנק גאָט — האָט חיה אָפּגעזיפֿצט — וואָס ער האָט גע־

הערט דעם סוף פון דער מעשה, וואָס ער ווייסט, אַז ער האָט געהאַט אַן עלטער־עלטער־זיידן...

ביים דערמאָנען זיך אין עלטער־עלטער זיידן ר׳ יוסף הכהן, האָט חיה אויפגעלויכטן. זי איז געווען זיכער, אַז ער ר׳ יוסף, דער ראש בית־דין פון קראָקע, דער שוואָגער פון ר׳ משה איסערליס און מחבר פון ספר „שארית יוסף", וואָס האָט זיך דערוועגט מתיר זיין דינים, איז אַ גרויסער מיוחס אין הימל. וואָרים ניט פאַר זיין כבוד און גדולה, חס חלילה, האָט זיך ר׳ יוסף איינגעשטעלט, נאָר פאַרן יושר, פאַרן אָרעמאַן און אביון האָט ער פאַרבויגן דעם דין.

חיה׳ס ליפן האָבן שטיל געפליסטערט, ווי זי וואָלט זיך אַליין איבערדערציילט די מעשה פונעם פנקס. — — —

„...ווען ר׳ יוסף כץ, דער קראָקעווער גאון און מחבר פון „שארית יוסף" איז אַוועק פון דער ערדישער וועלט, האָבן אַראָפּ־נידערט פון הימל זעכציק־מאָל־זעכציק טויזנט פייערדיקע מלאכים. האָבן אַראָפּגעצויגן פון אים די קליידער אין וועלכע מען האָט אים באַגראָבן, די ווייסע תכריכים און דעם אַלטן טלית, און אים אָנגעטאָן קליידער פון די זילבערנע וואָלקנס, די ענני הכבוד און אים געזאָגט: גיי עס מיט פרייד דיין ברויט, די תורה, וואָס איז געגליכן צו ברויט, וואָס דו האָסט געלערנט ביי דיין לעבן און טרינק דעם געצערטלטן וויין, דעם יין המשומר וואָס איז אָפּגעהיט אין די טרויבן פון ששת ימי בראשית, ווייל דו האָסט געהיט די תורה, וואָס איז געגליכן צו געשטאַנענעם וויין. באַלד האָבן זיך פאַר אים געעפנט די טויערן פון גן־עדן, וואָס זיינען געמאַכט פון גאַרפונקל און וואָס זייערע טורעם־שפּיצן זיינען פון דימענטן און רובין. האָבן זיך פאַרזאַמלט די צדיקים פון גן־עדן און זיי האָבן געפרעגט:

— פאַר וועמען עפענען זיך די טויערן?

— דאָס גרייט מען זיך אַריינפירן אונדזער רבין ר׳ יוסף, וואָס האָט פאַרשפּרייט די תורה אין די שטעט פון פוילן און גאַנץ מדינת עסטרייך און גערמאַניע.!

זיינען אַלע אויפגעשטאַנען פון זייערע גן־עדן שטולן און מען איז אַרויס כתות׳וויז מקבל פנים זיין דעם גאון און דערוויל הערן פון זיין מויל די תורה, וואָס ער האָט צוגעגרייט ביים לעבן צו זאָגן נאָך זיין פטירה.

נאָר דאָ זיינען אַלע צדיקים געבליבן געפלעפט. וואָרים זיי האָבן דערזען אַ מלאך מיט ווייסע פליגל שטיין אין טויער און מיט זיינע צעשפרייטע פליגל, ווער ווייסט וויפיל איילן די לאַנג, פאַרשפאַרט ער דעם וועג פאַר די מלאכים, לאָזט ניט זיי זאָלן אַריינברענגען די נשמה פון ר׳ יוסף׳ן אין דעם היכל, וואָס איז פאַר אים אָנגעגרייט.

— פאַרוואָס לאָזט מען ניט אַריין אונדזער רבין? — האָבן די זיילן פון גן־עדן אויפגעציטערט.

— איך בין באַאויפטראָגט צו שיקן די נשמה אין דעם אָפּגעזונדערטן קאַמער, וואו עס געפינען זיך אַלע וואָס פסקענען קעגן אַ בפירושן דין, — האָבן זיך געשאָטן פייערדיקע רייד פונעם מלאך׳ס מויל, בעת ער האָט געפאָכעט מיט איין פליגל.

— ר׳ יוסף קעגן דין? — האָט זיך דערהערט אַ צעבייזערט קול פון אַ געזעמל ראשי־ישיבה — דאָס קען דאָך גאָרניט געמאָלט זיין! ס׳איז פשוט ניט צו גלויבן. ס׳אַ בלבול!

מלאך, רכילותיאל, זאָג וועלכן דין! — שרייען שוין מיט געריכטן צאָרן עטלעכע תנאים, אַלע ווי מיט איין קול.

— רבותי, — ענטפערט דער מלאך — איך בין נאָר אַ מלאך, וואָס טוט זיין שליחות, פרעג איך אייך: מעג מען פסק׳ענען אַ דין קעגן רש״ין?

— פשיטא, אַז מען טאָר ניט! — הערט זיך אַ געפּאָך פון טויבן פליגל — די נשמות פון אַלע גדולי אשכנז — רבנו תם, ר׳ יצחק פון ווין, דער רוקח פון מיינץ און ר׳ יהודה פון רעגנסבורג — רש״י איז דער ברודער פון דער תורה. דאָס ווייסן קינדער אין די וויגן... — בויגן זיך די קרישטאָלענע גן־עדן ווענט.

— און אַז מען פסקט קעגן רש״ין, איז עס אַן עבירה? — גלייכט זיך דער מלאך אויסביידע פליגל...

— אַוודאי אַ גרויסע עבירה! — ענטפערן דריי צעשראָקענע דיינים — איינמאָל איינגעשטעלט: די הלכה איז ווי רש״י, דאַרף עס אַזוי בלייבן!

— דו, מלאך רשעיאל, זיי מודה, אַז ביסט אַ מוציא שם אויף דעם גאון! אויב ניט וועלן מיר דיר אויספליקן די פעדערן

פון דיינע פליגל און וועסט מער ניט קענען שרייבן מיט זיי אויף די בלויע גן־עדן פאַרמעטן! — צינדט זיך אָן אַזאַ געליאַרעם, אַז מען הערט קיין וואָרט ניט מער. — נאָר איין שאַרף־דין קול רייסט זיך דורך: — אָבער פּאַרט! סטייטש! מורנו ר׳ יוסף הכהן, די רעכטע האַנט פון דעם רמ״א!

— אויב אַזוי זאָל די גמרא אַליין באַווייזן — האָט דער מלאך אַרויסגענומען פון הינטער אַ פליגל אַ גמרא און האָט זי געשטופּט אין געזעמל אַריין פון די צעפייערטע נשמות.

האָבן אַלע אַריינגעקוקט און דערזען: ס׳איז די גמרא בבא מציעא. דער מלאך האָט געעפנט דעם ערשטן בלאַט:

„שנים אוחזין — צוויי מענטשן האַלטן אַ קלייד, דער זאָגט: זי איז מיינע, דער צווייטער — מיינע!...

— קאָן עס דען זיין — טומלט זיך — ר׳ יוסף זאָל צונעמען זיין חבר׳ס קלייד?

— חס ושלום! עס זאָל גאָרניט דערמאָנט ווערן! — בלעטערן זיך די געלע בלעטער.

— הזהב קונה את הכסף, גאָלד און זילבער, און אַז איינער נאַרט אָפּ דעם צווייטן אויף אַ זעקסטל פון זיין פאַרדינסט...

— אַזאַ צדיק האָט אָפּגענאַרט אין געלט־זאַכן?

— חס־חלילה! — פּאַכן זיך די בלעטער פון גן־עדן ווינט.

— איזה נשך ואיזה תרבית? — וואָס מיינט צינזן און וואָס מיינט מערצאָל?

— ווי צו די אויערן וואָס הערן אַזוינס, ר׳ יוסף האָט געריסן פּראָצענט פון אַ ברודער? — הערט זיך א יאָמער־קול פון אַ ווינקל.

— גאָט באַהיט! — פאַרמאַכן זיך די בלעטער.

און אַז דער מלאך איז צוגעקומען צום פרק „השוכר" האָבן זיך די בלעטער צוגעקלעפּט און ווי פאַרשעמט געשוויגן. דער מלאך האָט זיי פאַנאַנדערגענומען און געלייענט מיט אַ ניגון פון אַ לערנער אין מיינץ אָדער וואָרמס:

„טרעגער האָבן איבערגעפירט אַ פאַס ווייַן און זי צעבראָכן. האָט רבא־בר־בר־חנא געמאָנט ביי זיי פאַרן שאָדן. זיי האָבן ניט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן און ער האָט ביי זיי צוגענומען די

קלײדער. מאַכט רש״י: זײ זײַנען שולדיק געווען ווײַל זײ האָבן געזאָלט היטן די פּעסער.

האָט אַזאַ מעשה געטראָפֿן אין קראָקע און ר׳ יוסף האָט גע־פּסקנ׳ט מען זאָל זײ צוריקגעבן די קלײדער. אָבער נאָכדעם האָבן די טרעגער ניט געוואָלט אַוועקגײן, געטענה׳ט: מיר זײַנען אָרעמע לײַט, געהאָרעוועט אַ גאַנצן טאָג און האָבן גאָרניט פאַרדינט. האָט דער ראש בית־דין באַפֿוילן מען זאָל זײ באַצאָלן פֿאַר אַ טאָג אַרבעט. — אמת, אמת! — מיר זײַנען די עדות! — האָבן זיך אָוועקגעשטעלט די נשמות פֿון דרײַ קראָקעווער שמשים...

— אַ האַרבע סוגיא! — טאַקע קעגן רש״ין. עס שטײט דאָך געשריבן: באַשײַן ניט קײן אָרעמאַן, ווען ער איז אומגערעכט! ניטאָ קײן רחמים פֿאַרן דין! — זײַנען אַלע געבליבן שטײן פאַרציטערט פֿאַר די טויערן פֿון גן־עדן.

נאָר דאָ איז צוגעקומען אַן אַלטער גאון, ווער ווייסט, ווי לאַנג ער איז שוין געווען אַ תושב אין גן־עדן, אפשר נאָך פֿון רש״יס צײַטן, אפשר טאַקע רש״י׳ס א תלמיד.— וואָס איז געשען? —האָט ער געפרעגט, און די פֿליגל פֿונעם מלאך און ס׳ליכט פֿון אַלע נשמות זײַנען מחמת יראת הכבוד פֿאַר אים, פֿאַרטונקלט געוואָרן.

— אַזוי און אַזוי! — האָט דער מלאך דערקלערט.

— אמת אַז דער דין איז טאַקע ווי רש״י, — האָט דער גאון געצוימט דעם צאָרן פֿון אַלע אַנדערע — נאָר ר׳ יוסף האָט דאָך געפּסקנט קעגן זײַן אײגענעם זײַדן צוליב יושר, וועט אים רש״י מוחל זײַן, און חוץ דעם, פֿרעג איך אײַך, רבותי, אַן ר׳ יוסף׳ן צווישן אונדז, וואָס פֿאַר אַ פּנים וועט שוין דער גן עדן האָבן? — עס איז באַלד קאָנטיק געוואָרן, אַז דער גאון האָט געשטילט דעם צאָרן פֿון אַלע פֿאַרזאַמלטע נשמות און מען האָט באַשלאָסן פּה אחד, אַלע ווי אײנער, אַז ר׳ יוסף׳ס אָרט און זײַן שטול וואַרטן אויף אים...

די קרישטאָלענע ווענט פֿון גן־עדן האָבן זיך באַלד צעגומען און מיט שמחה האָט מען אַרײַנגעפֿירט ר׳ יוסף׳ן און אים אַרויפֿגעזעצט אויף זײַן שטול, געבראַכט פֿאַר אים אַ גאָלדערנעם שטענדער און שטײענדיק אויסגעהערט זײַן דרשה.

ר׳ יוסף האָט אַזוי לאַנג געדרשנ׳ט ביז די פֿליגל פֿון זעכציק מאָל טויזנט מלאכים האָבן אָנגעהויבן בלאַנקען, און עס האָט זיך

פאַרשפּרייט דאָס ליכט, וואָס גאָט האָט באַהאַלטן אונטער זיין שטול. און געדר׳שנ׳ט האָט ער אויף דעם פּסוק „כרם היה לשלמה״ — אַ ווייִנגאָרטן האָט שלמה געהאַט. — — —

— — פון יענעם טאָג אָן זיצט ר׳ יוסף אויף אַ שטול פון בלויען סאַפּירשטיין אונטער זילבערנע לינדנביימער, וואָס בליען אַ קיילעכדיק יאָר, ווייל ניטאָ אין גן־עדן ווינטער, ניט קיין האַרבסט און בלומען פאַרוועלקן דאָרט קיינמאָל ניט, נאָר זיי בליען כסדר, כדי צו דערפרייען די נשמות פון די לערנער. און ארום פליען־אום מלאכים — אַ שלל רב — ווי שניי, וואָס גייט פון זיבן הימלען, און פון זיין תורה ווערן ווייסע טויבן, וואָס פליען אום פון הימל צו דער ערד און צוריק צום הימל און דערציילן אים אַלץ וועגן מענטשן. טוט אַ מענטש אַ גוטע זאַך ווערט געבוירן אַ גוטער מלאך, וואָס באַלוינט דעם בן־אדם לויט זיינע מעשים, ווי ער איז ווערט. — —

אין צימער האָבן אָפּגעקלאַפּט טריט וואָס האָבן חיה׳ן אויפ־געוועקט. חיה האָט דערזען אירע זין, שמואל און העשל.

— קינדער! — האָט חיה געפרעגט — מיר איז קשה, וואָס איז איז געוואָרן מיטן מלאך? — האָט זי אָנגעשטעלט די אויגן אויפן יינגערן זון.

דער עלטערער שמואל, אַ מאָגערער און אַ הויכער, וואָס איז געשטאַנען ביים פענצטער און אין זיינע אויגן שפּליטערס שקיעה־שיין, האָט זיך דער ערשטער אָנגערופן:

— דער מלאך? קאָן זיין, אַז ער איז פאַרברענט געוואָרן פון ר׳ יוסף׳ס פייערדיקער תורה, אָדער, ווער ווייסט? מעגלעך, אַז מען האָט אים אריינגענומען אין דער כיתה פון מליצי יושר און פון זיינע פעדערן שרייבט מען זכותים אויף מענטשן...

העשל האָט זיך אַ ווילע פאַרטראַכט און געענטפערט:

— מעגלעך אַז אַ מענטש וואָס טוט גוטס פאַר יענעם איז וויכטיקער פון אַ מלאך, און אַז ניט די וואָס היטן שטרענג דעם געזעץ זיינען אויסגעוויילט. געקליבן זיינען די, וואָס ווי אויסגעווילטע לאָגלען פון ריינסטן בוימאייל זאַפּן זיי איין דעם צער פון עלנטן, באַדריקטן. זיי זיינען די געלייטערטע, גערעכטע!

אין זיין יוגנט האָט זיך העשל מאַרקס אַרויסגעריסן פֿונעם טאַטנס אָרעמער היים, פֿאַרלאָזט די גמרא און האָט מיט דער שטילער שטיצע פֿון זיין מאַמען, וואָס האָט אים אַוועקגעגעבן די לעצטע אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס פֿון דער קאַרגער חיונה, און דורך אונטערהונגערן און אונטערפֿרירן זיך דערשלאָגן צו דער אַדוואָקאַטן שולע. נאָר ווען ער האָט געדאַרפֿט אַריבערשפּאַנען דעם באַריער פֿון אַדוואָקאַטור, פֿון יוסטיץ־ראַט, האָבן זיך זיינע שול־חברים, די קריסטן, אויס שנאה און קנאה, געשטעלט קעגן אים. זיי האָבן אַרויסגערופֿן פֿאַר עדות זיינע עלטערן און זיידעס, די טריערער רבנים און אים ניט צוגעלאָזן צו דער פּראַקטיק.

ערשט נאָך זיין היירעט, ווען ער האָט זיך שוין גערופֿן היינריך, און האָט כמעט איבערגעריסן זיינע פֿאַרבינדונגען מיט דער ייִדישער געמיינדע פֿון טריער, און האָט זיך שוין גע׳חבר׳ט מיט דער אויפֿגעקלערטער, ניט־ייִדישער אינטעליגענץ, האָט איינער פֿון זיינע פּאַך־קאָלעגן צוגעטראַכט, אַז עס קען זיין אַ וואוילער שותפֿות מיט דעם ייִדן און האָט געשלאָסן מיט אים אַן אָפּמאַך. היינריך מאַרקס זאָל צוגרייטן און אויסאַרבעטן די פּראָצעסן און ער, ענדערס פֿונק, וועט זיי פֿירן.

איז געווען אַזוי: פֿונק האָט געקראָגן הונדערטער און היינריכן געצאָלט מיט צענערלעך. ביז ער, פֿונק אַליין, האָט איינגעזען די עוולה און געזוכט עס פֿאַרגיטיקן מיט פּריינטשאַפֿט, מיט גוטע רייד און ליוב, מער אין די אויגן ווי הינטער די אויגן, און היינריך מאַרקס נאָמען איז געוואָקסן און מיט דער רעפּוטאַציע — אויך אַ ביסל דער איינקונפֿט.

נאָר אַז מען מוז אין דעם אינטעליגענטן פֿאַך פֿון געזעץ פֿאַרציכטן אויף יושר, אָפֿט מיט ליגן די גערעכטיקייט פֿאַרבלענדן, און פֿון דער פֿאַרבלענדונג עסן ברויט — דאָס האָט היינריך ניט געקענט. האָט זיך יוסטיץ־ראַט היינריך מאַרקס איינגעשטעלט פֿאַר אָרעמע און באַ׳עוולה׳טע, נאָר ניט אַלעמאָל איז עס אים געלונגען. און פֿונק האָט זיך געוואָרגן מיט זיין שותף, ניט אויסצושפּייען און ניט אַראָפּשלינגען. ווי קען ער זיך אָפּזאָגן פֿון זיין ייִדישן שותף —

האָט אַדוואָקאַט פונק גע׳טענה׳ט צו זיינע חברים — אַז מאַנכע ריכ־טער אַליין לעקן גאָר פון אים די פינגער.

עס האָט זיך געמאַכט אַ געשיכטע און די שנאה פון היינריכס קאָלעגן אין יוסטיץ־פאַך, וואָס האָט ביז אַהער געהאַט אַן אָנהאַלט אין קנאה, האָט זיך צעפלאַקערט, אַז פונק אַליין האָט אים שוין גע־געוואָרנט: היינריך! פאַרזיכטיק מיט דער גערעכטיקייט!

געווען איז עס פאַר אַ פראָצעס. די וויינציכטלער פון דאָרף יוליך אין מאָזעל־טאָל האָבן איבערגעשיקט קיין שווערן הונדערטער פעסער ווין און דרייסיק זיינען אָנגעקומען ליידיק. דער ווין איז אויפן וועג אויסגערונען... האָט די „מאָזעל ווין־געזעלשאַפט" גע־מאָנט אין געריכט דעם שאָדן ביי די ווינצלערס און די פויערים האָבן גע׳טענה׳ט דורכן מויל פון זייער פאַרטיידיקער היינריך: זיי זיינען ניט שולדיק. די פעסער זיינען צו לאַנג אין די קעלערס גע־לעגן און דורכגעפוילט געוואָרן פון שימל און פון נעץ. די פירמע האָט זיך איינגע׳עקשנט: דער שאָדן איז זייערס! די פויערים ווען צאָלן! אויב ניט...

אין דער נאַכט פאַרן פראָצעס איז די לבנה אין די הימלען פון טריער געשוואומען צווישן די וואָלקנס ווי אַ פאַרטרערט פנים. היינריך איז אין דער שפעטער נאַכט־שעה געזעסן ביי זיין שרייב־טיש, נערוועז געמישט אַ באַרג פאַפירן און געזיפצט: אַלץ האָט זיך פאַרשוואוירן קעגן אים. אויך זיין שותף פונק האָט זיך גע־שטעלט אויף דער זייט פון די אָנקלאָגער. אין די אויערן קלינגען אים נאָך פונקס רייד ביים פאַרענדיקן צוגרייטן די לעצטע פאַפירן:

— היינריך, געדענק! שאַרפע רייד אין אַ פאָלעמיק, ווייכ־האַרציקייט, מיטלייד, מיינען גאָרניט, די הויפט־זאַך איז דער אַרגומענט!

— איז וואָס־זשע איז ער, היינרי,ך, שולדיק, אַז זיינע קאָלעגן זיינען דייטשן פון דור־דורות און ער אַ ייד — פון דור דורות.

היינריך האָט אויפגעהויבן די אויגן פון דעם באַרג פאַפירן און זיך אַ וויג געטאָן אויף דער שטאָלענער וויג־שטול, באַלד זיי צוגעמאַכט און געטראַכט: די זאַך איז אייגנטלעך קלאָר און לאָזט ניט איבער קיין צווייפל. ער וועט מוזן אַרונטעררייסן דעם ליגן

פֿון גאַנצן געזעץ, וואָס מאָנט שאָדן בײַ אָרעמע ווײַן־אַרבעטער. און אויב עס וועט פֿונקען ניט געפֿעלן? האָט ער שוין גרייט פֿאַר אים אָפֿענע רייד. ער וועט אים זאָגן אומגעפֿער אַזוי:

— הער מיך אויס, קאָלעגע ברויטגעבער! געזעץ האָב איך געלערנט מיט דיר אין פּרייסישן שטאַט, נאָר יושר — בײַ מײַן מוטער. ווילסטו ניט, איז אויס מיט דער שותּפֿות. קעגן וועמען שטעלסטו מיך? קעגן אָרעמאַן! איך געהער ניט צו די וואָס זײַנען געוואַקסן אין זאַטקייט און וואוילטיק. מײַן הויז האָט קיין באַטעפּכ־כטע דילן און שפּאַליר וועגט ניט געהאַט, נאָר פֿענצטער האָט דאָס הויז געהאַט אַ סך און דורך זיי האָט מײַן מאַמע געקוקט אויף ערד און הימל פֿול מיט שטויבונג, פֿול מיט רחמים. אויף אונזער טיש זײַנען ניט אַרויפֿגעקומען פֿליישן און קאַפֿ־הענער, אונדזער טיש האָט געהונקען. מײַן מוטער האָט שייטלעך געבערענט אין אַ ליידיקן אויוון אָבער דעם אָרעמאַן האָט זי דעם לעצטן ביסן אַוועק־געגעבן. איך געדענקט ווי זי האָט דעם זילבערנעם בעכער פֿאַר־זעצט צו צאָלן פֿאַר מײַן שטודיום און אַליין האָט זי פֿון אַ ליימענעם קריגל געטרונקען. דו הערסט, קאָלעגע פֿונק! מײַן מוטער האָט גע־גלויבט אַז ווײַל איר טיש אויף דער ערד איז צעבראָכן וועט זי האָבן אַ גאָלדענעם טיש אין גן־עדן. איך, דאָ אויף דער וועלט וויל פֿאַר־היטן דעם ביסן ברויט אויפֿן אָרעמען טיש פֿון די אָרעמסטע, וואָס־זשע ווילסטו, הער געהיימראַט פֿונק, איך זאָל אויף דער גערעכטי־קייט פֿאַרציכטן? איך בין דאָך פֿונעם זעלבן טייג, וואָס מײַן מוטער געקנאָטן. — —

דער אָנקלאָגער האָט גערעדט מער פֿון אַ שעה, געשטורעמט און געהיצט קעגן די ווינצלער אין מאָזעל־טאָל. מיט קרעפּטיקע און דראַסטישע ווערטער אַרויסגענומען פֿון דער פּרייסישער און רוימישע יוסטיץ האָט ער באַשטעטיקט זײַן „זאַך”.

צום וואָרט האָט זיך געווענדט דער פֿאַרטיידיקער יוסטיץ־ראַט היינריך מאַרקס. ער איז געווען אַ ביסל בלייך און אָנגעהויבן רעדן שטיל און לאַנגזאַם, אָבער וואָס אַמאָל ווײַטער איז זײַן שטים געוואָרן העכער, זיכערער. ער האָט זיך ניט געהיצט נאָר אויפֿן

גרונט פון אַ סך ציטאַטן אויפגעבויט אַ מאַסיוון געביי. נאָר איין מאָמענט האָט געטראָפן ווען ער האָט זיך צעפלאַקערט:

„פון הונדערט און זיבעציק פּראָצעסן זיינען געווען הונדערט מיט דריי קעגן די אָרעמע. מען באַשולדיקט, אַז זיי האָבן באַרויבט די באַזיצער. איז דער געזעץ, הייסט עס, ניט קיין רעליגיעזער גע־באָט נאָר אויך אַ רעכטלעכער? און דערפאַר הייסט עס שטיצט די מלוכה נישט די רעליגיע נאָר דאָס רעכט? אָבער, מיינע הערן, דער כאַראַקטער פונעם גאַנצן געזעץ איז ניט קיין געזעצלעכער. אונדזערע רעכט־פאַרשריפטן דאַרפן מיר נעמען ניט פון רוימישן קאָדעקס, נאָר פונעם אייגענעם האַרצן. דאָס פאָלק האָט געזוג אינ־סטינקט צו באַנעמען אמתע רעכטלעכקייט און אונטערשיידן פון פאַלשע רעכטלעכקייט. אַזאַ געזעץ, וואָס נעמט ניט אין באַטראַכט די לאַגע פון די אָרעמע, די מערהייט פון פאָלק, שטעכט דורך דאָס האַרץ פון געזעץ, וואָס איז גערעכטיקייט. געדענקט אין אייער אייגענעם קריסטלעכן טעסטאַמענט, די ווערטער פון יוחנן: „איך בין דער ווינשטאָק און איר זענט די צווייגן — קיין גרעסערע ליבשאַפט האָט ניט קיין מענטש ווי די דאָזיקע, וואָס אַ מענטש איז מקריב זיין לעבן פאַר זיינע פריינט. — —"

ווען היינריך האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגערוט און געכאַפּט אַ קוק אין זיינע נאָטיצן, האָט ער געהערט ווי עמיצער זאָגט אין דער שטיל:

— דער ראַבינער־זון, ווען עס לוינט זיך אים אייגנט ער זיך צו אונדזער ביבל.

— די ביבל איז אַלעמענס — האָט דער אַדוואָקאַט־פּאַרטיי־דיקער געענטפערט אין דער זייט.

— רואיק! קיינע איבערריידן — האָט זיך דער ריכטער אַ וויג געטאָן אויף זיין שטול — קיינע פּאָלעמיק אין געריכט!

שפּעט נאָכמיטאָג איז הייינריך געגאַנגען צוריק פון געריכט־הויז פאַרביי דעם ברעג מאָזעל. ער האָט געזען די געדיכטע שורות ווינשטאָקן, וואָס זיינען געוואָקסן ביים שפּיץ פון באַרג און גע־טראַכט, אַז דער ווינט, וואָס האָט זיי אינדערפרי געבויגן צו דער ערד, האָט זיי אָפּגעפרישט און איצט גלייכן זיי זיך אויס, גיסן זיך אָן מיט נייער זאַפט וואָס די ערד טרייבט אין זייערע וואָרצלען.

ווערים און לינדנביימער

בערלין 1777

אויף דעם צווייטן שטאָק פון רויט־ציגלדיקן הויז, וואָס אויף דער האַמבורגער גאַס, לעבן דער ברייטער גאַס, וואָס איז געווען פאַרשטעלט מיט הויכע לינדנביימער, זיינען די לאַדן אויף די פענצטער געווען האַלב פאַרמאַכט. אין איין חדר האָט געבלענדט אַ ווייס ליכט, וואָס האָט געוואָרפן אַ געדעמפטע שיין אויף די אַלמערס ספרים, אויף די ווענט.

ביי אַ טישל, אויף וועלכן עס איז געלעגן אַ גמרא, געבונדן אין האַלץ־טאָוולען און באַצויגן מיט ווייסן לעדער, איז געזעסן דער יונגער מאיר אייגער, אַ הויכער, אַ שלאַנקער, ווי אַ גרין־ברוינער לולב, מיט אַ לענגלעך פנים, און אין די ברוינע אויגן אומעט. ער האָט געקוקט אויפן שער־בלאַט פון דער דיקער גמרא, וואו די אותיות, שפּיציקע, קיילעכדיקע, האָבן געלויכטן מיט זייער פרישער דרוק־שריפט:

„נדפס פה ק״ק בערלין, קרית מלך רב
של אדוננו הגדול המיוחס מאוד, המהולל
והאדיר פ ר י ד ר י ך מלך פרוסיא ודוכס ברנדנבורג
השם ירום הודו וינשא מלכותו מעלה מעלה״

(געדרוקט דאָ, אין דער הייליקער קהלה בערלין, מלוכה־פּלאַץ פון אונדזער גרויסן קעניג, דעם מיוחס, דער געאַכפּעטער און מעכ־טיקער פרידריך דער גרויסער, קייזער פון פּרייסן און פירשט פון בראַנדענבורג. גאָט זאָל הויבן זיין פּראַכט און זיין קעניגרייך!״)

דער לאָמפּ, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש, האָט צעגאָסן אַ קאַרגע שיין, וואָס האָט זיך אויסגעמישט מיט די שאָטנס אַרום די ווענט.

שוין צוויי חדשים ווי דער יונגער מאיר האָט אַרומגעוואַנדערט איבער שטעט און דערפער פון די פּרייסישע פּראָווינצן. נאָכן טויט

פון זיין פאָטער, דעם גאון ר׳ שמחה בונם פון האַלבערשטאָט, האָט דער עלטסטער זון ר׳ עקיבא איבערגענומען די רבנות שטול און דער ייִנגערער מאיר האָט זיך אַריבערגעצויגן קיין פירט, אין מזרח דייטשלאַנד, וואו ער האָט באַקומען אַ דערלויבעניש צו עפענען אַ דרוקעריי. ער האָט זיך דעריבער געלאָזן אין די אַלטע דייטשע שטעט, וואו עס האָבן זיך פון קדמונים־אָן געפונען יידישע דרוקערס, געוואָלט ביי זיי איינקויפן שריפט. בעת זיין נסיעה האָט ער דורכגעמאַכט אַלע בזיונות, וואָס אַ וואַנדערנדיקער ייד מאַכט דורך אין די מקומות. ביים פעטער וואָלף פרעסבורגער אין בערלין האָט ער זיך אָפּגערוט, אָבער ער האָט אַלץ ניט געקענט פאַרגעסן אָן די טרעפּעניִשן פון דער לאַנגער רייזע.

בעת זיינע וואַנדערונגען איבער די זאַקסישע און איבער די פּרייסישע דערפער, האָבן די ׳טומאה׳ס׳ מיט די רויט־שינדלענדיקע און שפּיציקע דעכער און טורעמס אויף אים אָנגעיאָגט אַ פּחד...

וואָס נעענטער ער איז צוגעקומען צו די פירשטלעכע פּראָווינצן, טיורינגען, זאַקסן־אַנהאַלט, בראַנדענבורג — אַלץ אָפטער האָט ער געהערט די זידלערייען און די שפּאָטישע אויסרופן פון די איינוואוינער אין אַ וואַלד, ערגעץ צווישן האַללע און דעסאו, האָט ער זיך באַגעגנט מיט וואַלד־היטער און יעגער, ריזיקהויכע דייטשן, באַוואָפנטע מיט כלי־זין און פאַרדרייטע בלאָזהערנער, און אַז ער איז אַריין אין אַ שטאָט און זיך אַרומגעדרייט צווישן די „בינקל־יודן" (יידישע מאַרק־הענדלער) מיט פאַרביקע לאַטעס אויף זייערע קליידער, וועלכע האָבן אויסגערופן זייערע סחורות, האָבן בלאָנדע יינגלעך מיט רשעות׳דיקע פונקען אין די העל־בלויע אויגן, אים געשטויסן און נאָכגעשריגן: „יודע, יודע, מינצע!" (געלט...)

אין פאָסטדאַם, וואו עס איז געווען די רעזידענץ פון פירשטנטום, און וואו ער, מאיר, האָט פאַרבראַכט גאַנצע דריי טעג, האָט ער געדאַנקט גאָט, וואָס ער איז פון דאָרט אַרויס מיט גאַנצע ביינער. וואו אַ קער — לאַנדס־קנעכט, מיליטער מיט שוואַרצע און שווערע ביקסן, מיט שאַרפע שווערדן; וואו אַ ווענד — צלמים, גלייכע, קרומע, איבערגעהאַקטע...

גאַנץ פּרי האָט זיך מאיר איבערגעוועקט פון אַ דונער־געקנאַל. דאָס האָבן דעם קייזערס חיילות געמאַכט איבונגען. דער בראַנדענבורגער ראש הקהל, זלמן ווענצלער, וואָס האָט געוואוינט אין פּאָסטדאַם, ווייל ער האָט באַזאָרגט דעם קייזערס מיליטער מיט שפּייז, האָט מיט דעם יונגן מאיר אייגער, געקנעלט „פּאָליטיק״. ער האָט אים געוואָלט געבן צו פאַרשטיין וואָס מיינט פּרייסן: איר געשטאַלט איז ווי אַן אָדלער, וואָס איין פליגל זיינער שטעקט אויפן באַרג יוליך, ביים רהיין און דער צווייטער פליגל — ביים טייך מעמל, לעבן רוסלאַנד. אין צווישן די פילע קריגערישע פּראָווינצן, אין מיטן פליסט אויך די עלבע, מזרח צו — דער אָדער, די נייסע. פּרייסן פאַרנעמט זיך איינגעמען די וועלט...

ווי אַ וואָלף אין וואַלד — האָט מאיר געטראַכט — ווי אַ וואָלף וואָס פאַרצוקט און קיינער שטעלט זיך אים ניט קעגן...

— ווי אַ בער, — האָט זלמן געזאָגט. דער נאָמען פון דער שטאָט בערלין נעמט זיך דאָך פון ב ע ר... אַ בער צעשפּרייט זיינע לאַפּעס, און אַז עס קומט אַ גרעסערער בער דעמאָלט אַנטלויפט ער און ברומט אליין אין זיין נאָרע...

אין דער פרי, אַז מאיר איז געגאַנגען אין בית־מדרש אין יידן־פערטל, האָבן זיך קאַלטע נעפּלען געטראָגן פון דערבייאיקן טייך האַוועל. פון דער שיטער־געוואָרענער גרויקייט איז אַרויס־געשוואומען אַ פעלז און אויף זיין הויך אַ קופּערנער רייטער, וואָס איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן אין זיין שפּרונג, ניט אַנדערש ווי אַ מעכטיקער אָרעם וואָלט אים באַפוילן: עד כאן! ביז אַהער! און ער האָט געמוזט פאָלגן, אַ ברירה האָט ער געהאַט?

אַ שוידער איז אַדורך מאיר׳ס רוקן. עס איז אים איינגעפאַלן, אַז דאָס איז אַ שטיק גוג ומגוג, אַן אָנזאָג אויף משיח׳ס צייטן. און אויף מאָרגן, אַז ער איז ווידער פאַרביי דעם רייטער האָט ער שוין געזאָגט אַ תפילה: דאָס מלכות פון רשעות, צעברעך, רייס אויס, דערנידעריק, ברענג אויף זיי שפלות, הכנעה, אמן! — איז אָבער די געשטאַלט אַרויסגעשוואומען פונעם נעפּל און האָט אים גע־וואָרנט: ייד, דו אַזאַ און אַזאַ! האָסט פאַרגעסן אין וועמענס לאַנד דו געפינסט זיך? און נאָכדעם האָט זיך שוין דער קופּערנער רייטער

באַוויזן צו אים אויך דאָ אין בערלין, ווען איז פאַרבייגעגאַנגען די גאַס וואו עס וואַקסט דער לינדנבוים...

מאיר האָט אַרויסגעדרייט אַ קנויט פונם לאָמפּ, גרעסער גע־מאַכט די שיין, אַריינגעקוקט אין דער ברייטער גמרא און געטראַכט, אַז די אותיות זיינען שיין, אַ פּראַכט! דער פעטער מוז אים העלפן באַקומען די שריפט. ער האָט אָנגעהויבן לערנען מיט אַ ניגון. „אמר יעקב, האָט יעקב געזאָגט: דאָס וואָס עס שטייט געשריבן אין פסוק: ׳גיב ניט נאָך דעם פאַרלאַנג פונעם רשע, אַ צוים טו אים אָן! ער זאָל ניט אויספירן!׳ — דאָס מיינט מען די שטאָט פון גאַרמומיע אין רוים, ווייל ווען מען לאָזט איר, גייט זי אַרויס און מאַכט חרוב די גאַנצע וועלט... — מאיר האָט זיך דערמאָנט, וואָס ער האָט געהערט אין האַלבערשטאָט אַ טייטש פון דעם גרויסן גאון פון אַלטונאַ: ר׳ יעקב עמדין.. יענער האָט געהאַלטן אַז די גמרא מיינט בפירוש מיטן וואָרט ׳גרמומיע׳ — גערמאַניע —דאָס איז אונדזער דייטשלאַנד...

מאיר האָט זיך געוויגט איבער דער אָפענער גמרא, זיך גע־וואָלט ראַטעווען פון אומעטיקע מחשבות און ניט געקאָנט. אין זיין מוח האָבן זיך געפּלאָנטערט: לינדנביימער, אשרות הייסן זיי אין הייליקן לשון — דאָ ניט ווייט, וואוינען יידן, וועלכע האַנדלען מיט טוכן, מיט בוימוואָל, מיט זיידנס און גלאָזוואַרג, דימענטן און צירונג. אין גאַנץ מדינת פּרייסן זיינען פאַראַן אַרום דריי טויזנט פאַמיליעס, וואָס צאָלן דעם קייזערלעכן שטייער פאַר זייער וואוינרעכט. אין בערלין 190 משפחות. צווישן זיי עטלעכע נגידים, וואָס דער פעטער וואָלף האָט אים באַקאָנט מיט זיי. דוד פראַגער האָט אין פּאָטסדאַם אַ זיידן־קראָם, לוי הירש פאַרמאָגט אַ טוך־וועבעריי אין שאַרלאָטנבורג, יוסף אולף האָט אַ באַנק־קאָנטאָר, שמואלקע קעניגסבערג איז אויך אַ וואוכערניק און דער פעטער אַליין קויפט אין לייפּציק דרוק שריפט, טינט. אַ גאַנצן טאָג איז ער מיטן ווייב פאַרנומען אין געשעפט, און אַז אין די אַלמערס שטייען די ספרים, איז וואָס? אַז רק מען מסחר׳ט, מען האַנדלט. די תשוקה, דער באַגער רייך צו ווערן פלאַמט. זאָל די שעה ניט זיין און דאָס רוצחיש בלוט פון גוג און מגוג וועט אָנהויבן זידן, וואָס וועט דאַן העלפן געלט, פאַרמעגן? אוצרות גאָלד און זילבער וועלן

ניט העלפן, — האָט זיך מאיר געשאָקלט: באַשטיין קאָן נאָר דאָס וואָרט, די תורה. — ער האָט אַ זיפץ געטאָן און איבערגעמישט דעם בלאַט.

און ווי נאָר מאיר האָט זיך צעוויגט מיט ברען, אונטער־געברומט אַ ניגון, האָט זיך די טיר געעפנט און דער פעטער מיט דער מומען זיינען געשטאַנען אויף דער שוועל.

מאיר האָט פאַרמאַכט די גמרא און זיך אויפגעשטעלט.

— אַזוי פרי?

— געווען פיל קונים?

— פרעג ניט. געווען, געווען!

מאיר האָט זיך גענומען שאַרן צום שלאָף־צימער און זיך דערמאָנט אַז זיין פעטער האָט אים צוגעזאָגט דערציילן די געשיכטע וועגן לינדנבוים ביי דער שפּרעע, האָט ער זיך צוריקגעקערט.

און אַז די מומע צירלין האָט אַריינגעטראָגן צוויי שאָלן טיי און מאָן־קיכלעך האָט זיך וואָלף געזעצט אין זיין פאָטער־שטול און אויסגעזען ברייטער ווי ער איז געווען. מאירן איז איינגעפאַלן, אַז דער נאָמען וואָלף פּאַסט גאָרניט צו זיין גאַנצן געשטעל.. וואָלף האָט דערציילט ווי ער וואָלט געלייענט פון אַ מעשה־בוך.

„איידער נאָך עס איז געווען אַ שטאָט איז שוין געווען אַ טייך און עס איז שוין דאָ געוואַקסן אַ בוים. ער איז דאָ אַמאָל געפלאַנצט געוואָרן אויף זאַמדן, וואָס האָבן זיך געצויגן ביז די פישער־דערפער. און די פישער? — ברייטביינערדיקע, מיט בלאָנדע האָר און בלויע וואַסערדיקע אויגן, האָבן זיך געשיצט אין זיין שאָטן און געקניט פאַרן בוים, אים געדינט ווי אַ געץ. פונוואַנען עס זיינען געקומען די זאָמען פאַרן בוים, צי האָט דער ווינט אַהער פאַרטראָגן די זריעה? אָדער האָט די מאָגערע ערד אַליין געמאַכט שפּראָצן דעם לינדנבוים, דעם בוים־ריז?

—„דאָנער וועטער" — זאָגן די גוים. דאָס הייסט, אַז בלויז דער דונער־געץ ווייסט געגנוי...

— און ווי לאַנג צוריק איז עס געווען? ווי אַלט איז דער דאָזיקער בוים? — האָט זיך אַ פייערל אָנגעצונדן אין מאירס אויגן, און ער האָט אויסגעזען נאָך דינער, איננאַנצן ווי אַן אָנגעצויגענער פיילן־בויגן.

— אַוודאי נאָך פון קדמונים־אָן, — האָט וואָלף געזאָגט, — פון יענע צייטן, איידער די גערמאַנער האָבן אָנגענומען די נייע אמונה פונעם געקרייציקטן, — האָט דער ברייטער וואָלף אַוועק־געשאַרט די לײדיקע גלאָז און זיך אָפּגעווישט די ליפּן — ער האָט דערציילט ווי מען לייענט אַרויס פון אַ מגילה.

„אין די ביכער שטייט געשריבן, אַז אין איין טאָג זיינען אַהער געקומען נזירים, וואָס מען רופט זיי מאָנאַכן און זיי האָבן אַהער געבראַכט די נייע אמונה, פונעם תלוי (געהאָנגענעם).. שפּעטער זיינען די מאָנאַכן פאַרשוואונדן. די פּישער־לייט זיינען געוואָרן באַלעמעלאָכעס. אַ שטאָט איז דאָ אויסגעוואָקסן, און גערופן האָט מען זי בערלין, ווייל דאָ איז געווען אַ ווייסער בער... הקיצור, עס זיינען ניט פאַראיבער קיין יאָרן און דער בוים איז שוין געשטאַנען אין סאַמע האַרץ פון דער שטאָט, און דעמאָלט האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין זיין שטאַם די יונקערס...

— יונקערס? — האָבן זיך ביי מאירן געהויבן די שאַרפע ברעמען.

— מיט דעם וואָרט באַצייכנט מען אַ טיף־גראָבנדיקן וואָרים, וואָס באַזעצט זיך אין וואָרצל פונעם בוים און פאַרשפּרייט דאָרט זיין סם, אַ ברוינעם גיפט וואָס פרעסט דעם בוים. דער סם ריזלט אין בוים און דערגייט ביז זיינע צווייגן, ביז די קרוין־שפּיצן. מען שמירט דעם בוים אויס מיט קאַלך, אָבער עס העלפט ניט. פון דרויסן זעט דער בוים אויס שיין, ווי ער וואָלט זיך ערשט צעבליט, נאָר אינעווייניק פרעסן אים די יונקערס, די ווערים. זיי פאַרצערן אים פון וואָרצל ביז דער קרוין..."

ביז צוויי שעה נאָך האַלבער נאַכט איז מאיר געלעגן אין בעט און געדרימלט מיט אָפענע ווייעס. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער זעט זיין פאָטער, זיינע זיידעס, וואָס האָבן נאָך געלעבט אין דייטש־לאַנד אין די יאָרן פון „דרייסיק־יאָריקן קריג", אַז זיי שטייען איבער אים און רעדן אין אים אַריין:

— אַזוי און אַזוי, עס וועט קומען אַ צייט און ס'מלכות הרשעה פון גערמאַניע וועט ווידער צעטיילט ווערן אויף דריי חלקים, אויף פיר טייל, ווי אין אונדזערע צייטן, ווען זיי האָבן געשאָכטן איינס דאָס אַנדערע. דאָס וועט זיין נקמה. — —"

ווערים און לינדנביימער

מאיר האָט ניט געקאָנט איינשלאָפן. ער איז אַראָפּ פון בעט און איז צוגעגאַנגען צום פענצטער. אַ פייכטער ווינט, וואָס האָט זיך געטראָגן פון טייך האָט צעטריבן דעם נעפּל און אַרויסגעשיילט דעם בוים. מאירן האָט זיך געדאַכט, אַז ער זעט די „יונקערס”, די סמ׳ייקע ווערים פון אונטער די פּאַרדרייטע וואָרצלען, וואָס זיינען ווייס, ווי קרעציקע שלאַנגען־פעל. אַ מזרח ווינט האָט געשאָקלט דעם בוים. ער האָט געקלונגען אין ווינט און מיט זיין גאַנצער שווערקייט זיך געבויגן צו דער ערד.

דער אָדלער און די טויב

טריער מאַי, 1818

דוד בראָמבערג, דער קורצוואוקסיקער שמש פון דער אַלטער שול, איז געשפּרונגען פון איין באַנק צו דער צווייטער און מיט דעם חלבן ליכט, אין דער האַנט, אָנגעצונדן די מעשענע הענג־לייכטער, וואָס זיינען געהאָנגען, דאָ האָט ער אָפּגעשוירן אַן אָפּגעסמאַליעטן קנויט און דאָ אויסגעגליכן אַן אָפּגעברענטן שנויץ.

דורך די פענצטער פון דער שול אויף וועבערבאַך שטראַסע האָט זיך געזען אַ לאַנגער פּאַס מאָזעל, וואָס האָט געבלויט אויפן האָריזאָנט. די זון האָט זיך געזעצט און איר בונטער אָפּשיין האָט נאָך געפלאַמט אויף די קאַרניזן און אויף די קרומע פענצטער אונטערן שוואַרצן משופּע'דיקן דאַך. ס'איז געוואָרן טונקלער און עס איז אַנטשטאַנען אַן אָפּגעלאָשענע בלויקייט. ביסלעכווייז האָט זיך די שול אָנגעפילט מיט מתפּללים, יעדער איינער האָט זיך געזעצט אויף זיין פּלאַץ.

ביי דער מזרח־וואַנט, לינקס פון ארון־קודש, איז געשטאַנען דער יונגער טריערער רב, ר' שמואל הלוי מאַרקס, און לעבן אים דער פּרנס פון דער קהלה, אַנשל יוליך, אַ בייכיקער ייד מיט אַ גאָלדענער קייט אויפן שוואַרצן געהאַקטן סורדוט. רעכטס איז געשטאַנען דער שווער פון רב'ס ברודער, ר' יצחק פּרעסבורגער פון ניימעגן, האָלאַנד, וואָס איז געווען צוגאַסט ביי זיין טאָכטער הענריעטא, די פרוי פונעם אַדוואָקאַט היינריך־העשל מאַרקס. ר' יצחק, אַ הויכער און אַ שלאַנקער, ווי אַ טייטלבוים, מיט אַ שמאָל איידל פּנים און אַ לענגלעכע בלאָנדע באָרד, דורכגעפּעדימט מיט גרוי, האָט געהאַלטן זיין בליק צוגעשמידט צום אָפענעם ספר, וואָס איז געלעגן פאַר אים.

ווען דער חזן האָט געענדיקט „עלינו" — "אין יענעם טאָג, וועט גאָט זיין איינער און זיין נאָמען איינער" — האָט זיך שוין דער

בלויער פרילינג־פֿאַרנאַכט געשפּרייט איבער דער שטאָט. דאָ און דאָרטן זיינען נאָך געשוואומען שטיקלעך וואָלקן, געבלאָנדזשעט אין דער ווייט און געטריבן אַ קליינע לבנה, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ זילבערנער האָרן.

אַז דער לעצטער קלאַנג פֿון „קדיש“־זאָגער איז אויסגעגאַנגען אין חלל, איז דוד דער שמש צוגעגאַנגען צום רב און אים עפּעס איינגערוימט אין אויער. דער רב האָט אים געענטפֿערט מיט אַ קאָפּ־שאָקל... דער שמש איז אַרויף אויף דער בימה און אויסגערופֿן מיט אַ יום־טובדיק קול:

— מורנו, אונדזער ראַבינער, פֿאַרבעט די הייליקע געמיינדע צו אַ שמחה, ווייל עס איז געבוירן געוואָרן אַ זון ביי זיין ברודער, יוסטיץ־ראַט היינריך און זיין פֿרוי הענריעטאַ.

דער זיצנדיקער עולם אין שול האָט זיך אומגעקוקט, און געבליבן זיצן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, ווי זיי וואָלטן זיך געשעמט וואָס דער פֿאָטער פֿון ניי־געבוירענעם, דער געלערנטער און פֿריי־דענקער היינריך מאַרקס איז דאָ ניטאָ...

ביי ר׳ שמואל מאַרקס אין הויז, אויף וועבערבאַך גאַס, אין גרויסן עס צימער איז דער טיש געווען באַשטעלט מיט פֿלעשער וויין, מיט טעלער און טאַצן פֿולע מיט געבעקס, פּירות, פֿלוימען און ווייַנטרויבן, כּיבוד פֿאַרן עולם. עס איז דאָ געשטאַנען אַ ריח פֿון בשמים און פֿריש געבעקס.

אַז די צוויי מחותּנים, ר׳ שמואל און ר׳ יצחק, זיין גאַסט, האָבן פֿאַרענדיקט דאָס בענטשן אויף זילבערנע וויין־כּוסות, האָט דעם רבס טאָכטער, מערלע, אַ טונקעלע, אַ דיקלעכע, געראָטן אין טאַטן, געזאָגט מיט כּוונה: אמן!

באַלד האָט זיך געעפֿנט די טיר און עס זיינען אַריינגעקומען די געלאַדענע געסט. די ראשי־קהל, יידן סוחרים מיט קורצע אונטערגעשוירענע בערד, געקליידט אין גרינע געהאַקטע סורדוטן און האַרטע קאַפּעליושן. מען האָט זיך אָפּגעקושט, גענומען צו ביסלעך וויין, פֿאַרביסן און געוואונטשן דעם זיידן, דעם פֿעטער, דער מוטער, וואָס איז דאָ ניט געווען...

עס איז אַוועק אַ שמועס וועגן נייעס אין לאַנד, וועגן נייעס

אין דערבייאיקן פראַנקרייך. זעקל ווינער, אַ לאַנגער ווי אַן עירוב־שטאַנג, און דין ווי ריטל, אַ ייד, וואָס האָט געפירט מסחר מיט מעץ, מיט סאַרלואי און שטראַסבורג, האָט זיך גאַרניט געקאָנט אָפּ־לויבן פון דעם נייעם טריערער גייסטלעכן אַלבערטי, דערציילט, אַז דער כומר האָט לעצטן „הייליקן פרייטאָג" באַפוילן אַרויסצונעמען פון זיין דרשה וועגן דער קרייציקונג די פּעריפעדיע...

— די פּעריפעדיע? — וואָס איז דאָס? — האָט דער גאַסט ר' יצחק געקנייטשט דעם למדנישן שטערן.

— דאָס איז אַ תפילה, וואָס זאָגט, אַז יידן זיינען שולדיק אין דער קרייצציקונג פון יעזוסן — האָט דער רב געענטפערט.

דער נייער גייסטלעכער איז אַ ליבעראַל, אַן אָנהענגער פון נאַפּאָלעאָנען — האָט זיך זעקל ווינער געשאָקלט — ער איז געניגט לטובת אונדזערע ברידער...

— ליבעראַליזם, עמאַנציפּאַציע, סנהדרין, אָבער וואָס קומט אַרויס פון דעם אַלעם? — האָט זיך ר' יצחק אַריינגעמישט אין זעקלס רייד — מיר וויסן שוין, ווען יידן באַקומען מער רעכט, מיען זיי זיך צו געפעלן די ניט יידישע איינוואוינער און פון דאַנען — איין טראָט צו דער קירך...

ר' שמואל האָט אָפּגעזיפצט, און ווי ער וואָלט זיך אַליין וועלן אויפהייטערן האָט ער אַריבערגעקוקט איבערן טיש און געזאָגט:

— עולם, ס'וואָלט געווען ניט מער ווי רעכט, מען זאָל דער־ציילן אונדזער גאַסט עפּעס וועגן אונדזער אַלטער קהלה. למשל די מעשה וועגן דעם אָדלער און דער טויב אויפן „דאָם".

— אָ, דיזע געשיכטע פון אונדזער אַלטן פּנקס, געוויס, געוויס! — האָט זיך לוי האַמערשלאַג, אַ ייד אַ גבר, אין די פופציקער מיט אַ גרוילעכער באָרד, צעשפּאָלטן אויף צוויי, ווי ביי אַן עסט־רייכישן פרינץ, אַ וויג געטאָן אויף זיין בענקל און גענומען דער־ציילן. זיינע רייד האָבן זיך געריעדלט איבער די קעפּ פון די זיצנדיקע און דער עולם, וואָס האָט שוין די מעשה געוואוסט אויף אויסווייניק, האָט אַלץ געהערט מיט אויפמערקזאַמקייט, ווי זיי וואָלטן עס געהערט צום ערשטן מאָל.

„די קירך, וואָס מען רופט דער „דאָם" אָדער „באַזיליקאַ" שטייט שוין דאָ, אין טריער, פון קדמונים אָן. וויסן דאַרף מען,

אַז מיט הונדערטער יאָרן צוריק, אפשר טויזנטער יאָרן, נאָך אין די צייטן פון קאַראַלײנישן קיניגרייך, האָבן אויף דעם שטח לאַנד, צווישן ריינוס, מאָזעל און דאַנוי, — און דעם טייך, אַרדאַנוס, היינט רופט מען אים עלבע — געוואוינט גערמאַנישע שבטים, וואָס זיינען אַרויס פון די טויטנבורגער וועלדער און געדינט צו די געצן, וואָטאַן, האַמאַניע. זיי האָבן געמאַכט רינגען פון שטיין — טרויאַרבורגער רופט מען זיי — האָבן אויך דער־פונדן שטיקער האָלץ, וואָס זיי האָבן איבערגעקרייצט און אַרויסגעשלאָגן פון זיי פייער־פונקען. שפּעטער האָבן זייערע קינדס־קינדער אָנגענומען דעם גלויבן אינעם צלם...

לוי האַמערשלאַג האָט אויפגעהערט דערציילן, ווייל דער רב, ר׳ שמואל, האָט געוויזן מיט דער האַנט, אַז ער וויל עפּעס זאָגן.

— פון מיין זיידן ר׳ משה׳ן, וואָס האָט עס געהערט פון זיין פאָטער ר׳ יהושע העשיל, האָב איך בקבלה, אַז די דאָזיקע צפון־איינוואוינער זיינען די פעלקער פון גוג און מגוג — האָבן זיך ביים רב געוועקט די יונגע גליאיקע אויגן אונטער די שוואַרצע ברעמען — אויף די דאָזיקע מענטשן האָט דער נביא געזאָגט: אָט קומט־אָן אַ פאָלק פון צפון־לאַנד, בויגן און שפּיז האַלטן זיי. זייער קול ברומט ווי דער ים, אכזרים זיינען זיי" — — ער האָט איבער־געריסן און אַ וואונק געטאָן צו לוין: — דערצייל, אָבער דערצייל!

„מיט הונדערטער יאָרן צוריק איז עס געווען. די קריסטן האָבן אויפגעבויט די תיפלה אויפן נאָמען פון זייערן אַ הייליקן. און ס׳איז געווען נאָכדעם ווי זיי האָבן אויפגעשטעלט דעם טורעם, דעם שפּיץ, וואו זיי האָבן אויפגעהאָנגען דעם תלוי, און יענער טאָג איז ביי זיי געווען חגא — אַ פייער־טאָג.

דער געהאָנגענער איז שוין געהאָנגען אויפן שפּיץ איז אָנ־געפלויגן פון די הימלען אַן אָדלער, וואָס האָט געהאַלטן אין די נעגל אַ ווייסע טויב, וואָס ער האָט אַוועקגעכאַפּט פון אַ טויבנ־שלאַק אין אַ ווינגאָרטן. די טויב האָט זיך געצאַפּלט צווישן זיינע שוואַרצע נעגל, און אַז דער אָדלער האָט זיך געוואָלט אָפּ־רוען אויף זיין וועג צום שוואַרצוואַלד, האָט ער דערזען דעם שטיינערנעם אָפּגאָט, און האָט אָפּגעלאָזן זיין רויב פון די שטייפע

נעגל. דאָס טייבעלע איז אָראָפּגעפאַלן און געבליבן ליגן אויפן געהאָנגענעם גאָט...

איצט איז דער אָדלער אַריינגעפאַלן אין גרימצאָרן, ווייל עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דער תלוי רויבט ביי אים אַוועק זיין פאַנג, די טויב. מיט אַ ווילדן געשריי האָט דאָס טמאַ־פויגל געגנידערט אויף דער פאַרוואונדעטער טויב. ער האָט אין איר אַריינגעשטאָכן זיינע שאַרפע נעגל. דאָס טייבעלע האָט זיך געצאַפּלט אין יסורים און דער אָדלער האָט געגנאָגט איר בלוט, געפּליקט איר וואַרעם פליייש. ער איז שוין ניט אָפּגעפלויגן ביז ער האָט פאַרצערט די טויב. זיין טיש איז געווען דער גוף פון געהאָנגענעם און דער טורעם פון דער באַזיליקא, — דער מזבח, דער אַלטאַר אויף וועלכן דער אָדלער האָט צעפּליקט די טויב.—״

לוי האָט פאַרענדיקט דערציילן. אַ שווערער קירכנגלאָק האָט זיך צעקלונגען. אַן אימה׳דיקע שטילקייט האָט זיך געשפּרייט איבער די פּנימער פון די זיצנדיקע. און אַז זיי האָבן גערעדט האָבן זייערע שטימען געציטערט, ווי שפּערל־געצוויטשער, ווי טויבן־געטערקל.

ס׳איז שוין געווען נאָך האַלבע נאַכט. אין דרויסן איז אַ קאַלטע לבנה געשוואומען און באַלויכטן די פרילינג־נאַכט אין טריער. הענריעטאַ מאַרקס, וואָס איז געלעגן אונטער אַ ווייסן באַלדאַכין, באַהאָנגען מיט זיידענע טיולן, אין איר הויז אויף ברוקען גאַס, האָט זיך איבערגעוועקט. זי האָט געהערט ווי דער דערבייאיקער קירכן־גלאָק „סאַנקט־מאַרטין״ קלינגט. זי האָט געוואָרפן אַ מוטערלכען בליק אויף איר ניי־געבוירענעם זון, וואָס איז געשלאָפן אויף אַ ווייסן קישן און אירע אויגן האָבן זיך געפּייכט פון טרערן.

הענריעטאַ האָט געטראַכט וועגן איר געלערנטן מאַן, וואָס גרייט זיך ווערן הויפּט יוסטיץ־ראַט אין שטאָט און וועט דערפאַר מוזן בייטן זיין גלויבן, ווערן כאָטש לפנים אַ לוטעראַנער... געטראַכט וועג איר טאַטן, וועגן דער מאַמען, וועגן איר אַלטער שוויגער פון טריער, וואָס איז היינט די רביצין פון אַמסטערדאַם. דאָס האָט זי דאָך איר, הענריעטאַן, פאַרשד׳כנט צו היינריכן...

הענריעטאַן איז איינגעפאַלן ,אַז איר זון, אירע טעכטער, זיינען די לעצטע רינגען פון אַ קייט רבנישע דורות, וואָס ציט

זיך פון וואָרמס, פון קראַקאָוו, פון פּרעסבורג אין אונגאַרן, און פון פון האָלאַנד...

ביזן באַגינען איז שוין הענריעטא געזעסן און געוואַכט איבער איר ניי־געבוירענעם, ווי אַן אָדלער וואָס שפּרייט זיינע פליגל און שוועבט איבער זיינע זויגלינגס... איבער טריער איז אויפגעגאַנגען אַ נייער טאָג.

זון און שוואַרץ

טריער 1825.

די האָר פעך־שוואַרץ ווי סמאָלע. די הויט ברוינלעך, ווי דאָס אינעווייניקסטע פון קאַווע־קערל. די אויגן אויך שוואַרץ־פלאַמיקע, ווי די פייערלעך, וואָס שפּאַרן פון דער קוילנגרוב פון יענער זייט מאָזעל, הינטערן באַרג. אויפן מיילעכל פון אַכט־יאָריקן יינגל שטענדיקע פראַגע־צייכנס. ער לאָזט ניט אָפּ, האַלט אין איין פרעגן דער מאַמען:

— דאָס, מוטי, צוליב וואָס, יענע זאַך — פאַרוואָס?

— מענטשן זיינען שוואַרץ פון דער זון?

— יאָ, קאַרלכען!

— און די זון איז גאָלדיק?

— יאָ, קינדכען!

אַ פויזע.

— מוטי, פאַרוואָס בין איך ניט גאָלדיק־שוואַרץ?

הענריעטא מאַרקס פאַרטראַכט זיך:

— דאָס איז דאָך אַ ביישפּיל פאַרן מענטשן אויף דער וועלט.

זי ענטפערט: — גאָלד פאַרשוואַרצט אַ מענטשן דאָס פנים.

דער קליינער קאַרל לאָזט ניט אָפּ:

— און דער פאָטער איז אויך גאָלדיק?

— אינעווייניק איז ער גאָלדיק. ער האָט אַ גאָלדן האַרץ!

— און דער אָנקל סעמועל?

— ער אויך. ער איז אָרעם און האָט אַ גוט האַרץ...

— און די אָרעמע זיינען שוואַרץ?

— ניט אַלע אָרעמע!

— און יאָהאַן דונקלבראַט, וואָס האָט מיר געבראַכט די שיך איז אויך שוואַרץ, — שפּרינגט ער אונטער אין זיין בעטל — און ער ענטפערט אַליין:

— איך ווייס! יאָהאַן שמירט די שיך מיט שוואַרצער פאַרב, איז ער שוואַרץ..

דער קליינער שווייגט אַ ווײַלע און באַלד אַ נײַע פֿראַגע:
דער פֿאָטער שרײַבט אימער מיט שוואַרצער טינט. וואָס איז שוואַרצער טינט אָדער שיך־פֿאַרב?

— ביידע, קאַרלכען, ביידע גלײַך. ביידע ליכטיק!

— ליכטיק? — פֿינקלען בײַ אים די אויגן.

— ביידע זײַנען ליכטיק, ווײַל ביידע זײַנען שוואַרץ!...

— נו, גענוג, שלאָף, שוין צײַט...

— איך וויל ניט, איך קאָן ניט. גוט, איך וועל ציילן, איינס, צוויי, דרײַ, זעקס, אַכט, הונדערט. — ער שפּרינגט אויף: — ביז וויפֿיל קאָנסטו ציילן?

— איך? איך נאָר ביז איינס! — זאָגט העגריעטא.

— אָ, ווי דען? — שמייכלען שוין זײַנע אויגן שטיפֿעריש.

— אַזאַ גרויסע און קענסט ציילן נאָר ביז איינס!

— מער ווי איינס דאַרף מען ניט. פֿאַראַן איין גאָט אין הימל און אַלע מענטשן דאַרפֿן זײַן ווי איינער...

און אַז ער שלאָפֿט אײַן דאַכט זיך אים, אַז ער זעט אַ סך, אַ סך מענטשן און ער ציילט נאָר ביז איינס...

אַ ווינטער איז פֿאַרבײַ. ס'איז פֿרילינג. ביימער ציען אויס נײַע, יונגע צווײַגלעך. איבער די וועגן אַרום מאָזעל־טײַך ציען זיך פֿאַרבײַ לאַנגע פֿאַראַלעלע שורות ווײַנשטאָקן, וואָס ווערן רײַף ערשט אין שפּעט־זומער. פֿאַרנאַכט גייט העגריעטא מיטן זון צום טײַך. אויף אַן אָנגעצונדענעם זוים פֿון הימל צייכענען און מאָלן זיך שפּיצן פֿון טורעמס, ליכט פֿלעמלען אויף אין די לאַמטערנס. דאָס יינגל גרייט זיך אַרײַנטרעטן אין דער שולע און די מוטער שמועסט מיט אים ווי מיט אַ גרויסן. קאַרל באַאומרואיקט איר מיט פֿראַגן.

זיי שטעלן זיך אָפּ בײַ אַ דיקן בוים מיט אַראָפּהענגענדיקע צווײַגן. ער שטרעקט אויס אַ הענטל, ווײַל אַראָפּרײַסן אַ צווײַג. ער קאָן ניט דערלאַנגען, שפּאַרט ער זיך אָן מיטן גאַנצן כּוח אויפֿן בוים ווי ער וואָלט אים וועלן איבערקערן. די מוטער דערציילט אים:

— איך בין איינמאָל געווען אויף דעם פֿרידהאָף און האָב אָפּגעבראָכן אַ צווײַג פֿון אַ בוים. עס האָט זיך באַלד דערהערט אַ זיפֿץ. דער צווײַג האָט געזיפֿצט...

— ניין, ניין! — שאָקלט ער מיטן קאָפּ און זיינע אויגן פיבערן — צווייגן קרעכצן ניט. צווייגן קאָנען ניט זיפצן.

הענריעטא שווייגט. מוטער און זון קוקן זיך אַריין אין די אויגן. ביי דער מוטער אין די אויגן איז אַ פייכטקייט. ער רוקט זיך צום בוים. אין שאָטן פון בוים איז ער אינגאַנצן טונקל, נאָר אין די אויגן שוואַרצע פלעמלעך, ווי די גאַנצע גאָלד־שקיעה וואָלט זיך אין זיי באַזעצט.

נאַכט. אין דרויסן וואָיעט אַ יונג פּרילינג־ווינטל. אַ גרינלעכער לבנה־שיין קוקט אַריין דורך די שויבן פון די פענצטער, באַלייכט געננג הענריעטאס פּנים און צינדט־אָן אירע טונקעלע אויגן מיט פייערלעך. דאָס זיידן הייבל, וואָס באַדעקט אירע האָר, גלאַנצט, גלייך ווי דאָס וואָלט געמאַכט געווען פון אַ גלאַנציקן מעטאַל. דאָס שוואַרצע קלייד באַוועגט זיך, רינט אַראָפּ פון אירע אַקסלען און שפרייט זיך איבערן דיל. הענריעטאַ נעמט פאַנאַנדער די לאַנגע האָר און רעדט צום מאַן, וואָס ליגט אויפן דיוואַן און לייענט אַ בוך.

— דער קאַרל איז אַ געפערלעכער שטיפער. ער טרייבט די שוועסטער ביזן באַרג, צווינגט זיי עסן קוכן, וואָס ער קנעט פון זאַמד... היינט האָט ער געוואָלט צווייגן רייסן, ווען איך לאָז אים קערט ער איבער דעם בוים מיט די וואָרצלען אַרויף...

— אָ, דעם בוים? — מישט היינריך איבער אַ בלאַט אין בוך, — נאָר דעם בוים? ער וויל דעם באַרג, דאָס גאַנצע מאָזעל־לאַנד, די וועלט איבערקערן. לאָז אים, זאָל ער...

אַ האַרבע קשיא

אין דער הויז פונעם טריערער רב ר׳ שמואל הלוי מאַרקס איז געלעגן אַ געדיכטע טונקלקייט. בלויז אין איין חדר האָט זיך געזיפּט אַ קאַרגע שיין פון ליכט, וואָס האָט געברענט אין אַ זילבערנעם לייכטער.

אין צימער איז געהאָנגען דאָס בילד פון דעם פאַרשטאָרבענעם טאַטן זיינעם ר׳ מרדכי הלוי און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער שמייכל אויפן פּנים פונעם פאָטער ר׳ מרדכי הלוי גליטשט זיך אַריין אין זיין לאַנגער ווייסער באָרד. דער אויפדערנאַכט גיסט זיך אַריין אין ברייטן חדר און די לבנה־פלעקן אויפן דיל בליען און וואַקסן. די פלעקן קריכן אַריבער די ווענט און גליטשן זיך צוריק אַראָפּ.

ר׳ שמואל וויגט זיך איבער דער ברייטער גמרא און זיין מוח וואַרגט זיך פון אַ האַרבער קשיא, וואָס זיין עלטער־זיידע, דער דריטער דור אויפן כסא הרבנות פון טריער, פרעגט אין זיין ספר: אויב מיר פסק׳ענען, אַז דער דין בלייבט: „אומן קונה בשבח כלי״׳) אַז דער בעל־מלאכה, וואָס מאַכט אַ כלי, איז קונה די כלי, געווינט און פאַרדינט זי דורך איר שבח, דורכדעם וואָס ער פאַרבעסערט זי, שאַפט איר ווערט, איז דאָך די קשיא? ס׳קאָן דאָך געמאָלט זיין, אַז דער שבח, די פאַרבעסערונג, האָט די ווערט מער וויפיל ער וועט באַקומען פאַר איר אויסגעצאָלט אין שכר, אין לוין פון זיין באַלעבאָס. פרעגט זיך: ווי קען גאָר דער באַלעבאָס צוריק־באַקומען די כלי פון זיין אַרבעטער. די ווערט האָט האָט דאָך ניט ער, נאָר דער אַרבעטער געשאַפן, נמצא, קומט אויס, אַז ער האַנדלט מיט פּשוטער גזילה... — —

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט ער זיך געראַנגלט מיט דער

׳) דער אַרבעטער אייגנט זיך צו די כלי דורך זיין פאַרבעסערן דעם מאַטעריאַל — בבא קמא, צח, א.

קשיא און שפּעט נאָך חצות, ווען ער איז אײַנגעשלאָפן איז אים דער זיידע געקומען צו חלום, זיך ממש געבעטן ביי אים, ער זאָל מעיין זיין, זיך גוט אַריינטראַכטן, פאַרטיפן אין דער סוגיא. און דער זיידע האָט דערביי אויסגעזען ווי אַ פאַרטראַכטער לייב, זיין בליק — אש להבה, כולו פלאַם.

— וואָס זשע איז ער שולדיק, אַז ער קען די האַרבע קשיא ניט פאַרענטפערן? פאַרוואָס ליגט עפּעס אַ חוב אויף אים? ער מוז טאַקע אַלץ וויסן? — האָט זיך ר' שמואל געפּרעגט און אַליין געענטפערט מיט אַ פראַגע: — ווער דען זאָל פאַרענטפערן די קשיא? אפשר זיין יינגערער ברודער, יוסטיץ־ראַט העשל, וואָס טראָגט דעם זיידנס נאָמען. זאָל ער, דער זיידע זיך באַווייזן צו אים אין חלום, — נאָר העשל חברט זיך דאָך מיט פריידענקער, האָבן זיך מחשבות געקרייצט אין רב׳ס מוח, און די קשיא איז אַלץ געשטאַנען פאַר די אויגן, זיך אויסגעצויגן ווי אַ דינע אָנגעצויגענע פייל און האָט דאָך ניט געפּלאַצט.

ביזן גרויען באַגינען איז ר' שמואל געלעגן און די מחשבות האָבן זיך געוויגט אין זיין מוח, ווי דער אומרו פון זייגער אויף דער מזרח־וואַנט. אינדערפרי אז ער איז געגאַנגען מיטן ברעג טייך האָט ער געזען ווי די ביימער שפּיגלען זיך אין מאָזעל מיט די וואָרצלען אַרויף. ער האָט דערשפּירט, אַז ערגעצוואו קאָן די קשיא יאָ פאַרענטפערט ווערן.

עס איז דאָ אַזאַ זאַך וואָס פאַרענטפערט איין פראַגע מיט דער צווייטער און פון ביידע וואַקסט אַרויס אַ נייער ענטפער, — האָט ער זיך דערמאָנט — די פילאָסאָפן רופן עס אַנאַנד און ווידעראַנאַנד און פון די צוויי קומט אַרויס אַ באַנאַנד, וואָס פאַרענטפערט אַלע קשיות...

ר' שמואל האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט זיך פאַרטראַכט:

— אפשר זאָל ער זיך אַריבערכאַפּן צו העשלען און זיך דורכשמועסן מיט זיין גערעטן יינגל, ער איז דאָך דער בעסטער שילער אין דער שולע פון שטאָט... אַ פלייסיקער תלמיד און האָט אַ פייערדיקן קאָפּ, וואַקסט אַ פּרי... — אָבער וואָס פעלט מיר איין — האָט זיך ר' שמואל אַ טרייסל געטאָן ווי אַ בוים אין האַרבסטיקן ווינט, — העשל אַליין האָט זיך שוין לאַנג אויסגעטיילט פון דער

משפחה און זיין יינגל — געוויס. אַ שאָד, אַ שאָד. די יחוסדיקע קייט פון טריער רייסט זיך איבער... און אַז דער עלטער־זיידע אין דער הקדמה צום ספר „שארית יוסף" האָט פאַרזיכערט: די תורה־קייט וועט ניט איבערגעריסן ווערן, איז וואָס? — ער האָט אָפּגעזיפצט און האָט אַוועקגענומען די אויגן פון דיביימער מיט די וואָרצלען אַרויף...

ר' שמואל האָט אַ קוק געטאָן אויפן טייך און ס'איז אים מיטאַמאָל איינגעפאַלן, אַז דער טייך אַליין איז אויך אַ מין לערן־בוך, וואָס לערנט אַז אַלץ פליסט און אַלץ ענדערט זיך און קיין צוריק שטראָם איז ניטאָ... — ער האָט זיך פאַרקערעוועט פון טייך צו דעם „יידן־פערטל", איז פאַרבייגעגאַנגען אַ ריי טרוקענע וויינשטאָקן, וואָס זיינען דאָ שיטער געוואָקסן און דער ווינט האָט זיי געבויגן צו דער ערד, געצופּט זייערע בליטער, ווי ער וואָלט געוואָלט פאַרטראָגן זייערע קערנער ווייט פון מאָזעל, ווייט פון רהיין, אין די שטעט וואָס ליגן פון יענער זייט. איצט איז אים איינגעפאַלן, אַז דער ווינט פאַרטראָגט זוימען און פאַרפלאַנצט זיי פאַר נייע פירות, און כאָטש זיי פאַלן ווייט פונעם שטאַם טראָגן זיי דאָך דורך די זעלבע זוימען...

צווישן „דאָם" און דער וואָנגעלישער „סאַנקט־מאַרטין"־קירך אויף רוימער שטראָסע, לעבן דער פליישער גאַס, געפינט זיך דאָס הויז פון די רייכע און די אַדעלע פאָן וועסטפאַלנס. די ביידע קירכעס גלאָצן אויפן הויז מיט קאַלטע צלמים און ווייען אויף איר מיט געדעמפטן ווירוויך. דאָס הויז איז קאָנסערוואַטיוו און מאָדערן צוגלייך. דער באַלעבאָס וועסטפאַלן אליין, איז שטאָלץ אויף זיין יחוס פון דורות שאָטלענדישע באַראָנען און איז אויך אַ וואָלטעריאַנער און אַן אָנהענגער פון די פראַנצויזישע און ענגלישע אוטאָפּיסטן, פוריע, סעינט־סימאָן, טאָמאס מור... אין דעם רייכן הויז באַלייכן די ליכט, וואָס שטעקן אין די זילבערנע קאַנדעלאַברעס די ביכער פון שעקספּיר, וואָלטער, האָמער.

נעכטן אינדערפרי ווען ער איז געשטאַנען ביים פענצטער האָט ער געזען ווי זיין צען־יאָריקע זשעני און דעם אַדוואָקאַטס שוואַרץ יינגל זיצן ביי דער שוועל. ער האָט געצויגן זיין ליולקע און אויפגעכאַפּט זייער קינדערשע איבעררייד.

— פאַרגעס ניט, הייַנט אָוונט קום צו אונדז, מיר וועלן בײדע מאַכן די אויפגאַבע אין מאַטעמאַטיק...

איך קום מיט איין באַדינג! — האָט זיך דאָס ייִנגל אויפגעשטעלט און גערעדט פעסט: — דיין ברודער, עדגאַר, זאָל מיך מער ניט רופן שוואַרצער מור...

— עדגאַר האָט דיך זייער ליב. דאָס האָט ער בלויז געשפּאַסט.

— און מיין פּאַפּאַ זאָגט אַז איך וועל באַלד ווערן אויס שוואַרץ.

— נו, יאַ, ווען דו טרינקסט פיל מילך, דאַן מוזטו וויס ווערן!

וועסטפאַלן האָט פאַרלוירן אַ שמייכל צווישן די ציין און זיין ליולקע און איז אַוועק פון פענצטער.

אָוונט. די צען יאָריקע זשענכען זיצט ביי אַ קליין טישל, קוקט אַריין אין אַ העפט און ברומט אונטער די אַריאַ „דאָנאַ־אַנאַ", וואָס זי האָט געהערט פון דער מוטער. איר קאָפּ איז איצט ניט ביי די לעקציעס. דורך דער גלעזערנער, האַלב־אָפענער טיר הערט זי ווי דער פאָטער, וואָס זיצט אין וויג־שטול, רעדט צו דער מוטער, וואָס דרייט זיך אַרום אין עס־צימער ווי אַ שמעטערלינג.

— זשעני וואַקסט. זי איז שוין די שענסטע פריילין אין טריער.

— די שיינהייט פון טריער קלעפּט זיך צום שוואַרצן יונגלינג, צום זון פון אַדוואָקאַט מאַרקס...

— היינריך איז דער געבילדעטסטער אַדוואָקאַט פון גאַנץ ריינלאַנד. דאָס ייִנגל האָט ווירקלעך אַ שאַרפן קאָפּ...

— און אַ טיפּיש ייִדישן פּנים!... — ענטפערט די מוטער און מאַכט אַן ערנסטע מינע.

זשענכענס הערצל קלאַפּט האַסטיק. זי פאַרמאַכט די העפט און לויפט־צו צו דער טיר. רופט אויס מיט אַ דין שטימעלע:

— קאַרל איז דער בעסטער שילער. ער פאַרענטפערט אַלע פראַגן.

— ער קאָן ענטפערן אויף דער האַרבסטער פראַגע, — ענטפערט זשענכען און לויפט אַרויס פון צימער.

אין דרויסן איז קיל און העל. די לבנה יאָגט זיך איבערן באַלויכטענעם באַרג. קאַרל יאָגט זיך נאָך איר צו דער רוימער גאַס. אין טייך שפּיגלען זיך די ביימער מיט די וואָרצלען אַרויף.

שאָטנס פון דער פאַרגאַנגענהייט

נאָר אין דער סביבה פון מיינע ליבע עלטערן, וועל איך פעאיק זיין צו באַהערשן די שרעקנדיקע שאָטנס פון דער פאַרגאַנגענהייט. (קאַרל מאַרקס, אַ בריוו צום פאָטער)

טריער 1837

נאַכט. שטערן שימערן אין טריערער הימל ווי פאַרביק גלאָז. אין הויז פונעם אַדוואָקאַט היינריך מאַרקס אויף ברוקער שטראַסע ברענט אַ נאַפט־לאָמפּ. אויף די ווענט — בילדער און אין די שראַנקען ביכער פון האָלבאַך, רוססאָ, דידעראָ, העגל, פיכטע. היינריך פאַרמאַכט אַ בוך וועגן „דרייסיק־יאָריקן קריג", וואָס ער האָלט אין לייענען, שפּאַרט אונטער מיט איין האַנט זיין מידן קאָפּ. הענריעטאַ טראָגט אים צו אַ גלאָז טיי, וואָס האָט אַ מראה פון שוואַרצן ביר. היינריך זעט ווי הינטער איר שפּרייט זיך אַ לאַנגער שאָטן און ער רעדט אין דער שטיל:

— די פינאַנציעלע לאַגע אין הויז איז טאַקע ניט ווי עס וואָלט געמעגט זיין, אָבער פון קאַרלען וועלן מיר האָבן פיל פרייד. זיינע בריוו פון בערלין זיינען אביסל באַאומרואיקנדיג. ער זוכט ערשט זיין וועג. אָבער ער ווערט דאָך פאַרערט פון זיינע חברים סטודענטן און נאָכמער פון די לערער.

— פון זיינע לערער? — זאָגט הענריעטאַ מיט אַ ציטער און אויף איר פּנים איז קאָנטיק אַ שאָטן, — ווייל ער געפעלט די לערער, איז ער גרויס אין די אויגן פון זיינע מיטשילער. איך האָב זיך דערוואוסט, אַז זיי לאָזן אים ווּיסן, אַז ער זעט ניט אויס ווי אַ דייטש, ער איז ענלעך אויף אַ מור... אַז ער איז אַ ייד!...

— אַך, נאַרישע פאַראורטיילן! — רוקט היינריך אָפּ די טונקעלע גלאָז טיי און עפּנט ווידער דאָס בוך — מיר לעבן שוין ניט אין די ציטן פון מיטלאַלטער. קאַרלס וויסן, זיין שאַרפזין, וועט די פאַנאַטישע יונגען מאַכן פאַרגעסן אין זיין יידישן שטאַם...

ער הייבט זיך אויף און לאָזט זיך גיין מיטן בוך אין האַנט צום שלאָף־צימער. ער הערט ניט ווי הענריעטא זיפצט אָפּ בעת זי גרייט צו די בעטן פאַרן שלאָף.

נאַכט. נאָך צוועלף. די עטלעכע שיטערע ביימער אַרום צוויי־גאָרנדיקן הויז באַוועגן זייערע צווייגן. אַ ווינט בלאָזט אַהער פון דער מזרח זייט. אין אָנטקעגנדיקן בעט שלאָפט הענריעטא. נאָר היינריך איז וואַך. ער הערט ווי דער שווערער זייגער פון דער סאַנקט־מאַרטין קירך קלינגט אַריין זיין מאָנאָטאָנעם לאַנגווייל אין דער לופט און פאַר זיינע אויגן טראָגן זיך פאַרביי די מורא׳דיקע בילדער, וואָס זיינען דאָ אַזויפיל אין דעם בוך וואָס ער לייענט, די געשיכטע וועגן דעם לאַנגן בלוטיקן קריג, וואָס „זיין״ קירך, די עוואַנגעלישע, לוטעראַנישע, האָט געפירט. — —

דאָס יאָר איז 1641. מיט קאַרגע צוויי הונדערט יאָר צוריק. דער סוף פונעם לאַנגן קריג האָט אַלץ אויסגעמישט. מען האָט זיך שוין מער ניט געשלאָגן צוליב אמונה־זאַכן, נאָר איינפאַך צוליב רויב. די פראָטעסטאַנטישע זאַקסן, דער אָנשפאַר פון מאַרטין לוטערן, האָבן געמאַכט יד־אחת מיט דער קאַטוילישער קרוין פון דער עסטרייכישער מאָנאַרכיע. אויפן שלאַכטפעלד פון וואָלפסביטל, ביי בראַנשווייג, זיינען שוין געשטאַנען איינע קעגן די אַנדערע, פראַנצויזישע קאַטאָליקן קעגן דייטשע קאַטאָליקן. איז עס ניט קיין צייכן, — לויפט דורך אַ געדאַנק אין היינריכ׳ס וואַכן מוח — אַז די אורזאַכן פונעם קריג זיינען געווען ניט בלויז רעליגיעזע, נאָר אויך עקאָנאָמישע, ווי אַמאָל בעת די קרייצצוגן... — יאָ, די קרייצצוגן — לויפט דורך אַ נייער געדאַנק, — טאַקע דאָ, אין טריער, האָבן די באַנדע קרייצטרעגער געשאָכטן אַלט און יונג, קינד און קייט פון יידישע משפחות, די מערסטע האָבן אויס־געקליבן דעם טויט, זיך געוואָרפן אין די קאַלטע כוואַליעס פון טייך און ניט געביטן זייער גלויבן, מאַנכע האָבן זיך אויסגעקויפט מיט געלט. פאַר זילבערשטיק איז מען גרייט צו פאַרקויפן די געטער... איינאיינעם מיט די געדאַנקען האָט היינריך געזען די גרויליקע קריגס־בילדער. — —

„— — אַ באַנדע לוטעראַנער איז געגאַנגען פון שטאָט צו שטאָט, גערויבט, געפּלינדערט, געברענט און געשאָכטן. זיי האָבן

געברענט אין האַנאָווער, אויסגעליידיקט וואָלפסבערג, אונטער־געצונדן בלאַנקענבורג. האַנס קריסטאָף פון קעניגסמאַרק, וואָס האָט אָנגעפירט מיט די שלאַכטלייט פון צוזמערסהאַוזן, האָט זיך אַרומגעבלאָנקעט מיט זיינע זעלנער אין די וועלדער, ביי האַלבער־שטאָט. צווישן אויסגעהאַקטע ביימער, אויף צעאַקערטע פעלדער, זיינען געהאָנגען טויטע קערפּערס. די קירכן אין די דערפער זיינען געווען אויסגעברענט און די פויערים האָבן געהיט זייערע בתי־קברות, געהיט, אַז די שטאָטישע איינוואוינער זאָלן ניט אויפעסן די טויטע קערפּערס...

האַנס קריסטאָף איז אַריינגעריטן אין וואַלד, געזוכט שפּייז פאַר זיינע הונגעריקע זעלנער. דער וואַלד איז געוואָרן טונקל, זיך צונויפגעגאָסן מיט דער בלוטיקער שקיעה. מידע האָבן זיך די רייטער געשאָקלט אויף די פערד. מיט דער נאַכט האָט אַ פולע לבנה אַרויסגעפירט ביימער אויפן וועג, זיי צעלייגט אויפן סטעפּ. ערגעץ נאָענט האָט געפינקלט אַ ליכטל, ווי פון אַ פייער־הייל. פון דער הייל האָט זיך געטראָגן אַ געהויל, אַ געיאָמער.

— ווער שרייט עס, אַ הירש?

— ניין, אַ מענטש!

האַנס מיט דריי זעלנער זיינען צוגעקומען צו דער הייל. זיי האָבן געזען מענער, פרויען, זיצן ביי אַן אויוון און מורמלען אַ תפילה. אין אויוון האָט זיך עפּעס געבראָטן. אַ מין יעגער־פאַנג, ווי אַ ריזיקער האָז איז דאָרט געלעגן. אָבער דער האָז האָט גע־האַט מאָגערע פיס, אַ בייניקן רוקן, נאָר זיין הינטערטייל איז געווען דיקער ווי ביי אַ האָז.

און אַז האַנס האָט זיך טיפער איינגעקוקט אין אויוון האָט ער דערזען פינגער פון אַ מענטשלעכן פוס. — דאָס בראָט זיך מענטשן־פלייש — איז אים איינגעפאַלן. הונגעריקע פויערים פון אַ צעשאָסענעם דאָרף האָבן אים אַראָפּגענומען פון אַ תליה און איצט ווילן זיי שטילן זייער הונגער מיטן טויטן מענטש־לייב, די פאַרשאָלטענע! אָט־באַלד לייגן זיי אים אַרויף אויף די רויכערדיקע וואַלד צווייגן.. באַלד זיינען די זיצנדיקע פאַרגאַנגען אין אַ תפילה: „פאָטער אין הימל, יעזוס ליבער, פאַרגיב אונדז, מיר קענען מער ניט קייען דאָס טרוקענע גראָז...“ קריסטאָפן

האָט געגומען איבלען, נאָר קיין רחמנות האָט עס אין אים ניט אַרויסגערופן. ער האָט גוט געדענקט, וואָס ער האָט געלערנט אין דער אוניווערסיטעט פון ערפורט. נאָך אין יאָר 1815 האָט לוטער געשריבן וועגן די פויערים. „מען דאַרף זיי הענגען, אויס־מאָרדן, מען דאַרף געדענקען, אַז עס איז ניטאָ קיין ערגערע און גיפטיקערע שלאַנג, ווי דער נייער מענטש פונעם זעכצנטן יאָרהונדערט...״

קריסטאָפער האָט דאָ מער ניט געוואָלט בלייבן. ער האָט אַ יאָג געטון זיינע רייטער צו האַלבערשטאַט. אויפן וועג, צווישן נאַקעטע דעמבעס, האָט זיך געבלייכט אַ מאַנאַכן־הויז. הינטערן הויז האָט זיך געהויבן אַ שמאָלע רויט־ציגלדיקע קירך מיט פאַרשפיצטע צלמים. איצט האָט זיך שוין האַנס׳ באַפעל געוויגט איבער די קעפּ פון די רייטער, ווי אַ שווערער קופּער־גלאָק, און איז געפאַלן מיט זיכערקייט:

— פייער! אַוועקלאָזן די קירך אין פלאַם, מיט דער ערד זאָל מען זי אויסגלייכן!

די שלאַכטלייט האָבן געצונדן די קירך, וואָס האָט געטליעט ווי אַ שייט. ס׳איז שוין געווען פאַרטאָג. אַ פינצטערניש פאַרן באַגינען. אַ פייכטער ווינט האָט געטריבן און געלאָשן דעם רויך. די רייטער זיינען אָפּגעריטן און דער הילך פון די גלייכ־מעסיקע שורות פערדישע קאָפּיטעס האָט געהילכט אינעם אַרום. ערגעץ האָט זיך צעשריגן אַ הירש. דער פאַס וואַלד איז געוואָרן שיטערער, געשניטן אַ וועג.

האַנס איז געריטן פאָראויס אויף אַ ברוין פערד. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ שווערד און מיט דער צווייטער דאָס ציימל פון פערד. אויפן זאָטל איז געלעגן אַ ביבל אין לוטערס איבערזעצונג. ער האָט געהאַלטן די שווערד ווי אַ פרומער קאַטויל די פאַלמע אין הייליקן טאָג... אַנטקעגן אויפן האָריזאָנט האָט זיך שוין געגאָסן אַ פלאַם פון קאַיאָר, וואָס האָט זיך אויסגעמישט מיטן רויך פון דער פאַר׳שרפה׳טער קירך. האַנס האָט זיך צוריק־געקערט צו דער טליענדיקער קירך, איז אַראָפּ פון פערד און גע־געשאַרט אין אַש, געזוכט גאָלד פון לייכטער, מעש, קופּער. ער האָט געזען ווי דער הילצערנער געקרייציקטער הענגט צווישן

די זיילן רויך, קוקט מיט געבעט אין די אויגן פון זיינע גלויביקע, מאָנט פון זיי רחמנות, פאַרגעבונג. — —״.

היינריך איז געלעגן און געטראַכט וועגן „דרייסיק יאָריקן קריג״, זיך געטרייסט מיט דעם וואָס ער און זיינע קינדער לעבן שוין אין דעם מאָדערנעם ניינצנטן יאָרהונדערט, וואָס וועט אויס־ראָטן אַזאַ באַרבאַריזם, און ווי אַן אָנהענגער פון „ריינעם פאַרנונפט״ אויך געטראַכט, אַז פון יעדער שלעכטס קומט אַרויס גוטס... אין יענעם קריג האָט דייטשלאַנד פאַרלוירן אַ פערטל פון אירע איינ־וואוינער און דאָס לאַנד איז דאַן צעטיילט געוואָרן אויף דריי קלענערע לענדער...

אַ פעד־שוואַרצער מיט קוסטעוואַטע ברעמען, בליציקע אויגן און אַ ברייטע זינלעכע נאָז. דאָס פנים אַרומגעזוימט מיט אַ שיטערן האָר־וואוקס, זיצט דער געלערנטער סטודענט אויף דער קאַטעדרע פון יוסטיץ אין בערלינער אוניווערסיטעט, דער „שוואַרצער קערל פון טריער״, אין זיין ענגן סטודענטן־צימערל, אינגאַנצן אַ פאַר־וויקלטער אין קנוילן רויך פון זיין ליולקע, וואָס ער לאָזט ניט אַרויס פון מויל.

אויפן קליינעם טישל, וואָס איז באַלייגט מיט ביכער און פאַפירן שטעקט אַ ליכט אין אַ לייכטער און עס קאַפּעט פון דעם דער חלב. ער שטרעקט אויס די האַנט און לאָזט אָפּטריפן דעם חלב, וואָס קלייבט זיך צונויף אויבן, ביים קנויט, און שטיקט דאָס פייער. ווען די האַנט רירט זיך צו צום ריטשקעלע, וואו דער חלב רינט, ווערט ליכטיק אינעם קליינעם דושנעם צימער.

ער טראָגט צו צו די אויגן אַ פאַרשריבן בלעטל פאַפיר, זיינע באַמערקונגען וועגן „קריסטלעכער ליבע״, וואָס ער האָט אָנגעוואָרפן ביים לייענען אַ שריפט פון זיין קאָלעגע הערמאַן קרוגע, און ער לייענט: — „די דערפאַרונג לערנט, אַז אָט־די ליבע האָט גאַנצע 1800 יאָר גאָרניט אויפגעטאָן, ניט געקענט באַזיגן דעם האַס. דאָס איז אַ ליבע, וואָס פאַרלירט זיך אין סענטימענטאַלע פראַזן, וואָס דורך זיי קען מען ניט אָפּשאַפן קיין ווירקלעכע, פאַקטישע צושטאַנדן. זי שלאָפט אָפּ דעם מענטשן מיט איר וואַרעמען געפיל־געקעכטס, מיט וועלכן זי שפּייזט אים. נאָר די נויט גיט דעם

מענטשן קראַפט... אין דער קריסטלעכער דעמאָקראַטיע איז דער מענטש, וואָס איז נאָך פאַרדאָרבן פון דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט, דער מענטש, וואָס האָט זיך פאַרלוירן, פאַרדרויסנט, און געפינט זיך אונטער דער הערשאַפט פון אומ־מענטשלעכע צושטאַנדן און עלעמענטן — מיט איין וואָרט: דער מענטש וואָס איז נאָך ניט קיין עצם־מענטש" („גאַטונגס־וועזן").

דאָס ליכט ווערט טונקעלער ער לייגט אַוועק דעם פאַר־שריבענעם בויגן. גייט צו צום קליינעם בעטל און שפּאַרט זיך אָן אויפן קישן. נאָך אַ שעה דרימלען האָט ער זיך אויפגעריסן פון אַ חלום. ———

ער איז געגאַנגען מיטן טאַטן איבער דער ברוקער גאַס און זיי זיינען דערגאַנגען ביזן אַלטן יידישן פרידהאָף. אַרום בית־עולם האָבן ברייט און אָפן געוויאַנעט האַרבסטיקע גראָזן. אין מיטן שפּאַציר זעט ער ווי זיין מאַמע זיצט ביים שוועל פון דער סינאַגאָגע. נאָר אַז ער קומט אַהין־צו איז שוין ניטאָ קיין שול און ניט די מאַמע, נאָר אַ וועג, וואָס ווערט אַלץ שמעלער און שמעלער מיט אַמאָל דערזעט ער זיי ביידן, זיין טונקל־בלייכן טאַטן, מיט די שוואַרצע האָר באַפּעדעמט מיט זילבער־גרוי, און אַן עלטערן יידן מיט אַ ווייסער באָרד, אַנגעטאָן אין אַ ווייסן כאַלאַט. ער זעט אויס אינגאַנצן ריין און ווייס, יענע־וועלטיק און זיינע אויגן — שוואַרצע, פלאַמיקע, פאַרצויגן מיט אַ רויכל דעם שוואַרצן פלאַם, ווי דער ברען וואָלט זיך אַליין וועלן פאַרשלייערן.

דער אַלטער און ווייסער און דער יינגערער און טונקעלער שטייען ביידע אָנגעשפּאַרט אויפן אייזערנעם פּאַרקן און וואַרטן עמיצער פון זיי זאָל דער ערשטער אָנהויבן רעדן. ער אַליין זיצט אויף אַ שטיין אַנטקעגן, האַלט שטיף פאַרזשמורעט די אויגן און וואַרט ביז ער דערהערט ווי דער טונקעלער און גראָער זאָגט:

— ער וואַרט דאָך, זאָלסט אים עפּעס זאָגן, זאָג שוין!

— זאָג אים דו, דו ביסט דאָך דער פאָטער, דו ביסט נאָענטער, — ווינקט דער ווייסער.

— ניין, דו ביסט עלטער, און עס איז דיין וועלט, וואָס ער קלייבט זיך צעשטערן! — ענטפערט דער גראָער.

— וואָרהאַפטיק זאָג איך דיר — רינען מילד און זאַנפט דעם

ווייסנס רייד — ער וועט דיין וועלט, די אמונה, וואָס ד ו האָט אויסגעוויילט, גיכער פאַרניכטן...

— מיין וועלט — רעדט פעסט און זיכער דער גראָער — מיין וועלט איז פאַרנונפט, שכל׳דיקע ליבע. מיין האַס איז נאָר געווענדט קעגן גאָט־באַטריגער, שווינדלער, פאַרשוועכער!

— ליבע? — קנייטשט דער אַלטער זיין ברייטן, ווייסן שטערן און אין די שוואַרצפלאַמיקע אויגן טוקט זיך אַ ווייסער שטראַל גוטס־קייט — ווי קענסטו גאָר, העשל, פון ימ׳ען האַס, וואָס האָבן זיך געגערט פון דער אמונה, אַרויסשיילן ליבע? —

דער גראָער גיט אַ צאַפּל. גרייט זיך ענטפערן, נאָר ער שווייגט און דער זקן רעדט ווייטער:

— ווי קענסטו גאָר זאָגן, אַז דער וואָס האָט געברענט אַנדערע אויף שייטערס וועט מיך אויסלייזן מיט ליבשאַפט? —

ביים גראָען האָבן זיך די ליפּן צעעפנט ווי געפּלעפט פונעם ווייסנס רייד און זיינען געבליבן אָפן און טרוקן. און דער ווייסער האָט ווייטער גערעדט.

— דערלייזונג און ליבשאַפט קאָן קומען ווען גאָט, וואָס איז אין אַלץ וועט זיך אַנטפּלעקן אויף דער ערד.—

— ווי וועט ער זיך אַנטפּלעקן? — איז דעם גראָענס קול פול מיט ציטער, — נאָר מען זעט בחוש, אַז דער ווייסער שפּירט אין זונס כעס סיי אַנשטעל און סיי נייגער, און ווי ער וואָלט זיך געאיילט דעם נייגער צו באַפרידיקן, זאָגט ער:

— איין זאַך ווייס איך: אַנטפּלעקן וועט ער זיך צו דעם מענטשן אויף דער ערד, וואָס וועט געפינען דעם וועג צו אים. —

— דער מענטש! דער מענטש האָט דאָך נאָך ניט געפונען דעם וועג צו זיך אַליין, — האָט דער סטודענט אויפן שטיין גע־וואָלט אויסשרייען, — ווער וועט דעם מענטשן דעם אמת׳ן וועג צום עצם־מענטש אַנטפּלעקן? — דאָ האָבן בידע, דער ווייסער און דער גראָער, ווי זיי וואָלטן געלייענט זיינע געדאַנקען, אויס־גערופן ווי מיט איין קול: — ד ו!

— איך? — האָט ער אויסגערופן מיט פאַרוואונדערונג. נאָר דאָ האָט זיך דער חלום אָפּגעהאַקט. די צוויי ביים פאַרקן זענען נאָך אַלץ געשטאַנען ווי לעבעדיק און ווי זיי ניט וועלן פאַרלירן האָט ער

זיך, איצט שוין אויף דער וואָך, געמאַכט דרימלען און געוואָלט וויסן וואָס דער חלום וועט אים ווייטער דערציילן, און כאָטש די צוויי האָבן נאָך געשוועבט איבער אים ווי שאָטנס, ווי געשפּענסטער, האָט דער חלום זיך מער ניט געלאָזט פאַרנאַרן.

ער איז צוגעגאַנגען צום טישל, אָפּגעטריפט דעם חלב, איינגעטונקען די פּעדער און אָנגעהויבן שרייבן אַ בריוו צום פֿאָטער היינריך מאַרקס אין טריער.

„איך וויל וואָס שנעלער, נאָך פאַרן ענדיקן דעם לערן־סע־מעסטער אַריבערקומען צו דיר, רעדן מיט דיר וועגן די אומרואיקע שאָטנס, וועגן געשפּענסטער, וואָס פאַרפאָלגן מיך. צייטנווייז דאַכט זיך מיר, אַז איך טראָג אין זיך דעם שטויב פון נשמות... פון דעם ריינעם אידעאַליזם בין איך געקומען צו דעם, אַז מען מוז זוכן די אידעען אין דעם ווירקלעכן לעבן. אויב די געטער האָבן פריער געלעבט איבער דער ערד, זיינען זיי איצט געוואָרן דער מיטלפּונקט פון דער ערד... מיין העלד איז איצט דער הייליקסטער פונעם געשיכטלעכן קאַלענדאַר, פּראָמעטעאוס, וואָס האָט דעם פייער געגנבעט ביי די געטער און אים אויף אייביק אַוועקגעשענקט דעם מענטשן״.— — —

ווען ער האָט פאַרענדיקט שרייבן דעם בריוו האָט זיך שוין דורך די פענצטער דורכגעשלאָגן די ערשטע שיין פון אַ פרישן באַגינען.

דער באַגלויבטער פּאַסטוך

איך האָב געמוזט אַ גאַנצן טאָג יום־כיפור טאָן מיין אַרבעט און פּאַשען די שאָף. קיין סידור, קיין מחזור. האָב איך אויפגעהויבן מיינע אויגן און אָנגעוויזן אויף ידי שעפּעלעך און געזאָגט ׳כבקרת רועה עדרו׳ מיט אַזאַ כוונה, וואָס קיינמאָל ניט געהאַט: זע רבונו של עולם, ווי איך היט די שעפּעלעך, וואָס מען האָט מיר אָנפאַרטרויט. היט די דיינע שאָף, — דיין פאָלק ישראל!״

(הרב דוב בעריש ווײדנפעלד, אַ בריוו
צו זיין שוועסטער אין דער וואַרשעווער געטאָ, 1942)

דער באַגלויבטער פאַסטוך

אין פּלוג האָט דער גורל ניט געקאָנט אָפּטאָן קיין משונה׳־דיקערע זאַך ווי בעמען דעם שוויַיגנדיקן זקן, דעם דעמבינער רב און ראש ישיבה, ר׳ בעריש ברייטפעלד, און אים פאַרוואַרפן אַזש הינטער סווערדלאָווסק, צופוסנס די אוראַלער בערג, אין וואַלד נומער 45. און אַזש פון זיין שטעטל אין מזרח־גאַליציע.

אין ר׳ בערישעס דיקלעכן גוף, אין זיין געדיכט־האַריקער באַוואַקסעניש, איז געבליבן עפּעס הכנעה׳דיקס פון אַלטע צייטן, און ער האָט דערמאָנט אָן די אַמאָליקע גוטע יידן, וואָס האָבן פריייוויליק גענומען אויף זיך אָפּצוריכטן גלות. אויפן בלייכן פנים און אין די גרין־שוואַרצע אויגן איז געלעגן אַ טיפע אונטערטעניקייט, וואָס האָט, דאַכט זיך, אויף אַלע אומגעריכטע נסיונות געהאַט אַ גרייטן ענטפער: גם זו לטובה! וויבאַלד עס איז אַזוי — מסתמא דאַרף עס אַזוי זיין, שפּעטער וועט פון דעם אַרויסקומען אַ טובה!

געווען איז ר׳ בעריש איינער פון די טויזנטער יידן, וועמען די סאָוועטישע מאַכט האָט נאָך אין 1940 אַוועקגעפירט פון מזרח־גאַליציע מיט דער טראַנס־סיבירער באַן קיין צפון מזרח, הינטער די אוראַלער בערג. קיין גרינגע נסיעה פאַר די יידן איז עס ניט געווען.

דער וועג פון לעמבערג קיין קיעוו, און פון דאָרטן אויף די ברייטע סטעפּעס פון אוקראַינע און רוסלאַנד, האָט זיך געררויכערט, ווי מען וואָלט דאָ אונטערגעצונדן די ערד פון לאָקאָמאָטיוו־רויך זיינען די וואָסערן אין די טייכן גרוי געוואָרן, די פעלדער — פאַר־רויכערט און דער געפּייף פון לאָקאָמאָטיוו האָט זיך געמישט מיטן׳ תרעומות׳דיקן טומל פון די עוואַקואירטע יידן, הענדלער און קרעמער פון מזרח־גאַליציע. די יידן האָבן אפילו ניט געקאַרגט קיין קללות אויפ׳ן חשבון פון דער נייער רעגירונג, וואָס האָט זיי אַוועקגענומען פון זייערע שטעטלעך און פירט זיי שוין דעם ווייפלטן טאָג, ווייט, ווייט, אין אַ לאַנד, וואָס איז זיי קיינמאָל צו חלום ניט געקומען.

דער איינציקער ייד, וועלכער האָט די גאַנצע צייט פון דער

לאַנגער נסיעה געשוויגן און עס איז אויף זיין פּנים ניט געווען צו דערקענען קיין ברעקל תּרעומות, איז געווען ר׳ בעריש. ער איז וואַגאָן אַ שווייגנדיקער, אין אין־זיך פאַרטראַכטער און האָט מיט זיין שווייגן אַרויסגערופן דרך־ארץ, געמישט מיט באַוואונדערונג ביי די מיטרייזנדיקע.

נאָך אויף דער באַן־סטאַנציע, אויף לעגיאָנערן־גאַס אין לעמ־בערג, האָט מען זיך דערמאָנט, אַז ר׳ בעריש געשטאַנען אין פענצטער, און פון וואַגאָן געטריפט מיט טרייסט אויף די יידן, וואָס האָבן זיך געזעגנט מיט זייערע קרובים.

— יידן, באַוויינט אונדז ניט — האָט ער געזאָגט — איר בלייבט דאָ אין שכנות מיטן רשע מרושע, הלוואי זאָלט איר אין אַ יאָר אַרום אונדז ניט דאַרפן מקנא זיין...

איצט איז ר׳ בעריש געזעסן אין פאַררויכערטן וואַגאָן, זיך איינגעקוקט אין די געדיכטע קנוילן רויך, וועלכע האָבן זיך גע־פּאַליעט איבער׳ן טונקעלן וואַגאָן און פאַרמאַכט די אויגן, ווי ער וואָלט געדרימלט.

עס האָט זיך בלויז געדאַכט, אַז ער דרימלט, ווייל זיינע דיקע ברעמען זיינען ווי צוגעמאַכטע לאָדנס איבער זיינע אויגן. ניין, ער האָט ניט געדרימלט! דאָס שווערע אָטעמען, וואָס האָט באַוועגט די גרוי־שוואַרצע האָר פון דער באָרד איבער זיין ברוסט, איז נאָר געווען אַ צייכן פון טיפער פאַרקלערטקייט. אין זיין קאָפּ האָט זיך געבאָמבלט דער טרויעריקער זכרון פון דער פאַרשוואונדענער שטאָט דעמבין, וואו ער האָט אויסגלעבט זיינע ביז־אַהעריקע יאָרן. פאַר זיינע אויגן האָט געשוועבט דאָס פּאַכען פון אַ טיכעלע אויף דער באַן־פּלאַטפאָרמע פון אַ טאָכטער צו אַ פאַרטערערטער מאַמען, און אַ מאָגערע למדנישע האַנט, וואָס האָט זיך אויסגעשטרעקט צום לעצטן „פאָר געזונט!“ באַלד האָט ער געעפנט די אויגן, געקוקט דורכן פענצטער: סטעפּעס, אַ גרויסע פלאַך, וואָס ציט זיך אָן אַ סוף. פון אַלע זייטן — ערד, פעלד. פון ערגעץ גייט אַ דינער רויך פון אַ קוימען, אַנטקעגן פאַרגאַלאָפּירט זיך אַ פערד אין סטעפּ... און שפּעטער האָט זיך אים שוין געדאַכט, אַז דעם גאַנצן וועג האָט דער צוג איינטאָניק געקלאַפּט מיט די רעדער מיט אַ האַסטיקן ריטם, און דאָס קלאַפּן האָט באַדייט: „גיכער, גיכער, גיכער!“

גאַנצע פיר יאָר איז ר׳ בעריש געווען אין אַ וואַלד, הינטער די אוראַלער בערג, פינף און פערציק קילאָמעטער פון סווערד־לאָווסק, וואו יידן זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן ביים קאָרטשעוועןביימער. אינצווישן איז דער דייטש באַפאַלן די גרויסע רוסישע מדינה און מענטשן אין די טויזנטער פון דער געגנט, וואו זיין שמעטל געפינט זיך, זיינען געלאָפן אויף מזרח און אויף צפון, און די וואָס האָבן ניט באַוויזן צו אַנטלויפן זיינען פאַרשפּאַרט געוואָרן אין די געטאָס און קאָנצעטראַציע־לאַגערן און פאַרשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע, מאַידאַנעק, אוישוויץ... וואָס איז דאָ צו רעדן? היינט, גיי, דערצייל די יידן ווי אַלץ איז געווען לטובה; אַז די השגחה אַליין האָט אַזוי באַשערט...

ווען אַ צאָל יידן פון וואַלד ביי סעוורדלאָווסק זיינען אַוועק פונעם קאַלטן מזרח־צפון צום וואַרעמען טורקמעניסטאַן, איז ר׳ בעריש אריינגעפאַלן אין אַ דאָרף פון פּאַסטוכער און ער, דער געוועזענער מורה־הוראה און פּאַסטוך פון זיין הייליקער, איצט אויסגעשאָכטענער קהילה פון דעמבין ,איז געוואָרן אַ פּאַסטוך אין בוכאַרער פּאַסטוכער־קאָלווירט אויפן נאָמען פון אַלעקסאַנדער פּושקין. ערנסט און מיט פולער אחריות איז ער צוגעטראָטן צו דער דאָזיקער אַרבעט.

מ׳זאָגט אַז דער בעל־שם האָט געפּאַשעט שאָף אין די קאַרפּאַטן. משה רבינו האָט געפּאַשעט יתרו׳ס שאָף אין דער מדבר און יעקב האָט דאָך גאַנצע זיבן יאָר געפּאַשעט די שאָף פון לבן הארמי! האָט אויך דער דעמבינער רב און ראש־ישיבה אָפּגעמאַכט ביי זיך דורכ־צופירן זיין לעבן אין די סטעפּעס פון בוכאַראַ ווי אַ שטילע שאָף אין פעלד.

אין איינעם אַ טרוקענעם פרילינג־טאָג האָבן פּאַסטוכער אין אַן אויסגעהוילטן שטאַם זייערס אַ שייטערל פאַרגעסן. האָט דאָס שטילע פלעמל געצאַנקט, זיך געראַנגלט אַ טאָג מיט דעם עסעריקן ווינטל און ביינאַכט איז אויסגעבראָכן אַ שריפה און פאַרברענט דעם בוים. טליעט דער פריסיק נאָך ביז איצט און וואַרט, אַז בייזע רעגנס זאָלן אים אָפּלעשן.

ביים ראַנד פון דער פאַרקווילטער לאָנקע האָט זיך ר׳ בעריש, אַרויסטרייבנדיק די סטאַדע שאָף אין פעלד, צום ערשטן מאָל אַוועק־

האָט געעפנט די פּאַרטקעס מיט אַ סקריפּ און זיי אריינגעלאָזן מכין געווען צום דאַווענען. פון דעם טאָג־אָן איז שוין דער פּלאַץ אַרום טליענדיקן שייטערל אין אויסגעהוילטן שטאָם, געוואָרן זיין שטענדיקער מקום־מנוחה.

די אַרבעט איז אַוועק גלאַט. ביסלעכווייז האָט ער זיך צוגעוואוינט צו די שאָף און זיי זיינען אים געוואָרן נאָענט און געטריי, ווי קינדער צו אַ טאַטן. פּאַרטאָג, אין דער שעה ווען עס הייבט זיך אָן דער געראַנגל פון בלוי און גרוי, פלעגט זיך ר׳ בעריש אויפכאַפּן און אַוועקגיין צום טוי־באַדעקטן הויף. ווי נאָר ער פלעגט זיך באַווייזן אין הויף, אַזוי פלעגן די שעפּעלעך אויסקערעווען צו אים זייער לאַנגן בענקענדיקן „מע״, און ער פלעגט זיי איינציקווייז אַרויסלאָזן פון טויער.

געקומען אין סטעפּ, אָפּגעדאַוונט, לייגט ער אַריין זיין טלית אין טאָרבע, וואַשט זיך די הענט פון אַנגעגרייטן בלעכל וואַסער און פּראַוועט זיין פרימאָרגנדיקע סעודה, וואָס באַשטייט פון שוואַרץ ברויט און קעז, און צום פאַרבייסן — אַ קרענצל ווינטרויבן. אָפּגעגעסן, האָט ער באַטראַכט די סטאַדע און די בערג אין האָריזאָנט. קוקנדיק אויף די שאָף פלעגט זיך אים דאַכטן, אַז ניט די שאָף נאָר די בערג וויגן זיך, און יעדעס מאָל ברענגען זיי אַלץ אַנדערע בערגלעך צו טראָגן אין טאַלעכל, ווי אַ טאַץ מיט גרינע זאַפּטיקע גראָזן פאַר זיין סטאַדע. שפּעטער פלעגט זיך ר׳ בעריש אַוועקזעצן אויפן גראָז אַנטקעגן פאַרקוילטן שטאָם און איינדרימלען מיט איין אויג. נאָך האַלבן טאָג, ווען די זון גיט זיך אַ גליטש אין אַ זייט, פלעגט ער איבעריאָגן די סטאַדע טיפער אין סטעפּ, נעענטער צו די בערג, און זיך שטעלן צו די צווייטע פיר שעה אַרבעט און איז שוין אַזוי וואַך געווען ביז פאַרנאַכט.

אַ היים אין קאָלווירט פלעגט ר׳ בעריש קומען מיטן זון־פאַרגאַנג. די טשערעדע האָט זיך געצויגן און געצויגן; שוואַרצע און ווייסע, ברוינע, געפינטלטע און געפלעקטע, שווערקאָדיקע, פול־זייטיקע, אָט־גאָר יונגיטשקע, געשאָרענע, ווייס־שטערנדיקע און געשנירלט־פּיסיקע. ביי יעדן טויער פון פירעקעכדיקן הויף האָט זיך אַ הורבעלע אָפּגעשטעלט, געקוקט מיט מילדע אויגן. ר׳ בעריש

האָט געעפנט די פּאַרטקעס מיט אַ סקריפּ און זיי אַריינגעלאָזן איינציקווייז, איינציקווייז. — —

אין דער טויבקייט פון אַ שיטערן וואַלד האָט אַ געוויטער איינגעוואַלגערט אַ הייל פון וועלף. אין וואָלף פון דער הייל, אַ פּאַרוואָגלטער אַהער, איז געשטאַנען ביים דעמב און געוואָיעט אויף דער ליידיקייט און אויף דער טויטער בין, וואָס איז שוין געלעגן ביי אים אין דער וויע. אַ ווינט האָט געטרייסלט ביים וואָלף די פּעל און געוואָיעט מיט אים. פאַרטאָגט האָט שוין דער וואָלף שווער געטראָטן און געבלאָנדזשעט אין ים גראָז.

דער קילער, לויטערער פרימאָרגן האָט געציטערט מיט טוי־איקן זילבער אויף די גראָזן, אויף אָנגעצויגענע שפּינוועב פּעדים אויף דיביימער, אויף דער לאָנקע האָבן געפינקלט דימענטן און זיך געשפּיגלט אין מזרח׳דיקן האָריזאָנט. פּלוצים האָט זיך די סטאַדע אַ וויג געטאָן און זיך אָנגעהויבן צונויפטוליען אין שרעק ווי פאַר אַ שטורם.

ר׳ בעריש האָט אויפגעהויבן די אויגן און דערזען פון וויטנס, ווי די חיה שטעלט פאַדערשטע לאַפּעס און וואַלגערט דאָס נאַסע גראָז. ער האָט אַרויסגעצויגן פון זיין כאַלאַט־קעשענע אַ קאָלירטע טאַבאַק־פּאַטשיילע און זי אַ וואָרף געטאָן דעם וואָלף אין די אויגן. אַ ווינט, וואָס האָט געצויגן פון מזרח, האָט געמאַכט פלאַטערן דאָס קאָלירטע שטיקל צייג אין דער לופטן און פּלוצלונג זיך אָפּגעריסן און אַ פלי געטאָן גלייך דעם וואָלף אין די אויגן. דער וואָלף האָט זיך אַ האַסטיק קערעווע געטאָן אויף צוריק, זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע לאַפּעס און זיך אַוועקגעלאָזט צפון־צו, צום וואַלד.

ר׳ בעריש האָט מיט דער בייטש צעטריבן די שאָף און זיינע ליפּן האָבן געפּליסטערט: „הנה עין ה׳ אל יראיו...״

פון צפון טוט זיך פון צייט צו צייט אַ רייס אָפּ אַ ווינט, טראָגט דער ווינט די ידיעה קיין מערב, אַז ר׳ בעריש זאָגט תהלים, אַז ער האָט ערשט אַ וואָלף פאַריאָגט, געראַטעוועט זיינע שעפעלעך...

חדשים זיינען געגאַנגען גיך, גיכער ווי וואָלקנס, און אַזוי האָט זיך דערנעענטערט דער סוף־זומער. די טעג האָבן אָנגע־הויבן ווערן קירצער, די זון — שמעלער. פאַר דער צייט, וואָס ר׳

בעריש האָט זיך פאַרנומען מיט׳ן פּאַשען, איז ביי אים דאָס פּנים געוואָרן ברוינער און פולער און די אויגן — גרעסער. פונעם ערשטן טאָג ביז איצט איז ער נאָך אַלץ אַרומגעגאַנגען אין דער טוכענער קאַפּאָטע, אין וועלכער ער איז אַראָפּ פון דער באַן, וואָס איז שוין געווען אָפּגעטראָגן און פאַרטריקנט פון זון און ווינט.

גרין און העל האָט זיך אויסגעשפּרייט דער הימל איבערן סטעפּ. וואָלקנדלעך האָבן זיך געפּעדערט, געצויגן איינס צום אַנדערן און זיינען צעגאַנגען געוואָרן. די זון האָט ניט געוואוסט, וואו זי האַלט אין דער וועלט... אַ וואַרעמער ווינט האָט זיך געפלאָנטערט צווישן די גראָזן. פאַרנאַכט פלעגט ר׳ בעריש אַמאָל קומען אין דער ביוראָ אָפּנעמען זיין פּאָסט און מען פלעגט אים זען שטיין צווישן יונגע, פון זון־פאַרברוינטע אוזבעקישע פּאַסטוכער. די באָרד איז אים געווען געל פון מערב׳דיקן זון־אָפּשיין און ער האָט געמורמלט: „ה׳ רועי לא אחסר״...

אַ גאַנצן טאָג פלעגט ר׳ בעריש פאַרברענגען אין סטעפּ. אין די נעכט איז ער געזעסן און געלערנט אויף אויסווייניק, אָדער געענטפערט אויף בריוו, אָדער פאַרשריבן אויף גראָב וויקל־פּאַפּיר זיינע חידושים. זינט עס זיינען צו זיינע אויערן דערגאַנגען ידיעות און די וויסטע בשורות וועגן חורבן פון די פּוילישע שטעט און שטעטלעך, איז ער נאָך מער פאַרזונקען געוואָרן אין שווייגן.

אין די לעצטע ווינטער־טעג האָט שוין דאָ, וואו עס איז אייגנטלעך קיינמאָל ניטאָ קיין ווינטער, געשמעקט מיט דעם היימישן שפּעט־זומער. ר׳ בעריש וואָס איז בטבע געווען אַ שווייגער, האָט אַלץ איבערגעלעבט אין זיך. לעצטנס, אַז ער האָט אויפגעכאַפּט די נייעס וועגן רשע׳ס מפּלה ביי דער וואָלגע, האָט ער אפילו יאָ געוואָלט רעדן מיט מענטשן. ער האָט זיך דערמאָנט אַ וואָרט פון דעם אַלטן ריזשינער רבין, צו וועמען זיין זיידע, וואָס האָט נאָך געדענקט נאַפּאָלעאָנס צייטן, איז געפאָרן.

„משיח״ — האָט דער רוזשינער געזאָגט — „וועט פריער קומען קיין רוסלאַנד״. איצט, נאָכן סטאַלינגראַדער נצחון, איז אים מיט אַמאָל קלאָר געוואָרן, וואָס דער רבי האָט געמיינט... אייגנט־

לעך האָט ער דאָס וואָרט אַרומגעטראָגן אין זיך נאָך אין לעמבערג, בעת מען האָט די יידן געגומען אָפּשיקן וויט־וויט, אָבער ער האָט באַשלאָסן אויסבאַהאַלטן דאָס וואָרט ווי אַ סוד, קיינער זאָל פון אים ניט וויסן, ביז די צייט ווען קומען, ווי מען באַהאַלט אויס די בלעטער פון אַ ניט־צייטיקער פּרי. אצינד האָט ער געוואָלט עמיצן אויסדערציילן דעם סוד. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם בוכאַרער יידן, דעם שמיד עבודיה ששון, וואָס האָט געוואוינט אין עק פון דאָרף. ער האָט אָבער געוואויגן זיין געדאַנק און ניט געקאָנט פועלן ביי זיך אַריבערגיין צום שמיד און געוואַרט אויף אַ שעת הכושר.

אַ לעצטער זונען־שטראַל איז פאַרגאַנגען הינטערן באַרג. די אוונטדיקע בלויקייט איז געוואָרן געדיכטער. אין די קאָלווירט־הייזער האָבן די פענצטער אויפגעפלאַמט מיט העלקייט פון לאָמפּן־שיין, וואָס האָט זיך געריסן דורך די שויבן און זיך געשפּרייט קווער דער לעניך גאַס.

אין זיין קליין חדר'ל איז ר' בעריש געזעסן און זיך געוויגט איבערן אָפּענעם משניות'ל, דעם איינציקן ספר, וואָס ער האָט מיט־געבראַכט פון לעמבערג. ער האָט געטראַכט וועגן דער אַלטער פראַגע: ווען וועט קומען משיח? און איבערגעריסן די מחשבה און זיך פאַרטיפט אין די זעקס סדרים פון דער משנה, וואָס ער האָט אין זכרון צונויפגעוועבט מיט פראַגן וואָס זיינען געשטאַנען ביי אים אויפן סדר היום. ער האָט געלערנט מיט אַ ניגון. — —

„המהלך במדבר" אַז איינער גייט אין דער מדבר און ווייסט ניט ווען עס איז שבת, ציילט ער זעקס טעג און מאַכט זיך איין טאָג פאַר שבת — וואָס־זשע שרייבט ער אים, זיין תלמיד, דער שאַרפער למדן פון פרעמישלע — אַ חידוש פלא, וואָס טוט מען מיט תפילין אַז טאָמער פאַלט גאָר אויס דער אַרבעטס־טאָג דווקא שבת? און וואָס קלאָגט ער זיך זיין תלמיד אין די אוראַלער וועלדער, אַז דער עיקר איז אַרבעט, אַרבעט! — — וויגט זיך ר' בעריש איבערן משניות.

די אלול־טעג זיינען אָנגעקומען. פייגעלעך האָבן געצוויטשערט צווישן די צווייגן, דאָ האָט אַ ווינט אַ שאַר געטאָן מיט לייכטע פינגער איבער די ביימער־שפּיצן און ערגעץ האָבן זיך בלעטער

ווי גאָלדענע זומער פייגעלעך אָפּגעריסן פון דער מוטער, און קיי־לעכדיק אַראָפּגעפּאַלן אויף דער פּאַרטויעטער לאַנקע, וואו די שאָף האָבן זיך געפּאַשעט, און ווידער האָבן ווינטלעך פאַרבלאָנדזשעט אַהער פון ערגעץ, זיך באַגעגנט ביים שייטער, וואָס אין פאַרברענטן שטאָם און אויסגעפייפט אַ תקיעה, אַ תרועה...

ביי ר׳ בעריש׳ן אין האַרץ האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן. ס׳איז שוין באַלד ימים נוראים, די פאָרכטיקע טעג, ראש השנה...

אין פרימאָרגן פון ערב יום כיפור, ווען ער איז געזעסן ביים אויסגעלאָשענעם שייטער, אַנטקעגן דער האַרבסטיקער לאַנקע און האָט האַלב־געדרימלט, האָבן זיך פאַר זיינע אויגן געבלעטערט די פאַרגאַנגענע יאָרן און טעג אין זיין שטעטל. זכרונות פון אַ ניט־לאַנגן נעכטן, האָבן מיט אַ בלוטיקן ברי געריסן דאָס האַרץ. צום ערשטן מאָל, אַז עס וועט אים אויסקומען צו פאַרברייינגען יום כיפור אין פעלד מיט די שאָף. קיין חילול איז עס אפילו ניט, אָבער דאָך! אין פעלד, אין סטעפּ, אָן אַ מנין, אָן אַ מחזור...

ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און זיך געלאָזט יאָגן פון דעם געדאַנקען־שטראָם. הייסט עס, אַז ער, דער דעמבינער ראש־בית דין און ראש־ישיבה, וועמען רבנים פון גאַנץ פוילן פלעגן שיקן שאלות, איז גאָר איצט אַ פּאַסטוך אין די בוכאַרער סטעפּעס. ערשט דאָ ניט לאַנג צוריק האָבן נאָך זיינע תלמידים געטרונקען זיין תורה, ווי די שאָף פונעם קלאָרן טייכל.

ניין, תורה איז ניט געווען די איינציקע מתנה פון „אויבן״, וואָס ער האָט אין זיינע יונגע יאָרן באַקומען. ס׳איז געווען נאָך אַ צווייטע — דער כוח צו טאָן וואונדער. אַ לאַנגע צייט האָט ער ניט געגלייבט, אַז ער פאַרמאָגט דעם כוח, כאָטש אַ סך פון זיינע ברכות זיינען מקוים געוואָרן. אין משך פון די לעצטע צוויי יאָר זינט ער געפינט זיך דאָ, אין רוסלאַנד, פריער אין אוראַל און איצט אין בוכאַרא, — האָט ער אַ סך מתפלל געווען, אָבער די תפילות זיינען קיינמאָל ניט אַרויס גאַנץ און גלאַטיק פון זיינע ליפּן — אַ סימן, אַז זיי האָבן ניט דערגרייכט, ניט דערהערט געוואָרן אין הימל...

ר׳ בעריש׳ן איז מיטאַמאָל איינגעפאַלן, אַז ווען עס רעגנט טרייבן ניט די פּאַסטוכער די שאָף אין סטעפּ. טאָמער וואָלט ער איצט מתפּלל געווען אויף רעגן, בעטן עס זאָל מאָרגן רעגענען אַ גאַנצן טאָג, וועט ער פאַרשפּאָרן אַרויסגיין אין פעלד...

עס האָט זיך אָנגעהויבן כמאַרען. פון מזרח־זייט זיינען גע־גאַנגען אויף דער זון קליינע, העלע וואָלקנדלעך, מחנות׳ווייז גע־גאַנגען, ווי טשערעדעס שאָף, זיך צונויפגעשלאָגן און טונקלער געוואָרן און ווידער זיך צעפליקט אין ליכטיקע הויפנס וואָטע, אַ גרינגער ווינט האָט געבלאָזן טרוקן און באַדעקט די פרידלעכע שעפעלעך מיט אַן אָנפלי גרילע סאָסנע נאָדלען.

ר׳ בעריש איז געזעסן אין סטעפּ און ווייטער געצויגן זיין מחשבה־שטראָם: — זאָל ער בעטן אויף רעגן, בעטן אין זכות פון זיינע זיידעס? זאָל ער זיך איינשפּאַרן? — קעגן וועמען? קעגן האַר פון דער וועלט? זאָל ער וואָגן זיך פאַרמעסטן קעגן ווילן פון באַשעפער? ווייס ער דען ניט, אַז אַזאַ חוצפּה קאָן אים קאָסטן זיין חלק עולם הבא?

— ניין! — האָט ער זיך פּלוצלונג אויפגעשטעלט און האָט גענומען אַרומקרייזן דעם שטאָם, — ער האָט זיך דערמאָנט אין דער „תפילה קצרה" (קורצע תפילה) פונעם כהן גדול אום יום־כיפור: „ס׳זאָל זיין דיין ווילן, אַז דאָס דאָזיקע יאָר זאָל זיין אַ יאָר

פון טוי און אַ יאָר פון רעגן, און עס זאָל ניט דערגרייכן צו דיר די תפילות פון די וועג־לייט אויף די וועגן, וואָס בעטן, עס זאָל ניט גיין קיין רעגן, ווייל עס איז פאַר זיי אַ רעה, בשעת די גאַנצענע וועלט נויטיקט זיך אין רעגן".

אייגנטלעך איז יעדער מופת אַ מין צוואַנג פאַר׳ן כביכול און פאַרהוילט פאַר׳ן מענטשן דעם יושר׳דיקן וועג פון באַשאַפער. דער קאָלווירט דאַרף האָבן די שאָף, די וואָל איז נויטיק פאַר דער מלחמה פּראָדוקציע. ער וועט טאָן זיין פליכט!

ער האָט זיך אומגעקוקט. דאָס ווינטל האָט אויפגעהערט און אין מערב האָט די זון ווידער געשיינט.

די שאָף האָבן געמעקעט און זיך געריסן צום שליאַך. ר׳ בערישע׳ס אומעטיקער תהלים זאָגן האָט די שעפעלעך נאָכגעאָגט: ה׳ רועי לא אחסר. — —

אין דער פאַר׳כשופט׳טער געהיימניס פון טאָגן האָט ר׳ בעריש אַרומגעוויקלט די פיס מיט אָניטשעס, און ער איז אָן דער פאַסטוך־טאָרבע אַוועק מיט דער סטאַדע אין פעלד. פוןביידע זייטן איז געלעגן דער סטעפּ, וואָס האָט געאָטעמט מיט קאַלטן טוי, מיטן פרישן מיטוואָך פאַרטאָג. פאַראויס האָבן זיך געשטויסן די שעפּעלעך, געבענקט נאָך פאַשע. פון מאָל צו מאָל האָט אָנגעיאָגט אַ שפּעטער קריי פון אַ האָן, גלייך פריער וואָלט ער זיך פאַרגעסן צו קרייען.

געקומען אויף דער לאָנקע האָט ר׳ בעריש זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ קופּע גראָז און גערעדט אין דער שטיל, ווי ער זאָל עמיצן אַ דערבייאיקן געלאָסן עפּעס דערציילן. ווען עמיצער וואָלט דערביי געווען, וואָלט ער געהערט ווי ר׳ בעריש טענה׳ט זיך אויס מיט׳ן באַשעפער:

„רבונו של עולם! גאַנצע יידישע קהילות גייען איצט אויף קידוש השם, ווערן פאַרברענט אין די נאַצישע קאַלכאַויוונס, און זיי האָבן פאַר זיך די עשרה הרוגי מלכות און ר׳ עקיבא׳ס ביישפּיל פאַר די אויגן. איך, דער אַלטער מורה הוראה פון דעמבין, בין געבליבן לעבן, דאַרף איך אויפהיטן דאָס לעבן, אַרבעטן ווי אַלע אַרבעטן לטובת הכלל... „שה פזורה ישראל” — יידן זיינען ווי צעשפּרייטע שעפּעלעך, — איך טראַכט חלילה ניט איבער דיינע וועגן, נאָר פון דער סטאַדע האָב איך עפּעס געלערנט: יאָגן יאָגט מען נאָר די דאָזיקע, וואָס זיינען ווי די שאָף; די וואָס האָבן ניט קיין הערנער און ניט קיין נעגל אויף זיך שטעלן אַנטקעגן; נאָר די ווערן פאַרצוקט. — — —

ער האָט זיך אויפגעהויבן, געוויזן מיט אַ פינגער אויף די שעפּעלעך, וואָס האָבן רואיק געצופּט די נאַסע גראָזן און מיט אַ געבראָכן קול אין תפילה, גענומען זאָגן „כבקרת רועה עדרו”. זע, רבונו של עולם! ווי איך היט די שעפּעלעך, וואָס מ׳האָט מיר אָנ־פאַרטרויט; היט דו דיינע שעפּעלעך, דיין פאָלק ישראל!...”

אָפּגעזאָגט די תפילה האָט ער זיך געלאָזט טמיט דער לאָנקע, וואָס האָט געפירט צו די בערג. אויף מערב האָבן זיך געלאָשן די טונקל־פיאָלעטע וואָלקנדלעך. די זון אויף מזרח איז געוואָרן העלער.

אויף אייזיקע וועגן

ווען דער מענטש זאָל וויסן, וואָס פאַר אַן אוצר עס ליגט
הינטער דעם באַרג פון יסורים, וואָלט ער אויסגעשטרעקט
זיינע בײדע הענט זיי אַנטקעגנצוקומען.

(הרב אברהם אליהו מייזעס, „יורה חכימא“)

איינגעמידטע ווערט אויך די האַנט וועלכע שטראָפט

(ה. לייוויק, סיבירער לידער)

אויף אייזיקע וועגן

אין ווייס רוסלאַנד איז דער זומער געווען אַ הייסער, אַ דורכגעזאַפּטער מיט שטויביקע ווינטן. נאָר אין מינסק איז געווען ווייניק שטויב, ווייל דער שטאָטישער סאָוועט האָט אַ סך גאַסן באַדעקט מיט גרינס.

געווען איז עס אין יאָר 1930.

די נעפּלייט איבער די מינסקער גאַסן האָבן שוין לאַנג אויפגעהערט אומגיין... אייניקע פון זיי זיינען געוואָרן פּאַרקויפער אין די סאָוועטישע קאָאָפּעראַטיוון, אַנדערע — פּויערים און די סאַמע שעדלעכסטע האָט מען אָוועקגעשיקט אויף צפון אַהין וואו די ווינטערס זיינען לאַנגע, שנייאיק־ווייסע מיט שטאַרקע ווינטן און זאַווערוכעס.

די דאַכלאָזע, אָפּגעריסענע קינדער האָבן ביסלעכווייז פאַרלאָזן די שטויביקע גאַסן, זיך אָפּגעזעצט אין קינדער־היימען, אין קינדער־שטעטלעך, און איצט האָט מען זיי געקאָנט באַגעגענען אין זאַוואָדן און קאָלווירטן.

אין אַ שפּעט־זומערדיקן אָוונט האָבן זיך די רעדאַקציע מיטגלידער פון מינסקער „אָקטאָבער" לאַנג געאַמפּערט וועגן אָנגעמען מיטלען צו פאַרשטאַרקן די אַגיטאַציע און אויפקלערונג אין די ווייס־רוסישע שטעטלעך, און לסוף באַשלאָסן, אַז דער בעסטער מיטל זיינען די בריוו פון די „אַריבערלויפער", וואָס ווייזט אַז אין זייערע רייען פּלאַצט שוין דער אָנפירנדיקער רינג.

דניאל טאַמאַרקין, אַ קליינוואוקסיקער און דיקלעכער, מיט ברילן אויף די טונקעלע אויגן, האָט פאַנאַדערגעשפּרייט אַ בריוו געשריבן מיט אַ געצירקלטן כתב און ביי דער לאָמפּן־שיין געלייענט אינדערהייך:

„איך, אברהם אליה זיימעס, דער מורה הוראה אין טימקעוויץ זאָג זיך אָפּ פון רבנות. אַז עס זיינען ניטאָ קיין שאָף באַדאַרף מען ניט קיין פאַסטוך... די יוגנט קומט ניט אין שול און פאַר

די אַלטע? זיי קאָנען זיך באַגיין אָן מיר. דערביי אָבער זאָג איך זיך, חס וחלילה, ניט אָפּ פון יידישקייט..."

— כאַווער טומאַרקין — דאָס בריוול געפעלט מיר! — האָט זיך אָנגערופן דער סעקרעטאַר פון דער רעדאַקציע, אַ יונג מיט אַ פיינעם קאָפּ שוואַרץ־צעשויבערטע האָר און גוטע לאַכנדיקע אויגן.

— מיר איז אַ חידוש אויף איך, כאַווער חאַלפין? וואָס איר פאַרשטייט ניט, אַז עמיצער קאָן זיך אַמאָל באַהאַלטן אונטער אַזאַ בריוול. ווער ווייסט? אפשר אַ פאַרשטעלטער. מער דאַרף קענען די קלאַסן־שונאים.

— און איך, כאַווער טומאַרקין, האַלט פאַרקערט, — האָבן ביים יונג מיט דער טשופּרינע די אויגן שטיפעריש געשמייכלט, — ס'וועט זיין גוטע אַגיטאַציע.

— פונוואַנען ווייסט איר?

— פאַרלאָזט זיך אויף מיין פאָעטישן חוש, וואָס אַרט אייך?

— נו, וויבאַלד איר רעדט שוין וועגן דיכטערישער אינטו־איציע, איז דאָך ניט שייך! איך האַלט אָבער מיר זאָלן אַרויסלאָזן דעם לעצטן זאַץ פונעם בריוו.

— טוט ווי איר פאַרשטייט, אויף דעם זענט איר רעדאַקטאָר.

ער איז ניט געווען צווישן די וואָס זיינען אין לאַנד פאַרבליבן נאָך דער רעוואָלוציע. ער איז אין אָקטאָבער־לאַנד געקומען פון יענער זייט גרענעץ, פון דער ישיבה אינעם גרענעץ־שטעטל קלעצק. נאָך אַלס קינד האָט ער זיך אַ היפּש ביסל אָנגעבלאָנקעט אויפן ביטערן לעבנס־דנאָ און ניט געוואוסט פון קיין קינדער פרייד.

געווען איז ער אַ קיילעכדיקער יתום. זיין טאַטע איז געווען אַן אָרעמער שוסטער אין סלוצק, וואָס איז ביי 45 יאָר קראַנק געוואָרן אויף טשעכאָטקע און אַזוי לאַנג געשפּיגן מיט בלוט, ביז ער האָט אויסגעהויכט די נשמה ביים שניידן האַרטן לעדער. אין אַ האַלב יאָר נאָכדעם איז אים אויך זיין מאַמע, וואָס האָט זיך דער־נערט פון וואַשן באַליעס גרעט, געשטאָרבן און ער איז געבליבן אויף הפקר. אַ צייט האָט ער זיך אַרומגעוואַלגערט אין קצבישן בית מדרש, איז געגאַנגען אין צעריסענע שיך, קרוע ובלוע און פאַרלאַטעט מיט שמאַטעס. געלעבט האָט ער פון קלייבן שטיקער

ברויט, וואָס ער מיט אַנדערע אָרעמע, פּאַרוואָרלאָזטע ייִנגלעך האָבן גענישטערט יעדן פּאַרנאַכט אין די גערטנער און אין מאַרק.

פאַר דער ערשטער מלחמה, אין יאָר 1913, ווען ער איז געווען 13 יאָר אַלט, איז ער אַוועק קיין קלעצק און זיך פאַרקליבן אין דער ישיבה. נאָך עטלעכע יאָר האָט ער, דער 21־יאָריקער בחור, אַריבערגע׳גנב׳עט די גרענעץ און איז צוריק אָנגעקומען קיין סלוצק, וואָס האָט אים אַהין געבראַכט? איז עס געווען די בענקשאַפט נאָך זיין היים־שטעטל? נאָך זיינע געוועזענע חברים, די פאַרלאָזטע ייִנגלעך? קיינער האָט ניט געוואוסט. ווען מען וואָלט אים געפרעגט, וואָלט ער געענטפערט, אַז געצויגן האָט אים צו עפּעס...

אין סלוצק האָט ער קיינעם פון זיינע אַמאָליקע קינדער־חברים ניט געטראָפן. זיי זיינען אַוועק מיט די נייע ווינטן און אויף נייע דרכים, ווער אין פאַבריק און ווער אויף אַרבעט אין די ערד־קאָלעקטיוון.

עס איז אים דאָ געווען ליידיק און אומעטיק. אפילו דאָס אָרעמע שוסטער־שטיבל פון זיין טאַטן איז שוין ניט געווען, און דער ברונעם אין הויף פון קצבישן בית־מדרש האָט אויסגעטריקנט.

ער איז אַוועק צו אַ פּעטער אין דערבייאיקן שטעטל טימקעוויטש, און נאָכדעם ווי דער אַלטער רב איז אַוועקגעפאָרן צו די קינדער קיין אַמעריקע האָט מען ביי אים געפּועלט ער זאָל ווערן דער רב פונעם שטעטל.

נאָכדעם ווי ער איז געוואָרן דער פאַסטוך פון דער קהלה איז אים שווער געוואָרן אויפן געמיט. קיין יונגע לייט מיט וועמען צו לערנען האָט ער ניט געהאַט. קיין כשרע יאַטקעס אויף וואָס אַכטונג צו געבן — אויך ניט, איינמאָל אַ וואָך, מוצאי שבת, פלעגט דער שוחט קוילן אַ קו, וואָס איז קיינמאָל ניט טריף געוואָרן. חתונה׳ס זיינען אויך ווייניקער געוואָרן און די וואָס פלעגן יאָ קומען צו אים פאַר חופּה קדושין איז אַן אַ מנין...

שעה׳נווייז איז ער געזעסן אין בית־מדרש ביי דעם האַלבצעבראָכענעם שטענדער און זיך געוויגט איבער דער גמרא, נאָר געדאַכט האָט זיך אים, אַז אַ שאָטן פון העגנלייכטער רייצט זיך מיט אים: ס׳איז הבל־הבלים׳דיק דיין זיצן דאָ! על־פּי שכל קאָן זיך די טימקעוועטשער עדה באַגיין אָן אַ רב. פאַרנאַכט מיטן זון־פאַרגאַנג,

האָבן זיך געיאָוועט עטלעכע יידן און ער האָט אינאיינעם מיט זיי געוואָרט און געוואָרט אויף אַ מנין... שבת בייטאָג איז ער מיט געשטרויכלטע קני און מיט אַ שווערן געמיט אַרויף אויף דער בימה און געהאַלטן זיין דרשה פאַר אַנדערהאַבן צענדליק יידן, און גע־דאַכט האָט זיך אים, אַז פון די ווענט, פון סופיט, רינט אַראָפּ אַ טרויער און פאַרטונקלט אים די אויגן.

עס האָבן זיך אָנגערוקט די אלול־טעג און ס׳האָבן זיך דער־נעענטערט די ימים נוראים. אין אַ לויטערן אלול אינדערפרי האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט ביים שטענדער און אָנגעשריבן אַ בריוו. נאָכדעם איז ער צוגעגאַנגען צום ארון־קודש, אַ קוש געטאָן דעם פרוכת און איז אַרויס פון בית־מדרש, זיך געלאָזן מיטן שליאַך מזרח־צו...

ווען מענדל קיילין, דער אַגראָנאָם פון ווייס־רוסישן ערד קאָלעקטיוו, „רויטער אָקטאָבער״, איז אין אַ סוף־מיטוואָכדיקן אינדערפרי אַריינגעפאָרן קיין טימקעוויטש, האָט ער זיך גע־וואונדערט, וואָס דער מאַרק איז אַן אויפגעראַמטער. איין קרעמל נאָר איז געשטאַנען אָפן ביי אַ פאַרפרענטעטער ריי קלייטן און ס׳האָט דאָרט געגענצט אַ גויאישער קצב אין אַ ווייסן פאַרטוך, און געוואָרט אויף אַ קונה. אויפן מאַרק איז געווען שבתדיק שטיל. אַ ציג האָט געבלאָנקעט צווישן די פאַרשמאָלצעוועטע שטעלעכלעך און אַרומגעלעקט לידיקע קוישן. מענדל האָט געוואוסט אויף געוויס, — ס׳הײַנט ניט שבת... וואַרט, וואָס איז היינט? באַלד האָט זיך דערטראַגן צו זיינע אויערן אַ טרומייטן־קלאַנג. פון דער אַלטער שול האָט דאָס שופר בלאָזן געשטאָכן די טויבע טיף... ס׳איז גאָר היינט ראש השנה און ס׳איז מיר אַרויס פון קאָפּ... האָט מענדל אַוועקגעשפּאַנט צום פערד־און־וואָגן... ניטאָ דאָ צו וועמען צו רעדן. איכ׳ל באַווייזן מאָרגן... האָט ער געטראַכט און זיך אַרויפגע־זעצט אויף דער קעלניע.

מיט צוויי טעג שפּעטער איז מענדל ווידער אַריינגעפאָרן אין שטעטל און מיטגעבראַכט דעם ׳אָקטאָבער״. ווי נאָר ער האָט אָפּגעשטעלט דעם וואָגן האָבן זיך שוין אָנגעהויבן קלייבן אַרום אים די מאַרק יידן.

— כאַוועער אינזשיניער — האָט אַ ברוינער ייד מיט אַ געלער באָרד זיך אַוועקגעשטעלט: — איר זענט דאָ געווען ראש־השנה, געאַרבעט, געפּאָרן...

— געאַרבעט, ווי דען? איר האָט אויך געאַרבעט.

— איך? ווען, וואו?

מיט די גאָרגלען אין שול.

— איר שפּאַסט, נאָר מילא! אָבער פאַסטן יום־כיפור וועט איר? פאַסטן מעג מען אין קאָלכאָז?

— איך ווייס? וואָס פרעגט איר מיך? מיט אַ שאלות ותשובה גייט צום רב...

— דער רב איז גאָר אַוועק. נעלם געוואָרן, ווי אין וואַסער אַריין!

— בהמה וואָס דו ביסט! — האָט אַ צווייטער ייד געקעמט מיט די פינגער די ווייסע באָרד, — וואָס פרעגסטו אים פּראַגעס? ממה נפשך, טאָר מען ניט עסן, טאָר מען ניט אַרבעטן אויך, שייך רעדן...

— און איך האָב מורא, אַז ביי אייער רב וועט שוין דער הייניקער יום־כיפור זיין אַ נדחה — האָט מענדל געשטופּט דעם „אָקטאָבער" די יידן אין די אויגן... אדרבה, לייענט איר, וואָס דער רב שרייבט... — האָט ער געשמייכלט.

אַ לאַנגער אָנגעכמורעטער ייד מיט אַ גראָוולעכער באָרד און אונטערגעשוירענע וואָנסן האָט אויסגעשפּיגן אַ הייעלע, וואָס ער האָט געקייעט, און בייז אַ בורטשע געטאָן פאַר זיך:

— פשיטא... מהרסיך ומחרביך... מאַכט אים, דעם רב, פאַר אַ נאַטשאַלניק באַ אייך...

— אַ שיינער תכלית געוואָרן פון יידישקייט — האָט אַ ייד אָפּגעזיפצט.

גאַנצע צוויי יאָר זיינען פאָראיבער זינט די רבנים פון די אַרומיקע שטעטלעך אוזדאַ, סמילעוויטש, און סלוצק האָבן גע־לייענט וועגן טימקעוויטשערס בריוו. מיט דער צייט האָבן אייניקע פון זיי פאַרגעסן אין דעם „אחר" און אייניקע, וואָס האָבן אים יאָ געדענקט האָבן זיין נאָמען ניט געוואָלט דערמאָנען.

אין אַ ווינטערדיקן פֿאַרנאַכט פֿון יאָר 1932 האָט זיך אין דער מינסקער קלויז אויפֿן טורעצקער באַרג באַוויזן אַ יונגערמאַן מיט אַ שוואַרצער באָרד און גליאיקע אויגן און זיך אַוועקגעשטעלט דאַווענען פֿאַר זיך. אָפּגעדאַוונט איז ער צוגעגאַנגען צום אַלטן שמש און אים געפֿרעגט צי מעג ער אויף דער וואַנט ביים כיור אַרויפֿ־קלעפּן אַ מודעה.

— וועגן וואָס אַ מודעה? — האָט אים דער שמש באַטראַכט.

ער האָט אַרויסגעשלעפּט אַ פּאַפּיר מיט שוואַרץ־געכּתיבה׳טע אותיות, אַז ער, אברהם אליהו בן בנימין, מיטן ביינאָמען זיימעס, וועט לערנען מיט דערוואַקסענע בחורים גמרא, תּוספֿות, די תּורה פֿון חב״ד. די וואָס אַרבעטן קאָנען קומען אין די נעכט...

— אַזוי גאָר! — האָט דאָס ווייסע בערדל געציטערט ביים שמש און ער האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס, — דאָס דאַרף מען האַלטן בסוד. איר, יונגערמאַן, גייט בעסער אַריבער צום רב.

ביים מינסקער רב אין הויז האָבן אים יידן אָפּגעשטעקט שלום און שוין געוואוסט וועגן דער מודעה. עטלעכע האָבן אים געעצה׳ט ער זאָל זיך באַטראַכטן און ניט קריכן אין סכּנה. דאָס וועט זיכער ניט שמעקן די פֿירער פֿון דער יידישער קולטור סעקציע, אַנדערע האָבן ביז געשוויגן. די עצות פֿונעם געזעמל האָבן שטייפֿער געמאַכט דעם יונגנמאַנס קול:

— איך וויל אויפֿהיטן די וואָרצלען. ס׳וועלן זיין וואָרצלען וועלן זיך שפּעטער אויך צווייגן צעבליען...

— אַ גערטנער דאַרף זיך רעכענען מיטן וועטער, — האָט איין ייד זייטיק אַ מורמל געטאָן...

— די תּורה איז די זעלבע ביי אַלע וועטערס און קיינער וועט פֿון איר ניט אַנטרינען! — האָט זיך שוין דער יונגערמאַן צע־פֿייערט: ס׳איז ניט מיינס! דאָס זאָגט דער רמב״ם אין זיין „אגרת השמד״..

מיט אַ פֿאַרביסענעם שמייכל האָט אים דער רב אַ וואונק געטאָן: קומט מיט מיר אין צווייטן חדר!

געבליבן מיטן רב אַליין צווישן די אַלמערס ספֿרים האָט ער שוין געענטפֿערט אויף פֿראַגעס, פֿונוואַנען ער שטאַמט, וואו גע־לערנט און וואו ביז איצט געווען. דעם רבס מילדע אויגן האָבן זיך

צעשטראַלט, נאָר ווי ער וואָלט איינגעהאַלטן זיין התלהבות, האָט ער שטיל געזאָגט:

— אויף לערנען מיט גרויסע איז דאַכט זיך ניטאָ קיין שום פּאַרבאָט, פונדעסטוועגן דאַרף מען זיין געוואָרנט, איר דאַרפט ניט אַרויסצובערענגען דעם גאַנצן אמת.

— ווען נויטיק, רבי, וועל איך גיין אויף מסירת־נפש — האָט דעם יונגעמאַן די צונג אַ ברי געטאָן, נאָר געזאָגט האָט ער:

— קעגן מלכות, חלילה!

אין טימקעוויטש האָט מען געהאַלטן, אַז ר׳ אברהם אליהו זיימעס האָט ערגעץ אויף ווייטע וועגן זיינע תורה־קערנער צעווייט און פאַרלוירן ווי דער ווינט ווייט אויס דעם שטויב פון דער אָפּגעדראָשענער תבואה אויפן נאַקעטן פעלד. נאָר דניאל טאַמאַרקין, געוועזענער רעדאַקטאָר פונעם „אָקטאָבער” און שפּעטער דער ממונה אויף יידישער קולטור ביים ווייס־רוסישן הויפּט־סאָוועט, האָט געהאַלטן, אַז ווי דער ווינט קאָן ניט אויפהייבן די שווערע קערנער און צעשטויבן און צעטראָגן אויף אַן אומפּרוכטבאַרן אומקום — אַזוי קאָן אויך אַמאָל אפילו אַ רעוואָלוציע ניט פאַרניכטן איינגעוואָרצלטע דעמבעס. מען דאַרף דערייבער שטיין אויף דער וואַך. וואַכזאַמקייט — האָט ער גערעדט צו זיינע חברים — איז דאָס וויכטיקסטע פאַר דער רעוואָלוציע.

ווען טאַמאַרקין האָט זיך דערוואוסט, אַז ער, דער געוועזענער טימקעוויצער רב׳ל, וואָס האָט אים אין דער רעדאַקציע אַמאָל צוגעשיקט אַ בריוול, האַלט איצט אויף אַ ישיבה אויף טורעצקער באַרג, האָט זיך אין אים דערוועקט אַ באַגער, אויף טשיקאַוועס, זיך אַריבערכאַפּן אהין און אָנקוקן דעם מענטשן. אויף איינוועגס — אויב נויטיק — אויך אביסל אַ דראָע טאָן זיין עובר בטלדיק וועלט...

ס׳איז געווען אין אַ פרי־פרילינגדיקן פאַרנאַכט. דאָס געסל, וואָס האָט געפירט צו דער קלויז, איז געווען גריבערדיק צעפאָרן, ווייל דאָ אַרום האָט מען געבויט נייע הייזער. פון די פאַרבליבענע עלטערע הייזער האָט זיך געקרישלט דער טינק. די פאַרב אויפן פּייכטן דאַך פון דער קלויז, וואָס האָט נאָך ערטערווייז געהאַלטן

שטיקער שניי, איז געווען ענלעך אויף אַ צעבראָכענעם שטיק קאָרענעם ברויט, גערדיכט באַשאָטן מיט זאַלץ.

ווען טומאַרקין איז אַריבערגעטראָטן די שוועל פונעם פאַר־שטיבל אין דער ווייבערשער שול, האָט ער געטראָפן זיימעסן זיצן ביי דער סעודה, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ ביסל פיסנעם קרופניק און געזאָטענע טיי אָן צוקער.

— גוטן אָוונט, רבי, — האָט ער געזאָגט.

— גוטן אָוונט, שלום עליכם — האָט זיך זיימעס אונטער־געהויבן און אים אויסגעשטרעקט די האַנט — זיצט. וואָס האָט איר צו זאָגן גוטס? טאָמער וועט איר זיך אויך וואַשן. פאַראַן נאָך טיי, פאַראַן אויך קאָנסערוון.

— אַ דאַנק — האָט טאַמאַרקין געשמייכלט — איך זע ס׳איז דאָ ביי אייך דער דלות, — האָט ער צוגעגעבן איראָניש

— ס׳פּאַסט פאַר יידן דער דלות — האָט זיימעס געענטפערט, ווי אַ ווידערקול — וואָס גרעסער דער דלות, אַלץ גרעסער דער חסד פון זיין ליבן נאָמען — האָבן זיינע אויגן געפלאַמט.

— סאַראַ פלאַמענדיקע אויגן באַ אים — איז איינגעפאַלן טאַמאַרקינען — אָדער פאַרקערט, אויגן, וואָס זיינען אימשטאַנד צו פאַרלעשן דעם פלאַם פון אַנדערע אויגן...

— מיין נאָמען איז שמחה טאַמאַרקין און איך בין דער סעק־רעטאַר פון דער קולטור אָפּטיילונג פאַר יידן אין ווייס רוסלאַנד —האָט טאַמאַרקין אָנגעהויבן רעדן.

— אָט בענטש איך אָפּ און מיר וועלן שמועסן — האָט זיך זיימעס אָפּגעגאָסן די פינגער און גענומען זאָגן מיט אַ פאַר׳דבקה׳ט קול: „הזן את העולם כולו, בחסד וברחמים... הרחמן״. ער האָט אומזיסט געוואַרט דער גאַסט זאָל ענטפערן אמן...

— ס׳איז מיר טשיקאַווע צו וויסן — האָט טאַמאַרקין אויס־געטאָן די ברילן און זיי גענומען ווישן — צי איר זענט דער וואָס האָט מיט אַ צייט צוריק געשריבן אַ בריוו אין אונדזער רעדאַקציע?

— איר מיינט אַוודאי יענעם בריוו מיינעם, יאָ, געטראָפן!

— אויב אַזוי איז מיר שוין קלאָר, דעמאָלט האָט איר עס געטאָן מיט אייער אייגענעם ווילן, און שפּעטער האָט איר זיך, הייסט עס, אַנטוישט, איר האָט חרטה.

— דאָס וואָס איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון רבנות, אויף דעם האָב איך עד היום קיין חרטה ניט — האָט זיימעס אָפּגערוקט אין אַ זייט די ליידיקע גלאָז.

— און אויף וואָס האָט איר יאָ חרטה?

— ס׳טוט מיר באַנג וואָס אנשטאָט זיך אָפּגעבן מיט די זקנים האָב איך ניט געמאַכט אַן אָנשטרענגונג צו לערנען מיט די ייִנגערע דעם מוסר פון דער תורה...

—און וואָס האָט אייך אויף אַן אמת באַוואויגן צוריקצוגיין צום אַלטן ברעג, אייך געפעלט ניט די רעוואָלוציע, אירע דרכים...

— חס חלילה! — האָט זיך זיימעס אונטערגעהויבן — קעגן נייעם סדר בין איך ניט. פאַרקערט, איך בין אַליין אַ קינד פון אָרעמע עלטערן, פון כשרע פּראָלעטאַריער. מיין טאַטע עליו השלום איז געווען אַ שוסטער... ווען דער אָקטאָבער האָט זיך צעבליט בין איך געווען צופרידן, וואָס אויך אחנו בני ישראל וועלן געבן אַ צושטייער די כוחות פונעם כלל... מער ניט איך האַלט, אַז תורה...

טאַמאַרקין האָט נערוועז אַ קוק געטאָן אויף זיין זייגער און ס׳איז קענטיק געווען, אַז ער איז שוין גרייט צו גיין. ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— איך בין אייך ניט געקומען פרעגן וועגן פרומקייט, יעדער האָט זיך זיין גלויבן. נאָר אַז איר האָט שוין דערמאָנט די ווערטער „פּראָלעטאַריער", „אָקטאָבער", איז וואָס האָט אייך באַוואויגן...

— די לעצטע פאָר יאָר האָב איך אָנגעהויבן פאַרגעסן אין תורה און מצוות און די נשמה איז, ווי זאָל איך אייך זאָגן, ווי אַ סערפּ — ליגט זי אָן אַרבעט — הייבט זי אָן זשאַווערן...

— נשמה — נאָך אַ משנה׳דיק וואָרט — האָט טאַמאַרקין געוואָלט זאָגן, און ער האָט געטראַכט, אַז אַ חוץ פלאַמענדיקע אויגן האָט נאָך דער דאָזיקער מענטש עפּעס אַ נשמה־קעלערל — אַן אמתער דאָסטאָיעווסקי־טיפּ. ווען חאַלפין וואָלט דאָ געווען וואָלט ער אָנגעשריבן וועגן אים אַ ליד...

טאַמאַרקין האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— איר זענט אַ געבילדעטער מענטש, נאָך אַ ייִנגער. אַ שאָד די יאָרן. אויב איר זאָגט, אַז איר זענט ניט קעגן דער רעוואָלו־

ציע, פֿאַרשטיי איך ניט ווי איר גיט זיך אָפּ מיט זאַכן, וואָס שמעקן מיט קאָנטער־רעוואָלוציע. מיין עצה איר זאָלט באַציַיטנס צומאַכן די דאָזיקע ישיבה אייערע.

— איך טו דען עפּעס קעגן געזעץ? איר האָט דאָך אַליין געזאָגט, אַז די מלוכה מישט זיך ניט אין גלויבנס זאַכן.

— וועגן רעליגיע רעדן מיר דאָ ניט. נאָר ס'שמעקט מיט פּראָפּאַגאַנדע... דערוויַיל גיב איך אייך אַן עצה און פאָלגט מיך.

— פאַר דער עצה אַ דאַנק, נאָר איך בין מיט גאָרניט עובר אויפן געזעץ. אַדרבה, קומט מאָרגן און איר וועט זען וואָס איך לערן און מיט וועמען איך לערן.

— איך האָב ניט בדעה צו ראַטעווען ביי אייך מיין נשמה — האָט זיך טאַמאַרקין אַ רייץ געטאָן.

— ניט ראַטעווען אייער נשמה וויל איך, נאָר ניט דערלאָזן אומברענגען מיינע, — האָט אים זיימעס איַיליק און קרעפּטיק געענטפערט. — איך וועל אָנשרייבן אַ בריוו צו אַנאַטאָלי וואַסילעוויטשן, צו אונדזער בילדונגס־קאָמיסאַר, לאָמיר הערן וואָס ער האָט וואָס צו זאָגן...

— לונאַטשאַרסקין לאָזט צורו. איר בעסער פאָלגט מיך. איך האָב אייך געגעבן אַ קלוגע עצה און די קליגסטע זאַך וואָלט געווען איר זאָלט אַוועק פון מינסק צוריק אין שטעטל...

— יונגערמאַן — האָבן זיך פלעמלעך געטוקט אין זיימעסעס בליק — איך האָב ערגעץ געלייענט: אין משך פון דורות האָט גאָט געשטראָפט די ערד ניט נאָר מיט טיפּשים, ערט האָט זי אויך געשטראָפט מיט חכמים'לך, נאָר זייט מוחל...

— אַ גוטע נאַכט. מירן נאָך שמועסן — האָט טאַמאַרקין געענפט די טיר, און ניט געזען ווי אין שטיבל האָט זיך אַ פלאַם פונעם ליכטל אין לייכטער צעשאָקלט ווי אין אומרו און אויף די ווענט האָבן זיך צעיאָגט שאָטנס. ווען ער איז שוין געווען אויף דער גאַס איז אים אַנטקעגנגעקומען אַ בחור. ער האָט זיך געוואָלט איַינקוקן אין אים, נאָר יענעמס קליין פּנימל איז איַינגאַנצן געזונקען אין דער באָרד...

דעם טיפן תהום, וואָס איז אויסגעגראָבן געוואָרן בעת'ן ערשטן געשפּרעך האָט שוין קיינער פון זיי ניט געקאָנט אַריבערטרעטן.

חדשים לאַנג האָט זיך דער ראש פון דער מינסקער ישיבה „מסירת נפש" געראַנגלט מיט טאַמאַרקינען. ער האָט געשריבן קיין מאָסקווע, אָנגעשטעלט אַדוואָקאַטן ביז ס'איז אים קלאָר געוואָרן, אַז ער האָט פאַרשפּילט. דער אַלטער רב האָט אים געוואָרנט, אַז עס וועט זיין אַ משפּט. און אויב טאַמאַרקין וועט באַווייזן, אַז ער האָט פאַרבראָכן קעגן זאַקאָן קאָן עס מיינען תפיסה, אפשר אויך פאַר־שיקונג. נאָר זיימעס האָט זיך איינגעעקשנט: אויב תפיסה איז תפיסה, און אויב לאַגער, איז אַז עס וועט באַשערט זיין קאָן מען דאָרט אויך מקדש זיין דעם שם... ווי זאָגט ר' נחמן בראַסלעווער: באמת איז אין ערגעץ ניטאָ קיין יאוש, אפילו ניט אין שאול תחתיה...

צען חדשים נאָך יענעם שמועס אין פאָדערשטיבל פון דער טורעצקער קלויז האָבן זיי זיך צופעליק געטראָפן אין שטאָט־פּאַרק. טאַמאַרקינען איז געלונגען אַריינטראָגן אַ קלאַגע וועגן זיימעסעס אומגעזעצלעכן חדר. ווען זיימעס האָט אים דערזען, האָט ער אים אָנגעיאָגט און ביידע האָבן אַ רגע געשוויגן. לסוף האָט טאַמאַרקין, וואָס איז געשטאַנען לעבן אַביימל, אָנגעהויבן רייבן אַ צווייגל. דאָס ביימל האָט געציטערט פון די טראָפּנס, וואָס זיינען געפאַלן.

— הערט זיימעס, איך זאָג אייך: איר האָט אַ טעות. דער דור, די יוגנט, וועמען ס'געהער דאָס לעבן, האָט צעריסן דעם בונד מיט דער פאַרגאַנגענהייט. אונדזער דור איז אויפגעוואַקסן אין אַ גע־וויטער, אים וועט איר ניט פאַרנאַרן מיט פאַלשגאָלד פון דער פאַר־גאַנגענהייט.

— איך לייקן חלילה ניט דערגרייכונגען פון דער אינדוסטריע, פון עלעקטריפיקאַציע, אוודאי ניט פון ברויט און פרייהייט.

— וואָס־זשע ווילט איר?

— גלייכן דאַרף מען זיך אויף דעם חומר. אויף דער נשמה איז יעדער איינער אַ באַלעבאָס פאַר זיך...

כאָטש טאַמאַרקינען איז געפעלן די דאָזיקער רעזולטאַט־לאָזער ווערטער־וויכוח האָט ער קיין חשק ניט געהאַט פאַרצוזעצן די דיסקוסיע און האָט אויסגערופן:

— וואָס האַלט איר מיר אין איין נשמה'ווען... איך ווייס

פון ברויט. פּאַפּיר, זייף... איך ווייס זיי אָדער האָלט זיי אין די הענט.

— איך קאָן אייך ניט דערקלערן וואָס נשמה איז. נשמה איז אַ חלק אלהי איז אַ טייל פונעם אין־סוף...

— אַלץ וואָס הייבט זיך אָן מוז האָבן אַ סוף.

— ניין! דער וואָס איז אַליין ענדלעך דער וויל אומעטום זען אַן ענדע...

— איר זעט, אַז איר האָט ליב וויכוחים. באַלד וועט איר שוין ניט האָבן קיין צייט פאַר וויכוחים. — ער האָט צוגעגעבן — אין תפיסה פירט מען ניט קיין וויכוחים...

— איר דראָעט און איך האָב קיין מורא ניט — האָבן זיינע אויגן געפלאַמט.

— דאָ וועט איר שפּעטער געוואָר ווערן — האָט זיך טאָמאַר־קין גענומען אַוועקשאַרן — און אפשר וועט איר דאַרטן אויך ניט אויסגעפינען. איצט דאַרף איך גיין. אפשר וועלן מיר זיך נאָכאַמאָל באַגעגענען.

— אין גיהנום וועלן מיר זיך אפשר באַגעגענען — האָט זיינע אים געוואָלט זאָגן. נאָר ער האָט גאָרניט געזאָגט. ווען טאָמאַרקין וואָלט זיך אומגעקוקט וואָלט ער געזען אין זיינעם בליק לויכטן אַ טרער.

אַ טויער מיט דיזשורנעס. אין שטיין־ברוקירטן הויף אַ רויט־לעכער מויער. אַ וועכטער האָט אים אַ שטויס געטאָן און פאַרהאַקט די טיר. ער האָט דערזען אַ לעמפּל אויף דער וואַנט, דערהערט אַ שנאָרכען און זיין אויג האָט אויפגעזוכט אַ נאַרע, וואו עס האָבן זיך געקנוילט קעפּ, הענט און פיס. ס׳איז דאָ ניט געווען קיין אָרט אויף צוזעצן זיך, האָט ער זיך צוגעשפּאַרט צו אַ וואַנט און זיך איינגעמאָסטיעט אין אַ ווינקל ביי דער נאַרע. ער איז שוין אַזוי געשטאַנען מיטן טלית־זאַק אונטערן אָרעם ביז ס׳האָט דורכן פענצטערל אונטערן באַלקן געגומען דורכשלאָגן אַ גראָע שיין.

די שלעפער האָבן זיך געוועקט. דער ערשטער, צווייטער, דריטער. וויפיל איז דער זייגער? ס׳איז אים שוין געווען אלצאיינס, אַ משפּט, פאַרשיקונג, סיביר. קיין לאַנגע מחזקות האָט מען מיט אים ניט געמאַכט — אים בלויז צוגענומען דעם פּאַס און אָפּגע־

פירט אין אַן אַנדער קאַמער. דאָ זיינען געזעסן צוויי פּויערים קולאַקן און אַ ייד מיט אַ פלאַקסן בערדל, וואָס האָט אין אַ בריוו קיין אַמע־ריקע געזידלט דעם „באַלעבאָס"...

די פּויערים האָבן זיך אויף אים ניט אומגעקוקט, נאָר דער ייד איז צוגעשטאַנען: — פאַר וואָס פאַר אַ חטא? ער האָט אים אָפּ־געפּטרט: — איך ווייס אַליין ניט. אַז דאָס יידל איז אַוועק האָט ער אויף אויסוויייניק אַנגעהויבן אין דער מחשבה לייענען שטיקער „תניא". אים איז איינגעפאַלן, אַז גרעסערע פון אים זיינען געזעסן אין טורמעס און פון זיי איז גאָרניט אָפּגעקומען. אויך זייער איבערגעבנקייט צום לאַנד, צו דער מלוכה, איז פון דעם גאָרניט געמינערט געוואָרן. והראיה ר' שניאור זלמן פון לאַדי, וועמען מסירה האָט אין קייטן געשמידט. — —ער האָט איינגעדרימלט.

.1934

אין דער גאַנצער געגנט פון „אָסאָבלאַגער" לעבן מאַרינסק, וואָס איז געלעגן אויף דער באַן־ליניע צווישן נאָוואָסיבירסק און קראַסנאָיאַרסק — איינער פון די צען לאַגערן, וואָס זיינען געווען צעשפּרייט אין די ברייטע סטעפּעס פון מערב־סיביר — האָבן די ווינטערדיקע פרעסט געברענט און געסמאַליעט. די לופט האָט גע־שטאָכן ווי מיט שפּיצן פון מעסערס. עס איז שווער געווען אויפ־צוהייבן די ברוסט און אָטעמען. האָט עמיצער פאַרגאָסן אויף דער ערד אַ ביסל וואַסער איז עס גלייך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אייז. דער פאַרבלאָזער הימל האָט אויסגעזען ווי אַ פאַרפאַנצערטער און די שטימען פון דער נייער בריגאַדע פאַרשיקטע אין יענעם ווינטער האָבן אָפּגעקלונגען מיט אַ שאַרפן מעטאַלענעם ווידערקלאַנג, ווי זיי וואָלטן זיך אָפּגעשלאָגן אין ווענט פון שטאָל און בעטאָן.

עס איז געווען זונטיק פאַרנאַכט. דער וואַלד ביים לאַגער האָט געהוליעט אַזוי פאַרביטערט גלייך ער האָט גערופן מען זאָל אים ראַטעווען פונעם בייזן שנייאיקן שטורעם.

ס'האָט נאָך ניט געשפּראָצט אויף טאָג נאָר אַ טייל פון דער בריגאַדע האָט געטרונקען הייסע וואַסער, אַנדערע האָבן געדרייכערט און דער באַראַק האָט געוואָלקנט פון מאַכאָרקע רויך.

אין אַ ווינקל פון באַראַק איז געשטאַנען אַ נייער פאַרשיקטער ייד, אַ הויכער מיט אַ ברייט בערדל און שוואַרץ־גליאיקע אויגן און עפּעס געמורמלט. זיין בליק איז איצט געווען ווייט פאַרטיפט, גלייך ער זעט ניט דעם באַראַק, ניט די נאַרעס, קיינעם ניט.

פונוואַנען איז ער אַהער געקומען דער מענש מיט דער גע־קרייזלטער באָרד און די פלאַמענדיקע קאַרשן־אויגן, וואָס זיינע ליפּן האָבן געשעפּטשעט ווערטער, וואָס האָבן געקלונגען אין דער פּראָסטיקער לאַנדשאַפט אַזוי פרעמד, און אין אַ שפּראַך, וואָס קיינער האָט דאָ ניט פאַרשטאַנען?

קיינער פון די איבעריקע פאַרשיקטע האָט זיך ניט אינטערע־סירט אין דעם. פאַר זיי איז ער געווען נאָך אַ נומער פון אַ פאַר־שיקטן — 1053 — און אויך די אויפזעער פונעם לאַגער, האָבן זיך ניט געקימערט מיט זיין פאַרגאַנגענהייט. פאַר זיי איז גענוג געווען דאָס שטיקל פּאַפּיר מיטן רעגירונגס־שטעמפּל וואָס האָט אים פאַרשיקט אַהער אין דער מלוכה פון פראָסט און שניי אויף זיבן אַ האַלב יאָר.

נאָר ער אַליין, ר׳ אברהם אליהו זיימעס, דער געוועזענער מינסקער ראש ישיבה, זינט ער איז אַרויפגעטראָטן אויף דער פאַר־פרוירענער ערד, האָט ער אין געדאַנק פאַרפאַסט פאַר זיך אַ מין נייע ברכה: ברוך מתיר יסורים!

די נאַכט האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן אויסוועפּן פון די אַרומיקע וועלדער און דער גרויער טאָג איז ווי אַ צוגעפרוירענער בער לאַנגזאַם אַרויסגעקראָכן פון דער מזרח זייט.

אַנדרעי דזשערזשאַנאָוו, אַ הויכער מיט אַ דין שאַרף פּנים און צוויי שטאָליק בלויע אויגן. אין לינקן אויג האָט ביי אים געזשמורעט אַ פאַרבלייבעניש פון זיין עץ־קאַ־וואַדעאישער פאַרגאַנגענהייט אין סווערדלאָווסק, גלייך אינעם לינקן טייל מוח זיינעם זאַמלט ער באַזונדערע געדאַנקען — אַנדרעי האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט זיין בלייפעדער און אויסגערופן מיט אַ הייזעריקער שטים: איך גיב אייך דריי מינוט אויף אויסרויכערן און צו דער אַרבעט! דער עולם האָט זיך געהויבן פון די נאַרעס.

געגאַנגען איז מען ביז די קני אין שניי און פאַראויס דער אָנ־פירער פון דער בריגאַדע, אַ דיקער קורצער טאַדזשיק מיט אַ לאַם

אויפן אַקסל, נאָר אין פרימאָרגן־טונקל האָט זיך געדאַכט, אַז ניט קיין לאָם טראָגט ער נאָר אַ גוואַלדיק ברייטן מעסער, מיט וועלכן ער פאַרמעסט זיך אויפן שטורעם.

געגוג געווען איין קוק פון דזשערזשאַנאָוו אויפן מינסקער יידן, ער זאָל גלייך דערקענען, אַז דער מאַן האָט נאָך קיין לאָם און רידל ניט אָנגערירט, קיין שינע שטאָל, קיין בעליק ניט אַ הויב געטאָן. דעם ערשטן אינדערפרי זיינען אים די שטיוול אַנטרונען און מען האָט אים געמוזט געבן אַ פּאָר צעריסענע וואַליקעס. שפּעטער, ביי דער אַרבעט, ווען דער בריגאַדיר האָט אים באַפוילן אונטער־רוקן האָלץ, די שייטערס זאָלן גיכער דערוואַרעמען די פאַרפרוירענע ערד, האָט ער זיך אויסגעגליטשט, און אַז ער האָט אַ נעם געטאָן די טאַטשקע, זי געוואָלט אַרויפפירן אויפן בריקל, איז אויף אים געפאַלן דאָס געוויכט פון סאַמע מיטן און אויף זיין שותף — די גרינגע ליידיקע זייט. דערביי האָט יעדע ווילע אים עפּעס צו־געקוועטשט אַ פינגער פון אַ האַנט, פון אַ פוס.

פאַרנאַכט, ווען ער האָט קוים די גלידער שלעפּנדיק נאָך זיך און אויסגעפּאַסט פון ברויט און וואַסער געפּרואווט רעדן צו די מיטגייער זיינע אין שניי, האָט אים קיינער ניט געענטפערט און ער האָט דערפילט אין אַ סך בליקן — פאַראַכטונג.

אויף דער נאַכט איז געקומען דזשערזשאַנאָוו, עפּעס געטענהט מיט דעם טאַדזשיק און יענער האָט אונטער דער נאַרע אים אָפּגע־זוכט די שטיוול.

ביז זיימעס האָט זיך אויסגעלערנט לויפן איבער די נאַסע גליטשיקע בריקלעך, איז ער עטלעכע מאָל אַראָפּגעפאַלן צוזאַמען מיט דער טאַטשקע. אַ פאַרשעמטער האָט ער זיך אויפגעהויבן און גענומען מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם ווידער די טאַטשקע צו שטופּן אויפן אייז.

יעדע דריי שעה האָט דער טאַדזשיק אָפּגעשטעלט די אַרבעט און דערלויבט דריי מינוט רויכערן. נאָך דער דריטער הפסקה האָט דער אויפזעער, וואָלאַנאָוו, באַמערקט ווי דער ייד שטייט אָנגעשפּאַרט אויף דער טאַטשקע און מורמלט עפּעס. ער איז צוגעגאַנגען צו אים. זיימעס האָט אַ ציטער געטאָן און גע־עפנט די אויגן.

— דיין פאַמיליע, 1053 ? האָט ער אים געפרעגט.

—זיימעס, אַבראַם בעניאַמאָוויטש !

— האָסט פאַרשפעטיקט !

— ווען מען האָט געריכערט האָב איך געדאַוונט !

— דו גנבעסט — האָט ער געברומט — גנבעסט צייט !

— איך האָב געדאַוונט !

— און צו לאַנג — האָט וואָלאַנאָוו געזאָגט מיט אַ האַרטער, רויער שטים — דו ווייסט וואָס פאַר אַ שטראָף עס קומט — און האָט מיט טרוקענער קאַלטקייט צוגעגעבן — פון היינט אָן וועסטו די זעלבע אַרבעט אָפּטאָן אין ווייניקער צייט !

— כ׳וועל פּרוּוון — האָט זיימעס געענטפערט.

נאָכדעם איז ער שוין אַ נאַסער, אַ פאַרסאָפּעטער ביזן אוּנט געלאָפן מיט דער טאַטשקע.

געקומען אין באַראַק אַ הונגעריקער האָט ער זיך אין די נאַסע קליידער אָוועקגעשטעלט דאַוונען מעריב.

נאָך האַלבע נאַכט האָט ער זיך אויפגעוועקט. ער איז געזעסן און זיינע הייסע אויגן האָבן געקוקט מיט אַ פלאַמיקער שפּיזיקייט אין האַלב־חושך. אין זיין מוח האָבן זיך געפלאָכטן בילדער פון זיינע קינדער־יאָרן, יענע הונגער־טעג אין די גערטנער פון סלוצק, זיין וואַלגערן זיך אין הקדש, אין הילצערנעם בית־מדרש. אַ נאַקעטע באַנק, טרוקן און האַרט, מיט אַ קריש ברויט איז ער אָפּגעקומען אַ גאַנצן מעת לעת. וועט אים איצט שווער זיין צו שטופּן די טאַטשקע מיט די שטיינער ? שוין אַריבער איין טאָג, מיט אַ טאָג נעענטער צו דער טיר פון דערלייזונג און אַז עס שטייען אים דאָ פאַר לאַנגע יאָרן פון יסורים איז וואָס ? ווער עס שטאַרקט די הענט צו שלעפּן די פּעק שטיינער, ווער עס גיט כוח צו בויגן דעם רוקן, וועט געבן כוח פאַר אַלע זיבן יאָר !

לאַנג איז ער געזעסן, שווייגנדיק געקוקט אין חלל, ביז זיין אוקראַאינישער שכן וואַסילי רומענקאָ האָט זיך אויפגעכאַפּט און אַנגעהויבן פון געוואוינהייט זיך אונטערפייפן דעם „דאָס וועט זיין שוין דער לעצטער״..

פון טאָג צו טאָג האָט ער זיך אַלץ מער אַריינגעצויגן אין דעם שווערן יאָך פון דער אַרבעט, און אינדערפרי, אויסשיילנדיק זיך פון ניט־זיין האָט אַלץ פאַר אים שוין אויסגעזען ווי געוויינלעך. און פאַרנאַכט, אַז ער האָט זיך אומגעקערט פון פראַסטיק־ווינטיקן טאָג, האָט שוין אין האַרצן ביי אים געגעסטיקט אַ שטאָלצע פרייד, וואָס ער ברעכט זיך איין.

קורצע ווינטערדיקע טעג אין אייזיקן סטעפּ, נאָר לאַנגע אפדערנאַכטן. מיטן אָוונט קערט מען זיך אום אין וואַרעמען באַראַק, מען וואַרפט אַראָפּ די שווערע שטיוול און היידאַ — אין די אַניטשעס צום פאַרטיילער פון טעגלעכן פּאַיאָק. נאָכדעם — אין דרויסן בייסט דער פראָסט דעם הילצערנעם באַראַק און ס׳רייסן ווינטן די שווערע טירן זיינע. זיימעס שלעפּט פון זאַק אַרויס דעם פאַרגעלטן „תניא״ מישט זיינע בלעטלעך און פלעכט דינע, ווייסע מחשבה. — —

„דער מענטש איז אַ באַלאַגערטע פעסטונג און אין אים ראַנגלען זיך פיינטלעכע חיילות. די וואָס קאָנען באַגרייפן, באַנעמען, זיינען משיג דעם זין פון דעם פסוק: זיבן מאָל פאַלט און שטרויכלט... אויך נשמות האָט דער מענטש צוויי. איינע איז אַ נידעריקערע, אַ חיה׳שע, די צווייטע איז אַ העכערע,ביידע זיינען אָפּגרונטיק, וועבן זיך פון אין־סוף ביז די טמא׳דיקסטע תהומען. — —

ער לערנט דעם תניא אויף דער נאַרע און ס׳דאַכט זיך אים, אַז די שטערן אינעם קאַלטן הימל לערנען אויך און ס׳לערנט דער ווינט, וואָס וואָיעט איבערן דאַך פונעם באַראַק.

דער מאַרינסקער „ספּעציעלער״ לאַגער האָט באַקומען אַ נייעם הויפּט. איוואַן אַלעקסאַנדראָוויטש טאַלושקין. לויט זיין אויסערלעכן אויסזען האָט ער זיך מיט גאָרניט אויסגעטיילט פונעם הייפעלע אַנדערע עלטסטע, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט די עטלעכע הונדערט וועג־אַרבעטער. אין די ווינקלען פון זיין פעסט־צונויפגעשלאָסענעם מויל האָט שטענדיק געשמייכלט אַ רעטעניש. דער בליק זיינער איז געווען קאָנצענטרירט און ס׳האָט אין אים געלויכטן אַ מין אָפּגלאַנץ פון אַ שטענדיק אינערלעכער פייערלעכקייט.

טאַלושקין האָט זיך אינטערעסירט מיט יעדן אַרבעטער. אָפט איז ער אַריינגעקומען אין באַראַק 104 און פריינטלעך געשמועסט מיט דעם, מיט יענעם, אָפט מכבד געווען מיט אַ פּאַפּיראָס אָדער געשענקט אַ בלייפעדער

ווי אַ געניטער דערציער האָט טאַלושקין אַרויסגעלייגט זיין האַנט אויף דער פּלייצע פון אַ יאַט און גענומען רעדן צו אים ווי נויטיק עס איז פאַר אַזאַ צו אַרבעטן פלייסיק, אים צוגעזאָגט פאַרגרעסערן די פּייקע ברויט און דערביי אים אויך געלאָזן וויסן, אַז ס'לוינט זיך בכלל צו אַרבעטן גוט, ס'וועט צונוץ קומען אויף שפּעטער. ער וועט זיך קענען אומקערן אַ היים ניט קיין פאַרהאַסטער נאָר אַ גלייכבאַרעכטיקטער נוצלעכער מיטבויער פונעם נייעם לעבן.

אַז טאַלושקין איז אַרויס האָבן טייל גענומען וויקלען מאַכאָרקע פּאַפּיראָסן, אָדער שפּילן אין טקאָרטן, אָדער גאָר לאַכן פון די יאָלדן, וואָס הערן זיך צו צו טאַלושקינ׳ס אַגיטאַציע. דאַן האָט זיימעס פון אונטער דער נאַרע אַרויסגענומען שטיקער גראָב וויקל־פּאַפּיר און מיטן בלייפעדער האָט ער געשריבן. ער האָט לאַנג געשריבן, פון צייט צו צייט נאָר אויפגעהויבן די אויגן און געקוקט אין פענצטער, געזען ווי דער וואַלד ווערט אַלץ כמורנער און כמורנער, גלייך ווי ער וואָלט אַרויסאָטעמען פון זיך די געדיכטע שוואַרצקייט און זי שיקן אויפן ווייסן שניי.

פאַרשריבן האָט ער מיט געדיכטע אותיות זיינע געדאַנקען יעדן אָוונט:

— אָפט טראַכט איך, אַז דער מענטש איז די משונהדיקסטע קאָמפּליצירטסטע מאַשין, די פאַרוויקלטסטע באַשעפעניש.

— אפילו ווען ער איז אין דער זעלבער נויט מיט אַנדערע שרייט פון אים די שנאה ווי אַ קליפּה.

גאווה איז דער מקור פון אַלדאָס־בייז, און נאָר דורך הכנעה און יסורים וועט דער מענש אַמאָל די טומאה פון זיך אויסראָטן און ווערן ריינע כלי.

— ווען אַ מענטש וואָלט געוואוסט די ווערט פון יסורים וואָלט ער אויסגעשטרעקטביידע זשמעניעס זיי אָנצושעפּן.

מער האָט ער ניט געשריבן, ווייל פּאַפּיר האָט אים געפעלט.

סוף אַפּריל. פונעם ווייסן ים זיינען אָפּטער אָנגעשוואומען רעגנדיקע וואָלקנס. דער פּערלמוטער־גלאַנץ פונעם שניי איז אָפּ־געוועלקט געוואָרן. אַרום די ביימער האָבן זיך אויסגעפורעמט שעלעכלעך און פון די גאָלדענע באַגינענס, פון די אָראַנזשאָווע אונטערגאַנגען האָבן די אַרומיקע וועלדער געלויכטן ווי אָנגע־צונדענע יאָלקעס.

איבערן גאַנצן מייליקן שליאַך איז די אַרבעט געגאַנגען אין פולן ברען. אינעם שטיינערנעם קאַלטן כאַאָס, וואָס האָט זיך מיט טויזנטער יאָרן צוריק פאַררעטעריש צוגעדעקט מיט וועלדער, מיט זומפּן, האָבן זיך הונדערטער אַרבעטער־הענט איינגעגעסן אַלץ טיפער און טיפער, צעברעקלטט, אויפגעריסן און טאַטשקעסווייז אַרויסגעפירט די פאַרגליווערטע נאַטור־עקשנות, אויסגעלייגט אַ שאָסע.

אומבאַמערקט פון זיך אַליין, נאָר באַמערקט פון טאַלושקינס אויג, איז זיימעס געוואָרן אַ שלאָגלער אין דער אַרבעט. פון זיינע שטייף געוואָרענע הענט האָט זיך שוין קיינמאָל די שווערסטע טאַטשקע ניט אַרויסגעגליטשט.

פרייטאָג ביי טאָג, ערב דעם ערשטן מאַי, האָט דער רעגן אויפ־געהערט גיסן און די גאַנצע ווייט איז געלעגן ווי אַן אויסגעצוואָגענע לכבוד יום טוב. אויף די פּנימער פון די אַרבעטנדיקע איז קענטיק געווען די פרילינגדיקע יום־טובדיקייט. עס איז אַראָפּגע־שוואומען פון זיי די וואָכעדיקע פאַרביטערטקייט, די איינגעגלי־ווערטע זאָרג און עפּעס זיינען די אויגן געוואָרן ליכטיקער, העלער.

אַכט אָוונט איז אַריינגעקומען דזשערזשאַנאָוו. אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט ביים גרויסן טיש און געהערט ווי ער האָט געמאָלדן די נייעס פון טאָג. ער האָט אַרויסגענומען אַ לאַנגן פּאַפּיר און געלייענט מיט אַ פייערלעך קול:

„מיר, די אַרבעטער־בריגאַדע 104 שיקן אַ פלאַמיקן גרוס די אַרבעטנדיקע פון אונדזער פאַטערלאַנד, דער גלאָררייכער פּאַרטיי און דעם גרויסן יאָסיף וו... מיר זאָגן צו אַרבעטן מיט שלאָג־לערישן טעמפּ און פאַרענדיקן דעם שאָסע — —

עס האָבן אויסגעבראָכן אַפּלאָדיסמענטן. ווען עס איז שטיל

געוואָרן האָט דזשערזשאַנאָוו געזאָגט: — מאָרגן וועלן מיר אויסהערן אַ פּאָרטראַג פונעם חבר איוואַן אַלעקסאַנדראָוויטש און נאָכדעם וועלן מיר האָבן אַ פלייסיקן מיטיג. ס׳וועט אויך זיין וואָדקע און קוכן, נאָר איצט דאַרפן זיך אַלע אונטערשרייבן אויפן גרוס. דאָ האָט איר פּאַפּיר. געדענקט! חבר טאַלושקין וויל האָבן פאַרן אַרכיוו יעדנס אונטערשריפט. אָבער יעדנס!

אַלע האָבן גענומען לייגן די חתימות אויפן פּאַפּיר. דזשערזשאַנאָוו האָט איינגעשטילט דעם עולם און געפרעגט:

— האָבן אַלע אונטערגעשריבן?

——אַלע, נאָר ניט ע ר, — האָט דער טאַדזשיק אָנגעוויזן אויף מייזעסן, וואָס איז געזעסן אַ פּאַרטראַכטער.

דאָס לינקע אויג ביי דזשערזשאַנאָוון האָט אַ זשמורע געטאָן און זיימעס האָט דערפילט פון זיין אָנגעצונדענעם בליק, אַז יענער איז אים גרייט צעפלעטן דעם שאַרבן און קיינער וועט זיך ניט אָננעמען:

— אַהער נומער 1053! — האָט דזשערזשאַנאָוו אויסגערופן

— פאַרוואָס האָסטו זיך ניט אונטערגעשריבן? סוואָלאָטש!

— היינט איז שבת און איך בין אַן אַלט־גלויביקער. פאַרבאָטן!

— טאָרסט ניט שרייבן, האַ? און וואָס מעגסטו יאָ? אַרבעטן מעגסטו?

— מען האָט מיך אַהער געבראַכט צו אַרבעטן, אַרבעט איך גוט, מען האָט מיך ניט געבראַכט אַהער צו שרייבן...

ער האָט דערהערט אַ צישע צווישן דזשערזשאַנאָווס ציין — שרייב גלייך אונטער! — האָט דזשערזשאַנאָוו אים אַ שטויס געטאָן.

מיט פאַרשציימעטע ציין, ווי דעם קלאַפּ אויף צו־להכעיס, האָט זיימעס שטיל געענטפערט:

— קאָנסט שלאָגן. איך קען די סאָוועטישע קאָנסטיטוציע, איכ׳ל ניט אונטערשרייבן!

מיט אַ פלאַם אין פּנים האָט אים דזשערזשאַנאָוו אַ שטויס געטאָן צו דער טיר און באַפוילן: — קום!

אין דער באַגלייטונג פון צווי באַוואָפנטע וועכטער האָט ער אים אַוועקגעשיקט אויף אַ וואָך אין איזאָליאַטאָר.

אין דער קאַמער וואו מען האָט אים אַריינגעזעצט, אַ דורכ־געפרווירענער פון אינערלעכער אויפרעגונג, האָט ער זיך צונויפ־געהויקערט אויף דער נאַרע און זיך פאַרטראַכט. אין אַלע גלידער האָט געגליט אַ מאָדנער פיבער און מיט הייסן אימפעט צעוויקלט אין זכרון אַלע בילדער פון זיינע אָפּגעלעבטע זעקס און דרייסיק יאָר.

פונקט אַזוי האָט ער געפיבערט ווען מען האָט אים אין מינסק אַרעסטירט, נאָר יענער אַרעסט איז כאָטש געווען פאַר זיין פאַר׳עקשנ׳טן גלויבן, אָבער איצט? ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק, ווען ער האָט גערעדט מיט טאַלושקינען איז ער געווען זיכער, אַז ער קאָן זיך דאָ אָנגיין מיט זיין גלויבן און קיינער וועט אים ניט שטערן. ווען ער קאָן איצט שמועסן מיט טאַלושקינען, וואָלט ער אים זיכער פאַרשטאַנען...

אַ פּאָר שעה איז ער געזעסן אַ צונויפגעהויקערטער, עטלעכע מאָל איבערגע׳חזרט איין־און די זעלביקע געדאַנקען און לסוף באַשלאָסן: בלויז אַ נס קאָן אים ראַטעווען! דער נס איז — טאַלוש־קין. ! ווען ער ווייסט? ניטאָ אַזאַ גיהנום וואו עס זאָל ניט טרעפן קיין נס. וועט ער וואַרטן.

דער נס איז געקומען משונהדיק און אומגעריכט.

אַ האַלבע שעה האָט זיך טאַלושקין געאַמפּערט אין זיין קאַנ־צעלאַריע מיט דזשערזשאַנאָוון, מיט וואַלאַנאָוון און לסוף באַשלאָסן, אַז ביידע טויגן ניט אַלס דערציער פאַרן מינסקער יידן מיטן באַ־גייסטערטן פּנים און די פלאַמיקע אויגן. ער אַרבעט גוט, בעסער דאַרף מען ניט און אויב ער איז רעליגיעז, אויב ער איז בלינד, זאָל ער. מיט בייזן וועט מען אים זיין גלויבן פון קאָפּ ניט אַרויסשלאָגן, פאַרקערט... ער האָט אַריינגערופן אַ וועכטער און אים באַפוילן באַפרייען זיימעסן פון אילאָזיאַטאָר און אים אַריינשיקן צו אים.

ווען זיימעס איז אַריין אין קאַנצעלאַריע איז טאַלושקין געזעסן באַ אַ קופּע פּאַפּירן און עפּעס געשריבן.

— אָ, דו? — האָט ער געזאָגט, ניט אויפהייבנדיק די אויגן. — גיי און שלאָף זיך אויס!

— פאַר די פיר יאָר, וואָס איך דאַרף נאָך זיין אין לאַגער וועל

איך זיך נאָך אויסשלאָפן, איך וויל גיין צו דער אַרבעט.

אין די ווינקלען פון זיין פעסט־געשלאָסענעם מויל האָט ביי טאַלושקינען אַ בליץ געטאָן אַ סודות׳פול שמייכעלע און ער האָט זיך ווידער פאַרטיפט אין די פאַפּירן.

נאָך דער אַרבעט האָט זיימעס אַרומגעשפּאַנט אין באַראַק מיט אַ צופרידענעם שמייכל אויף די ליפּן. לסוף האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף דער נאַרע און ערשט איצט דערפילט, אַז ניט קוקנדיק, וואָס ער האָט אַ האַלבן טאָג געהאָרעוועט איז ער עפּעס גאָרניט אַזוי מיד.

ווינטער, וויעסנע, זומער. שטורעמס, ווינטן, וואָלקנס, רעגן. רגעס נחת און שעה׳ן — כמאַרעס און ווידער: טיאָפּ־טיאָפּ איבערן שניי און אין דער בלאָטע. די צייט איז געגאַנגען און מיט איר — קלאָרקייט. די נייע קלאָרקייט האָט זיימעס אַרויסגעלייענט פון תניא.

„דער צדיק איז ניט גאַנץ אין זיין צדקות און דער רשע איז ניט פאַרפאַלן אין רשעות. מ׳איז אַלע בינונים... אין מיטן גייט מען, צווישן שלעכטס און גוטס, פון שלעכטס צו גוטס. ווען דער מענטש דערקענט, אַ זער איז נאָר אַ בינוני, אַ מיטעלער, איז ער שוין ביים שוועל פון אמת. דעמאָלט גרויסט זיך ניט דער מעכטיקער מיט זיין מאַכט און דער אָרעמער, געפאַלענער פאַלט ניט אַריין אין יאוש, דער גרויסער ווייסט, אַז ער איז נישטיק און דער קליינער — אַז אין גרעסטן חושך אַנטפּלעקט זיך אַ ליכט.

זיימעס האָט זיך צוגעבונדן צו טאַלושקינען און ער האָט דערשפּירט, אַז אין יענעמס האַרץ וואַרעמען זיך אויך גוטע געפילן.

ביי טעלושקינען איז קראַנק געוואָרן אַ פערד. זיימעס האָט ניט באַוויזן אין די וואָגלענישן צו פאַרלירן דאָס ביסל קענטעניש וואָס ער האָט אַמאָל געלערנט ביי סלוצקער בעלי עגלות. ער האָט גע־פועלט טאַלושקין זאָל אים צולאָזן צום פערד. אין איין וואָך צייט האָט ער באַוויזן אויסהיילן די פיר־פיסיקע חיה און אַז ער איז נאָכדעם פאַרביי די קאַנצעלאַריע האָט אים אפילו וואָלאָנאָוו גע־זאָגט: מאָלאָדיעץ! עס האָט ניט גענומען לאַנג און ער איז געוואָרן אַ גאַנצער דאָקטאָר אין די שטאַלן פון מאַרינסקער „ספּעציעלן לאַגער״.

אויף אייזיקע וועגן

אין אַ ווינטיקן באַגינען זיינען אויף דער מאַרינסקער באַן־סטאַנציע אַרויסגעקראָכן פון די וואַגאָנען אַ נייע מחנה פאַרשיקטע. זיי האָבן אויסגעזען אין דער טונקלעניש גרוי און אַלע געראָטן איינער אין צווייטן; ביי אייניקע האָבן די היטלען אויף די קעפּ געסטאַרטשעט הויך און די בערד זיינען נאָך געווען צעקנייטשט פון שלאָף.

שווייגנדיק האָבן זיי זיך געלאָזן אויפן מאַרש צו דער סטאַנציע, צום לאַגער. פון צייט צו צייט האָט מיט א בלעכענעם קול אַ געשריי געגעבן אַ טשייניק, וואָס איז געווען צוגעבונדן צום זאַק אויף דער פּלייצע. אין דער באַגלייטונג פון דער וואַך האָבן געשפּאַנט ריאַזאַנער פּויערים, וויאַטקער איוון־זעצער, נייזשני נאָוואָגראַדער מוליערס און אוקראַינער כלאָפּעס מיט הענט פון ערד־קאַליר. אין דער בריגאַדע פאַרשיקטע האָט זיך אויך געפונען דער מינסקער יידישער דיכטער האַלפין מיט אַ שטאַר געזיכט און אין די אויגן — תהומען טרויער.

אַ פאַרשעמטער, אַ דערשלאָגענער, איז האַלפין, מיט דריי טעג שפּעטער געזעסן פאַרן אויספאָרשער וואָלאַנאָוו און אַלץ געבעטן זיך, מען זאָל אים, אויף קיין פאַל, ניט צונויפמישן מיט די קולאַקן, ווייל ער איז אַ געטרייער בויער פון דער סאָוועטישער קולטור. ס'האָבן אים ניט געקרענקט די צען יאָר לאַגער, נאָר דער געדאַנק, אַז מען האָט אים פאַר'משפּט ווי אַ געוויינלעכן שעדיקער, אַ שונא פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפט, אים, דעם פאַרדינסטפולן בויער פון דער ווייסרוסישער קולטור...

— אַ דיכטער האַ? — האָט וואָלאַנאָוו געזאָגט סאַרקאַסטיש און אַ קראַץ געטאָן זיין פלאַקסענעם קאָפּ האָר — דאָ וועסטו ווייניקער פּאָעטעוען און מערער אַרבעטן, בראַטאָק... דאָ, וועלן מיר פון דיר שוין מאַכן אַ לייט... און איצט — געגאַנגען! פּאַשאָל!

ס'איז שוין געווען צען אויף דער נאַכט. אַרום איוועלע האָבן זיך געפּאַרעט אויסגעלייגטע וואַליקעס. די לאַנגע טרובע האָט פריי־לעך געהודיעט און געשוויצט מיט רובינענע פונקען. חברה האָט געשפּילט קאָרטן. אויף די וויטסטע נאַרעס זיינען געזעסן קרייזלעך און אַ געוועזענער גלח האָט מיט זיי געפירט אַ וויכוח וועגן רעליגיע.

לעבן אייוועלע, די פיס געפלאָכטן אונטער זיך, די הענט צו־געפּרעסט צו דער ברוסט, האָט זיך שווייגנדיק געוויגט דער ריזי־קער טאַדזשיק מיטן פאַרוואָקסענעם פּנים ווי ביי אַ גאָרילע. זיינע ברעמען האָבן אויסגעזען כמורנע, גלייך ער וויל זיך אָפּרעכענען פאַר די דריי יאָר וואָס ער גייט יעדן פרימאָרגן מיט דער לאָם אויף די אייזיקע וועגן.

איבערן באַראַק האָט זיך אומגעדרייט חאַלפין. זיינע אומבאַ־וועגלעכע אויגן האָבן געקוקט אין פאַרשיידענע זייטן. יעדע רגע האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און פון דער זייט אַ קוק געטאָן אויף זיימעסן, וואָס איז געזעסן אויף דער נאָרע און זיך געשאָקלט איבערן ספר׳ל, ווי ער וואָלט געבויט אַ גדר אַרום זיך פון טאַדזשיקס רשעות. חאַלפין האָט ניט געקאָנט באַשליסן צי ער זאָל צוגיין צום מינסקער יידן ווען ער האָט גוט געדענקט פון יענע מינסקער טעג...

ענדלעך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און גענומען דעקלאַמירן אין דער הייך אַ ליד, וואָס איז ביי אים דאָ געבוירן געוואָרן:

אַ רחבות פון שנייען; אַ קיל־אָפּגעשליפענער שטערן
אַ מעסער — אַ ווינט.
איבער הונדערטער מייל ליגט מיין פרוי איצטער שלאָפן—
מיין קינד.
ס׳שפילט אַ פידל אַ בלויע און אַ שנייאיקער ווייאַלענאַטשל
סאָראַ נאָכט! —
איבער הונדערטער מייל זעט מיין זון מיך אין חלום —
און לאַכט!

— בראַוואָ! — האָט עמיצער אַ קלאַפּ געטאָן מיט די הענט — בראַוואָ, פּאָעט!

— לאָז געמאַך! — האָט זיך דער טאַדזשיק אויפגעהויבן און האָט אויסגעשפּיגן. ער האָט צוגעשפּאַנט צו זיימעסן און אַ ברום געטאָן: — זאָג אים דעם זעמליאַק דיינעם, ער זאָל אויפהערן זיין בלעקעכץ, ייד! ער האָט רציחה׳דיק אַרויסגעקלאַפּט דעם ספר׳ל פון זיימעס הענט און אים אַ דריגע געטאָן מיטן פוס.

און ווי נאָר זיימעס האָט זיך אָנגעבויגן, געוואָלט אויפהייבן דעם ספר, איז אים דער טאַדזשיק פאַרפלויגן אין פּנים. מיט האַסטיקע

טריט איז חאַלפּין צוגעלאָפן צום טאַדזשיק און מיט איבערמענטש־לעכער קראַפט אים פאַרפאַרן אונטער די אויגן. דער טאַדזשיק האָט זיך אַראָפּגעזעצט און איז ווי איינגעוואַקסן געוואָרן אינעם הילצער־נעם באָדן.

— געדענק, פאַדלע! — האָט אים חאַלפּין באַטראַכט — מער זיך ניט טשעפּען, לאָזן יענעם צורו! פאַרשטאַנען? „בריגאַדיר!"

אויף מאָרגן האָבן שוין חאַלפּין און זיימעס געגעסן פון איין שיסל דעם קאַרטאָפל זופּ...

לאַנגזאַם זיינען אַנגעשוואָלן געוואָרן די קנאָספּן פון די ביימער־לעך אין וואַלד, זוניקער זיינען געוואָרן די טעג, און דער אַשיק־גראָוועד שניי האָט אונטער די פיס געכליופּעט. מיט אַ ווייכן טראָט, מיט אַ וואַרעם געפליסטער האָט געשפּאַנט דער בלויער פרילינג. דער וואַלד איז שוין געווען אַ דורכגעשניטן מיט רעלסן און אַ סאָפּנדיקער שוואַרצער לאָקאָמאָטיוו, צוגעטשעפּעט צו איין וואַגאָן האָט געשפּיגן רויך אויפן טראַקט, אין בלויען חלל.

אויפן טראַקט האָבן זונטיק בייטאָג שפּאַצירט צוויי: זיימעס דער חבד'ניק און חאַלפּין, דער פּאָעט. זיי האָבן אָפּגעמאַכט זיך צו טרעפן אין אַ וואָך אַרום אין וואַלד.

מיט אַ צייט צוריק האָט זיימעס צווישן צוויי אַלטע דעמבעס אויסגעגראָבן אַ גרוב פיר פוס די טיף, אים באַדעקט מיט נאַסע צווייגן, און אין אַ האַרבסטיקן פאַרנאַכט איז ער אַהין אַריינגעקראָכן און דאָרט געקייט זיין שטיק שוואַרץ ברויט, מקיים געווען די מצווה פון זיצן אין סוכה... נאָכדעם איז אים איינגעפאַלן, אַז ער וועט דאָ אויך אָפּריכטן דעם סדר, אויב אים זאָל נאָר געלינגען צו קריגן אביסל טרוקענע קערנער, זיי אָפּמאָלן און אויסבאַקן אַ מצה'לע. ס'האָט אים אָפּגעגליקט. ביי דער באַן־סטאַנציע, וואו היין טאַלושקין האָט אים צוגעשיקט נאָך האָבער פאַר די פערד, האָט ער געטראָפן אַ פויער מיט אַ זאַק תבואה און פאַר מאַכאָרקע באַקומען באַ אים געגנוג קערנער אויף אויסבאַקן זעקס מצות...

עס איז געווען אַ פרילינגדיקע נאַכט. עס איז שוין געגאַנגען צו חצות. ביים ראַנד פון דער „סוכה" זיינען זיי ביידע געזעסן און

געקייט די שטיקער ברוינע אויסגעבאַקנקייט. ערגעץ אין נאָענטן זומפּ האָט זיך דאָס וואַסער געבולבעט און געזשומעט. זיימעס האָט אויסנווייניק געזאָגט שטיקער הגדה און חאַלפין איז געזעסן און געשעפּט די צעיורענע שוואַרצקייט אין וועלכער ס'האָט פון צייט צו צייט זיך אָפּגעשפּיגלט אַ שטערן.. חאַלפין האָט זיך אַ וויש געטאָן דעם שטערן און געזאָגט:

— ר' אברהם אליהו, האָט איר זיך טאַקע פאַרגעשטעלט אין מינסק, אַז מיר ביידע, מענטשן פון פאַרשיידענע וועלטן, וועלן זיך דאָ טרעפן? — ער האָט געזען ווי זיימעס קוקט אין וואַלד־חושך.

— איך ווייס ניט ווי איר, נאָר איך האָב זיך דערפרייט מיט אייך ווי מיט אַ געפונענעם ברודער — האָט זיימעס געענטפערט.

— וויל איך טאַקע איר זאָלט מיך פאַרשטיין. איך וויל איר זאָלט מיר גלויבן.

— איך גלויב אייך מיטן גאַנצן האַרצן.

— אפילו דאָ, אין וימש־חושכ'דיקן מצב מיינעם, וועט מיך קיינער ניט איינרעדן אַז אונדזער סדר איז שולדיק אין די צרות. קאָמוניזם און אַזאַ אומזין זיינען ביי מיר עד היום תרתי דסתרי.

—מיר פאַלט ניט איין באַ אייך צונעמען דעם גלויבן, נאָר זיינען טאַקע ביי אייך גאָר קיין ספקות ניט פאַראַן?

— פאַראַן, מער ניט איך פרעג זיך אַליין: — האָט זיך חאַלפין אויפגעהויבן.

—זיצט, זיצט, — ווי באַלד איר פרעגט יאָ, ווייסט איר דאָך, אַז קשיות ביים סדר פרעגט מען זיצנדיק...

— איך פרעג — האָט זיך חאַלפין אָנגעלעענט אָן שטאַם פונעם בוים, וואו די קאָרע האָט זיך געשיילט — וועמען נוצן די דאָזיקע קרבנות. ס'איז דאָך אומזין.

— קנעכט זיינען מיר ביי דער מאַכט פון רשעות און גאווה, און גאווה, זאָלט איר וויסן, שטאַמט פון עבודה זרה. איז אויב נאָר מען מאַכט פון אַ מענטשן אין אַ שינעל און שטיוול — האָט זיימעס געערעדט שטילער און זיך אומגעקוקט — אויב מען מאַכט פון אַ בשר ודם אַ געץ, מעג ער אפילו זיין צאַרט ווי אַ וואַלקן, וועט ער שוין אין די קנעכט זיינע מיט גוואַלד אַריינטרייבן די רציחה...

— איך וועל זיך מיט אייך וועגן דעם ניט שפּאַרן, ס'איז מעגלעך

אַז מיר אַליין זיינע שולדיק. מיט אונדזער גלויבן אין אַן אַלצ־וויסנדיקן, אַלמעכטיקן, האָבן מיר גאָר פאַרמערט די מאַכט פון רשעות. איך גלויב, אַז ס'וועט קומען צו דעם אַ סוף. נאָר אָפט פרעג איך זיך אַליין: וואו איז דער אויסוועג?

— דער וועג איז אַ שווערער און אַ לאַנגער און מיטן ליכט אין זיך קאָן מען אים דורכגיין און ווערן בני חורין.

— איך באַוואונדער אייך, ר' אברהם אליהו, אייך איז נאָך אלץ וואויל און גוט. איר האָט אַ תורה און שיצט זיך אין איר. נאָר, איך וויל אייך פרעגן מיט די זעלבע ווערטער, וואָס איר מיך: —

— זענען בײַ אייך אויך גאָר קיין ספקות ניטאָ? צי ווייסט איר ניט אַז ווען איר וואָלט איצט געווען אין מינסק וואָלט איר קיין איינעם פון אייערע אַמאָליקע תלמידים שוין ניט געטראָפן.

— איר האָט אַ טעות. אויך אין מינסק איז מיר ניט געגאַנגען בלויז להגדיל תורה, נאָר להגדיל מ ע נ ט ש.

—אויב להגדיל מענטש, ווילן מיר דאָך דאָס זעלבע.

— מער ניט וואָס איך האַלט, אַז להגדיל מענטש זיין קאָן מען בלויז דורך תורה און מעשים טובים, דער עיקר טאַקע, דורך מעשים טובים, ווייל אם תמצי לומר — האָט זיימעס געזאָגט מיט אַ גמרא־ניגון — אַז דער עיקר איז די נייע וועלט — און איך בין מיט אייך מסכים, ווייל העכער איז ווען מען איז אַ מענטש פון כלל — מי יאמר, אַז דער אַלטער מענטש וועט צוריק ניט שלעפן...

— וועגן דעם רעדט מען דאָך! — וואָס צופיל פון דער אַלטערווירקלעכקייט איז נאָך ביי אונדז געבליבן, און אָט־די אַלע עקלהאַפ־טיקע נבלות לייגן זיך ווי אַ לאַסט אויף אונדז און צעדריקן אונדז. נאָר גלויבט מיר, די נשמה פונעם רוסישן מענטשן איז נאָך יונג. מיר'ן גובר זיין! נאָר וויבאַלד אַז מיר זיינען ביידע מסכים: דער עיקר איז דער להגדיל מענטש האָבן שוין אונדזערע וויכוחים קיין זינען ניט...

סוף מאי האָט טאַלושקין געמאָלדן, אַז דער לאַגער 104 האַלט ביים ליקווידירט ווערן און די אַרבעטער זאָלן זיך גרייטן אין וועג, טיפער, מזרח צו.

אָנהויב יוני, ווען זיימעס איז אַריינגעקומען אין קאַנצעלאַריע

האָט אים טאַלושקין געזאָגט: — דיינע זיבן און האַלב יאָר זיינען נאָך ניט געענדיקט. מען דאַרף דיך שיקן אין אַן אַנדער לאַגער, נאָר אַז וועסט קומען אויף דער באַן־סטאַנציע גיי אַרויף אויף דער באַן, וואָס גייט אויף מערב, אין אירקוטסק זעץ זיך איבער... אין אַנדער באַן...

— איך פאַרשטיי ניט — האָט ער אַ בלייכער געקוקט אויף טאַלושקינען, וואָס האָט שוין אַריינגעזאָגן די אויגן אין אַ פּאַפּיר.

— פרעג ניט קיין פראַגעס. עמיצער וועט דיך באַזאָרגן מיט אַ פּאַפּיר...

—מייזעס איז נאָך בלייכער געוואָרן און צוגעמאַכט די אויגן, ניט געזען ווי אין דער קאַנצעלאַריע איז געשטאַנען חאַלפין און פון אונטער זיינע, חאַלפינס, געשלאָסענע וויעס האָבן זיך אַראָפּ־געקייקלט צווי גרויסע פינקלדיקע טרערן.

יום הדין ביי דער עלבע.

WOHNUNG
RAB. J. EMDEN

פאַרן יום הדין

ער איז געווען אַ שלאַנקער, אַן אויסגעצערטער, מיט אַ שפּיציק בערדל אויף זיין בלייכן פּנים. יוסף נ... דער ראַבינער פון דער "יודן־געמיינדע" אין האַמבורג, די מוטער פון די רע־פאָרמי׳טע קהילות אין מערב־אייראָפּע.

אין חודש סעפּטעמבער איז נאָך די סינאַגאָגע געשטאַנען ביי דעם ווינקל פון די "פּאַלמאַליע און פּאָפּוגייען שטראַסן" אַנט־קעגן אַ גרויסן שלאָס, אַרומגערינגלט מיט אַלטע צעדער־ביימער.

אַ נעפּל איז דאַן געהאַנגען איבער אַלטונאַ, איבער דער עלבע, איבער די פּאַרצייטישע טורעמס, בריקן און גאָטישע קירכן, ווי אַ דורכזיכטיקער בלוילעכער טיול איבער אַלטע קאָסטבאַרע מוזעאום־חפצים. פון דער ווייטנס האָט זיך געזען דער אַלטער האַמבורגער ראַטהויז, ברייט און גרויס און מאַסיוו. ווייטער — אַלטונאַ, ברייטע און ענגע גאַסן, קאַפעען, ביר־שטובן, קראָמען, וויטרינעס. ס׳האָט דאָ אָפּגעשלאָגן מיט שאַרפע ים־ווינטן, מיט געזאַלצנס, מיט ריחות פון צעעפנטע אויסטערס, וואָס האָבן געשיינט ווי בלוי־גרינער שמאַראַגד און סאַפּירן.

די סינאַגאָגע איז געבויט געוואָרן ביים סוף פונם אכצנטן יאָרהונדערט, נאָר נאָך פריער, אינם זעכצנטן יאָרהונדערט, זיינען שוין דאָ געווען שולן און בתי מדרשים. אין דער כמורנער האַנזע־שטאָט פונם גערמאַנישן צפון האָבן די גאונים: ר׳ יעקב עמדין און ר׳ יהונתן אייבשיץ, געפירט מחלוקת׳ן און געפּלאַכטן די מזרח־ניגונים אין שאָטן פון די ריין־גאָטישע,האַרבע, פינצטערע קאַטעדראַלן; לעבן די פּאַלאַצן פון די שיף־בוי־מאַגנאַטן, וואָס האָבן באַהערשט די ים׳ען און געצוימט דעם עלבע־פלוס, איז זי געשטאַנען די אַלטע שול מיט איר גרין־בלעכענעם דאַך, געל־בלויע שויבן און אירע פענצטער, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט צום אַלטן בית־הקברות אויף קעניג־שטראַסע, וואו עס רוען די ביינער פון אַלט־יידישע דענקער און טרוימער, אין שכנות מיט די אַריער, די האַמבורגער פּאַטריצער, געאָרעמט ווי די צווייגן אויף די ביימער.

ער, דער לעצטער יידישער פּאַסטוך פון אַלטונאַ, פון האַמ־

בורג, מיט זיין פיין־געשניצט בלייך פנים, זיין שלאַנקע פיגור און אומעטיקע אויגן, האָט באַטראַכט די געוויסלטע מצבות מיט די העברעאישע אויפשריפטן, פאַרזונקענע אין הויכע גראָזן. פון איין בוים לעבן אַן אַלטער מצבה האָט זיך אָפּגעריסן אַ צווייגל און האָט אָנגעקלאַפּט אָן טויטן געזיכט פונם שטיין.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער, אין יענעם סעפּטעמבער, האָבן זיי אים פאַרשפּאַרט אין דערבייאיקן קאָנצענטראַציע־לאַגער, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אויף דעם באָדן פונם אַלטונער שיפּס־מאַגנאַט הער פאָן געררלאַך און האָט זיך געגרענעצט מיטן אַלטן יידישן פרידהאָף (בית עולם) אויף קעניג שטראַסע.

אַ יונגער דייטש, אַן אײַנוואוינער פון שלאָס, האָט אים גע־האָלפן אַנטרונען פון לאַגער. ער איז אַריבערגעשפּרונגען דעם דיקן שטייניקן פּאַרקן און זיך געשאַרט, ווי אַ גנב בײַנאַכט, צווישן די הויכע ביימער און ווילדע גראָזן. זיין כאַלאַט מיט אַ שפּיציק־גרוי־געלער לאַטע אָנגענאָדלט אויפן אָרעם האָט געפלאַטערט אויף אים ווי אַ שוואַרצע קראָ. די לבנה האָט געצאַנקט סוף־חודש׳דיק איבער די קאַלטע שטיינער. ער איז צוגעפאַלן צו אַ האַלב־איינגע־זונקענעם שטיין, וואָס ווינט און רעגנס האָבן שוין פאַרלאָשן זיין שריפט, און איז געבליבן ליגן מיט צעשפּרייטע הענט.

ער איז געלעגן אין „שטאָט פון די טויטע", וואו די ערד איז געווען דורכגעגרונטיקט מיט די ביינער פון גאונים און ראשי קהל פון אַלטונאַ, און זיין מוח האָט זיך געוואָרגן פון מחשבות:

זיינען עס די זעלבע ביימער, וועלכע האָבן אַמאָל אַזוי פּרעכ־טיק באַצירט דאָס דאָזיקע שטילע אָרט פון אייביקער רו? און אָט־די טייערע געוויקסן, וואָס זיינען מיט אַזויפיל זאָרגעוודיקייט גע־פלעגט געוואָרן אין משך פון יאָרהונדערטער אויפן בית־עולם פון דער יחסנישער געמיינדע אין האַנזלאַנד, אַלטונאַ, — איצט ליגן זיי דאָ ווי ריזיקע שטעמפּלען אויף פאַרגעלטע בלעטער פון אַן אַלטן סידור ,ר׳ יעקב עמדינס סידור; און דער קבר, ביי וועלכן ער ליגט, איז עס דער רו־אָרט פון דעם גאון, וואָס האָט דאָ מיט קאַרגע צוויי הונדערט יאָר צוריק געלערנט תורה און חכמה און געקעמפט קעגן פאַלשע משיחים? און די איבעריקע מצבות? האָבן זיך די יידישע אײַנוואוינער פון אַלטונא און האַמבורג פאַרגע־

שטעלט, אַז זייערע נאָרדישע שכנים מיט די בלאָנדע האָר און בלויע אויגן, וועלן מיט זיי אויסברוקירן די גאַסן?

ס'איז 1938! נאָך דער „קרישטאָל נאַכט". די אַלטע שול און דער נייער טעמפּל, ביידע זיינען אַוועק אין פלאַמען. — ער האָט אויפגעהויבן זיינע שטעכיק־שטאַרע קני, זיך אַ ווײַלע געוויגט איבערן איינגעזונקענעם שטיין און זיך גענומען שאַרן צום פּאַרקן.

פאַרטאָג. מיטן לעצטן גלי פון די קאַלטע שטערן האָט אים דער נאַצישער לאַגער־וועכטער געפונען פון יענער זייט בית־עולם־פּאַרקן. „פאַרפלוכטער יודע!" אַנטלאָפן צו די טויטע יודן? האַ?" — און ער האָט אַרייגעשאָסן דריי קוילן אין זיין פּלייצע. און אויף מאָרגן, ווען די ביימער אויפן בית־עולם, די ביימער אַרום דעם מירמלנעם שלאָס, האָבן געפלאַקערט אין שפּעטן האַרבסט, איז דער לעצטער רב פון דער האַמבורגער ליבעראַלער איזראַעליטן געמיינדע געלעגן ביים פּאַרקן און קראָען האָבן געפלאַטערט איבער זיין קאָפּ, איבער זיינע הענט. באַלד און ער וועט ווערן גאַלעביינער. אַ בוים וועט זיך שאָקלען איבער אים ווי אין „ונתנה תוקף". אפשר גייט אָן אויבן אין די הימלען דער משפּט און ברענגט אַרויס דעם „כולו חייב. די טייוולאָנישע לאַגער־וועכטער קייכן פון געלעכטער. זיי וועלן געמשפּט ווערן שפּעטער. וואויל איז צו די וואָס וועלן משפּטן און האָבן דעם מוט צו זיין אומדערבאַרעמדיק.

— אַלטונאַ, 1960

דער קליינער אַלטער סאַלון, די „ווײַן־שטובע", „ווייסער שוואַן" אין סט. פּאַולי געגנט, אויף 155 ברייטע שטראַסע (דאָס איז אין 18־טן יאָרהונדערט געווען דאָס הויז פון ר' יעקב עמדין), איז אַרום עלף ביינאַכט שוין געווען האַלב ליידיק. איינער נאָכן אַנדערן האָבן זיך די טרינקער אַרויסגערוקט. בלויז צוויי זיינען געבליבן: אַ פראַנצויזישער שרייבער און אַ יונגער האַפן־אַרבעטער.

— צייט צום שליסן, האַנס! — האָט די דיקע שיינקערין, אַ מיטליאָריקע פרוי מיט אַ קאָפּ געפלאָכטענע בלאָנדע האָר, ווי נאַסע זאַנגען, געזאָגט:

— זאָפאָרט, זאָפאָרט! — פראַו אילזאַ, נאָר איידער איך

גיי מוז איך דערציילן דעם לעצטן שפּאַס, וואָס איך האָב היינט געהערט אין דער ביוראָ פון דער שיפּס-געזעלשאַפט.

— דערצייל, נאָר שנעל!

—הער פאַן גערלאַך, דער שיפּס־בוי מאַגנאַט איז געשטאָרבן. אַרויף אין הימל האָט ער זיך געשטעלט פאַרן טויער פון גן עדן. עס האָט זיך באַוויזן דער הייליקער פּעטער.

— וואָס ווילסטו דאָ דען?

— כ׳וויל אריין אין גן עדן!

—דו, גיי דיר אין גיהנום! האָסט רואינירט דאָס לאַנד, חרוב געמאַכט אַ גאַנצע וועלט...

— איך האָב דאָך געפירט דעם קריג פאַרן רום פון טייערן פאָטערלאַנד!

— און האָסט פאַרשפּילט! איצט ביסטו אַ מערדער!

— איך האָב פאַרשפּילט? דו שפּאַסט! ס׳איז אַ גליקלעכע מפּלה!

— האַ? ווי־זשע?

— איך בין נאָך אַלץ דער אייגנטימער פון די גרעסטע שיפן. די טאָטאַלע דיסטאַנץ, וואָס מיינע שיפן דעקן, איז גענוג אויף צו דערגרייכן די לבנה. פאַר מיין פירמע זיינען אָפן אַלע מאַרקן. נעכטן איז געווען דורכפאַל; היינט — האַנדל; מאָרגן— די באָמבע.

— אָבער גיי אין גיהנום, דאָרטן איז דיין „רוע פּלאַץ!"

עס האָט זיך באַוויזן אַן אַמעריקאַנער גענעראַל און האָט אַנגענומען דעם שיפּסבוי־מאַגנאַט ביים אָרעם:

— וואָס שטייסטו עפּעס ביים טויער, הער גערלעאַך און שטאַרסט?

— ער לאָזט מיך ניט אַריין!

— ער לאָזט ניט, האַ? צעברעך דעם גאָט־פאַרדאַמטן טויער. איך וועל באַצאָלן פאַרן שאָדן... — —

...דער פראַנצויזישער שרייבער האָט געשפּרייזט איבערן רוישיקן סט. פּאולי פּערטל אין דער ניי־אָפּגעבויטער אַלטונא, מיט דער לענג פון עלבע ברעג. ער האָט זיך דערמאָנט אָן יענעם האַרבסט פון יאָר 1939. דאַן, אַזוי ווי היינט, האָבן אין די דערפער פון די פראַנצויזישע פּראָווינצן און שאַמפּאַניע געבליט די וויינ־שטאָקן. נאָר שפּעטער איז שוין די ערד באַשאָטן געוואָרן מיט די

ביינער פון מענטשן און פאַרשטאַכן געוואָרן פון פאַרזשאַווערט דראָט. ער האָט זיך געדרייט אין די גאַסן, געזען ווי ווײַן שטיבער, ביר־קעלערס, קאַבאַרעען באַגלייטן אים מיט זייערע עלעקטרישע שילדן און זאָגן צו, מיט זייערע פייערדיקע בליקן, פאַרבאָרגענע פאַרגעניגנס... די שטאָט האָט זיך געטוקט אין פרעכטיקע פאַרקן, אַרומגערינגלטע מיט פאָנטאַנען. אַנטקעגן האָט געבלאָנקט דער מירמל־שלאָס פון שיף־מאַגנאַט. זיינע שיף־הויפן אַרבעטן טאָג און נאַכט. עס וועט לאַנג ניט נעמען און האַמבורג וועט ווידער באַ־הערשן אַלע ים׳ען, ווערן די דעה־זאָגערין איבער קאָנטינענטן...

דער שרייבער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים גרויסן האַלסטער האָטעל און אין געדאַנק געמאָלן דעם קאָנטראַסט פון אַלטונאַ־האַמבורג אין 1945 און אין יאָר 1960:

צוויי פאַרשיידענע האַמבורגס: די פון 1945 —

די חורבות האָבן געשפּאַרט אין אַרום ווי גרויע געשווירן. איבער די חרובע הייזער האָט געלויערט אַן אָפּגרונט אנשטאָט הימל.

האַמבורג, אַלטונא פון 1960 —

אין דער סט. פאולי געגנט גליט דער גאָלדענער ביר אין די גלעזער. אַרום יעדער ביר־שטוב, אין אַלע גאַסן — גלאַנציקע אויטאָמבאָבילן...

אין דער האַמבורג פון 1945 —

אָפּגעשונדן ווי אַ פּגר איז דעמאָלט די שטאָט געלעגן איינגע־וויקלט אין נעפּלען און האָט אַרויסגעמייקעט פון איר אינגעווייד דעם פאַרקריפּלטן שטאָל מיטן „דראַנג נאָך אָסטן״...

אין דער האַמבורג פון 1960 —

אין דעם ברייטן עלבע־פלוס שניידן די דיקע, גלאַנציקע נעז פון די שטאָלענע שיפן דעם גרין־בלויען וואַסער, שפּייען זיילן רויך צום גרויען הימל.

אין דער האַמבורג פון 1945 —

איז די נאַכט געקראָכן פון די חורבות. מויער־זיילן און קירכן־קאָלומנעס האָבן זיך געשפּיגלט אין די קאַנאַלן; אין די פאַרקן האָבן געגרינט פאַרבראָכענע ביימער.

— אין דער גרויסער צווייטער שטאָט פון דער „בונדעס־

רעפּובליק״ בליען נייע מאַסיווע הויך־שטאָקיקע געביידעס, אַרום זיי שפּיל־פּלעצער, לוסט־גאָרטנס. האַמבורג איז איצט אַ שטאָט פון דער פּרעסע, מסחר און לוקסוס.

אין דער אַלטונאַ פון 1945 —

פאַרוואָרפן צום „לאַנדסבּרוק״ ביים „פיש־מאַרק״ האָט זיך גע־בלייכט אַ האַנט מיט אַ געשטעמפּלטן אויסגעבּרענטן נומער און טויטערהייט געמאָנט נקמה.

אין דער גרויס־האַמבורג פון 1960 —

באָדן זיך די אומבאַזיגטע ריטער פון גערמאַניע אין וואוילטאָג. אַ פּאַטאַפאַן גרילצט: „פאַרבלייב מיר טריי. איך קיסע דיך, מיין שאַץ, הייסע, פלאַקסנהאָריקע גרעטכען! ס׳איז פריילעך, פורכטבאַר אַמוזירענד, דאָנער וועטער!

אַ הויז אין אלטונאַ

אַלטונאַ 1937

לויט אַן אַלטן מנהג, וואָס איז געווען פאַרשפּרייט אין די האַנזע־שטעט פון צפון דייטשלאַנד, זינט דעם פּערצנטן יאָרהונדערט, היטן זיך די איינוואוינער פון אַלטונאַ און האַמבורג אַרויסצוהענגען וועש צום טריקענען אין דרויסן אין די נעכט, צווישן ווייַנאַכט און ניי־יאָר. די פרומע קריסטן גלויבן, אַז אין די דאָזיקע לאַנגע און פינצטערע ווינטער־נעכט פליִען אַן אַהער שוואַרצע טייוולאָנים און זיי הענגען זיך אָן אָן די ווייסע טיכער. אַלטע האַנזיאַטישע באָבעס גלויבן, אַז דאָס הויז ביי וועלכן די ווייסע לינען הענגען ווערט פאַר־ברענט און צעשטערט.

ווען די אַלטע מאַרגאָט ערדמאַן, לויטן מיידלשן נאָמען בראַנדט, האָט זיך געכאַפּט, אַז איר שכנ'טע, אילזאַ וואוכערפעניג פון דער ווייַן־און־ביר־האַלע „ווייסער שוואַן", האָט אַרויסגעהאָנגען דריי טישטעכער אויף די ביימער אין הויף פון איר הויז, איז שוין געווען צו שפּעט. דער אַלטער האָט שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס דאָס „מעדכען", ווי זי האָט גערופן אילזאַן, שפּאָט פון דעם טראַדיציאָנעלן מנהג, נאָר זי האָט געשוויגן.

דאָס אַלטע דריי־גאָרנדיק הויז אויף ברייטע שטראַסע, נומער 155, איז געווען פון די עלטסטע הייזער אין אַלטונאַ ביי דער עלבע. עס איז אויפגעבויט געוואָרן אין אָנהויב פונעם אַכצנטן יאָרהונדערט דורך אַ פּאָרטוגעזישן יידן, נאַטאַן בען נאַטאַן. אינעם יאָר 1748 האָט דאָס הויז אָפּגעקויפט דער עמדינער רב, יעקב הערשל און האָט עס כמעט אינגאַנצן איבערגעבויט. אויף איין וואַנט, אַנטקעגן דער אַריינגאַנג־טיר פון גאַס, זיינען געווען אויסגעקריצט פיר העברעאישע אותיות: י ה ו ה, וואָס מען האָט לויטן דין ניט געטאָרט אָפּמעקן. אין יאָר 1779 האָט דעם רב'ס יונגע אלמנה, בתיה עמדין, פאַרקויפט דאָס הויז צום דייטשן שכן בערטראַם וואַן־בענדינקס.

דאָס הויז איז געווען פון איין זייט באַלויכטן מיט אַ ווייס

ליכט, וואָס האָט געהאַט אַ מראה פון צעקאַכטן קאַלך. פון דער צווייטער זייט איז עס געווען טונקל. דאָס שילדל ביים אַריינגאַנג — „ווייסער שוואַן״ — איז אויך געווען האַלב־באַלויכטן און האַלב־טונקל.

שווער געווען צו וויסן ווי אַלט די באַלעבאָסטע איז געווען. מעגלעך אַז אַכציק און מעגלעך, אַז נאָר פינף־און־זיבעציק. לויט איר ווייסן קאָפּ און אירע גראָע אויגן האָט מען ניט געקאָנט גענוי באַשטימען אירע יאָרן. מען האָט נאָר געוואוסט, אַז זי איז עלטער פון אילוזאַ׳ן מיט אַ יאָר פערציק אָדער פופציק.

אין דער ביר־און־ווין־האַלע, וואָס האָט פאַרנומען דעם גאַנצן ערשטן שטאָק, איז די לופט געווען דורכגעזאַפּט מיט ריחות פון שאַרפע געטראַנקען, וואָס האָבן געשפּאַרט פונעם קעלער ביזן סופית.

די ברייטע שטראָסע איז געלעגן צווישן אַלטונער פישמאַרק ביי דער עלבע, וואָס די האַמבורגער רופן „סט. פּאולי־פּערטל און דעם קירך־פּלאַץ פון „הייליגן גייסט״, וואו די אַלטע קירך האָט זיך געטורעמט איבער דעם קוואַרטאַל. פון יאָרן אָן איז דאָ געווען אַ מחיצה, אַ מין גרענעץ צווישן דרום און צפון שטאָט.

דרום זייט איז תמיד, פון פרימאָרגן ביזן זון־פאַרגאַנג, גע־שטאַנען אַ גערודער, אַ טומל. דער עלבע ברעג האָט ניט אויפ־געהערט זידן און קאָכן. שיפן, גרעסערע, קלענערע, שלעפּ־שיפלעך, באַרזשעס, האָבן אויסגעלאָדן פון זיך משאות, און קולות, עכאָדיקע, ווייטע, דורכגעזאַפּטע פון ווינט און וואַסער, האָבן זיך געטראָגן אין דער לופט, פאַרפאַלן געוואָרן צווישן די שווערע, אייזערנע זיפצן פון די הוידנדיקע אייזערנע בריקן.

צפון זייט איז געווען שטיל, אַ קאַטעדראַלע שטילקייט. פון גאַנץ פרי אָן, איידער נאָך די גאָטישע פענצטער פון דער קליינער קירך „אָרעמע קאַפּעלע״ זיינען אָנגעגאָסן געוואָרן מיטן מאָרגן־ליכט, און איידער נאָך די אָרומיקע ברוינע הייזער האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון זייער נאַכט־שלאָף, האָבן זיך שוין דאָ פאַרבייגע־טראָגן מאַטראָסן, פישער, שיף־בוי אַרבעטער. זיי האָבן זיך גע־שלעפּט מידע, וואַקלדיקע, אויסגעשעפּטע נאָך רוישיקע, זינדיקע וואַך־נעכט, אויפן וועג צו ביר־שטיבער און ווין־קעלערס, און

זייערע הייזעריקע קולות, דורכגעפּרעסענע פון בראַנפן, רויך און זנות, האָבן טעמפּ געזעגט די פרימאָרגן־לופט.

די טרינק־געסט פלעגן אָנקומען אין „ווייסן שוואַן" ווען די קעלנערינס פלעגן אַראָפּנעמען די שטולן פון די טישלעך, און די „אינהאַבערין", אילזאַ, פלעגט שטיין לעבן שפּיגל, געדרייט אירע בלאָנדע געקאַרבטע האָר און האָט באַטראַכט איר אייגענעם אינדערפריענדיקן פּנים, אויף וועלכן עס האָט תמיד געשוועבט אַ געמאַכטער געשעפט־שמייכל...

אַכט אינדערפרי, ווי נאָר דער אַלטער שווערער זייגער פון דער האַמבורגער סט. יאַקוב קירך פלעגט אַראָפּטריפן פון זיין טורעמדיקער הייך זיינע וואָגיקע קופּער־קלאַנגען, האָט זיך די אַלטע מאַרגאָט אַראָפּגעשאַרט פון די שמאָלע טרעפּ פון איר וואוינונג אויפן צווייטן גאָרן, איז אַרויסגעגאַנגען אין הויף הינטערן הויז און האָט גענומען איר הונט וואַלדעק אויפן קייטל אויף איר פרי־מאָרגן־שפּאַציר, באַרג אַרויף צו קעניג־שטראַסע.

ביים כלב האָט שטענדיק געקאַכט און געברומט אין די אינגעווײדן. ער פלעגט זיך רייסן פון קייטל מיט אַ ברדר... און די אַלטע האָט אים געשלעפּט צו זיך מיט אַ געמאַכט בייז קול: „רואיק, רואיק, וואַלדעק!" — ער פלעגט אַריינקוקן אין אירע גראָע אויגן בלייבן שטיל.

פאַרבייגעגאַנגען די אַלטע קירך „צום הייליקן גייסט" פלעגט זיך די אַלטע מאַרגאָט פאַרקערעווען צום פיש־מאַרק, וואו פישער־יונגען וואַרפן קופּעס פיש אין ריזיקע קוישן, וועלכע מען לאָדט אָן אויף שווערע, זיך טרייסלענדיקע לאַסט־אויטאָס, וואָס ציען זיך פאַרביי דער עלבע. דער טייך כוואַליעט און לעקט מיט גיריקע, שוימיקע צונגען דעם ברעג, ווי ער וואָלט וועלן עפּעס פאַרכאַפּן, פאַרשלינגען, אַוועקטראָגן אין זיינע שטאָל־בלויע טיפענישן.

שפּעטער איז שוין מאַרגאָט ערדמאַן ביי איר הויז, ביי דער טיר האָט זי אָפּגעלאָזט דאָס ציימל און וואַלדעק פלעגט גלייך פאַר־שווינדן צווישן די עטלעכע אַלטע קרומע ביימער. דעמאָלט פלעגט זיך די אַלטע שווער אַרויפשלעפּן צום צווייטן שטאָק.

ריכאַרד וואָוכערפעניג, אַ הויכער, ברייט־פּלייציקער. דאָס

פּנים טונקל בלאָנד, און די אויגן — פון אַ סאַרנע, האָט פריער געהאַט זיין אייגנס אַ ביר־קליטל אין אַן ענגען קעלער אויף עלב־שטראַסע. ביים אַנהויב פון דער נאַצי־הערשאַפט האָט ער זיך, ווי אַ לאָיאַלער בירגער פונעם „דריטן רייך" צוגעאייגנט דעם אַלטן קעלער פון בראַנדט־האַטשע וויין־געשעפט און באַלד אויפן ערשטן שטאָק געעפנט די שענק 'ווייסער שוואַן'. ער האָט זיך אינאייִנעם מיט זיין שוועסטער אילזאַ אַריינגעצויגן אין דער אַלטערס הויז, אויפן דריטן שטאָק. אילזאַ, אַ דיקלעכע, מיט אַ פלעכט זאַנגן־האָר און מיט העל־בלויע אויגן, וואָס האָבן שפּאַטיש געשמייכלט, האָט אָנגעהויבן קיניגן אין דער הויז און ביסלעכווייז פאַררוקט די אַלטע מאַרגאָט. די שכנים, וואָס האָבן נאָך געדענקט מאַרגאָטס מאַן, דעם אַלטן בראַנדט, האָט עס פאַרדראָסן, נאָר היות ווי ריכאַרד איז געווען אַן אינטימער פריינט פון אַלטונער געסטאַפּאָ־שעף וויל־העלם מאַרדקע, האָט קיינער ניט געוואָגט אים ווידערשפּעניקן.

אין דער גאַנצער געגענט איז געווען אייִנע, וואָס האָט זיך יאָ געוואָגט אַנטקעגנשטעלן ריכאַרדס ווילן — די אַלטע מאַרגאָט. איינמאָל איז ריכאַרד וואוכערפּעניג אַרויפגעקומען צו דער אַלטער און איר פאַרגעלייגט אָפּצוקויפן דאָס גאַנצע הויז, ער וועט עס אַרונטעררייסן, האָט ער געזאָגט, — און אויפן פּלאַץ אויפבויען אַ ניי הויז.

— פאַרקויף מיר דאָס הויז. איך וויל עס אַראָפּנעמען.

אַרונטעררייסן? פאַר קיין פאַל ניט. ניט ד אָ ס הויז! — האָט די אַלטע געענטפערט האַלב בייז.

— וואָרום דען ניט? ס'איז דאָך אַן אַלטע רואינע!

— אַלט אָבער פעסט! אַ גוטער באַלעבאָס בויט אויף זיכערע פונדאַמענטן, — האָט די אַלטע אַרויסגעזאָגט אַ שפּרוך־וואָרט און אַליין ניט געוואוסט, צי עס געפינט זיך אין דער ביבל. אַ רויכל האָט זיך געשפּרייט פון אירע גראָע אויגן, און זי האָט געציילט אויף די פינגער:

— וויפיל באַזיצער האָט שוין דאָס דאָזיקע הויז איבער־געלעבט? נאַטאַן־נאַטאַן, דער ראַבינער הערשל, וואָס אין אַלטונער ראַטהויז איז ער פאַרשריבן אַלס יאַקאָב עמדין. נאָכדעם —

בערטראַנד וואָן־בענדיקט, דער טישלער יאָהאַן פישבעק, היינריך בריט, — אויך אַ טישלער, דער וויין־הענדלער יאַכים האַטשע, און צום לעצט, — איר זעליקער פאַטער היינריך בראַנדט.

— דיינע רייד זיינען נאָר אַ באַשטעטיקונג, אַז דאָס הויז איז ווירקלעך אַלט, — האָט ריכאַרד געזאָגט, — פאַרקויף. וועסט דערביי אָפּזעצן אין טאָש גוטע טויזנט מאַרק, — האָט ער זיך געבעטן.

— ניין! — האָט די אַלטע געשאָקלט איר ווייסן קאָפּ.

— צוועלף הונדערט, דרייצן, זעכצן הונדערט!

— ניין און ניין!

—וועסט זיך נאָך איבערטראַכטן, וועסט חרטה האָבן — האָט זיך ריכאַרד אויפגעהויבן פון בענקל און זיינע טונקל־בלויע סאַרנע־אויגן זיינען שטייף געוואָרן ווי קיילעכלעך גלאָז. ער האָט נאָר געהערט ווי די אַלטע זאָגט שטיל:

— ריכאַרד! דיינע געשעפטן זיינען דיין פּריוואַט־זאַך. דאָס הויז איז מיין אייגנטום. בעט איך דיר אַ געפעליקס. זע, אילזאַ זאָל ניט ארויסהענגען קיין טוך אין הויף אין די הייליקע טעג...

און אַז וואוכערפעניג איז אַרויס איז די אַלטע מאַרגאָט אריין אין איר ברייטן שלאָף־צימער, וואו עס איז געהאָנגען אַ גרויסער פּאָרטרעט פון איר פאָטער, היינריך בראַנדט. זיינע אָפענע בלויע אויגן האָבן אַראָפּגעקוקט אויף איר, בעת זי האָט זיך דאָ אַרומ־געדרייט און מאַרגאָטן האָט זיך געדאַכט, אַז ער רעדט צו איר:

— פאַרקויף ניט דאָס הויז. ס'איז אַלט אָבער שטאַרק און ס'וועט איבערלעבן אַנדערע הייזער...

יוליוס האַלענדער איז פון דור־דורות, אפשר דער אַכטער דור, געוועזן פון די געבוירענע אין אַלטונאַ. זיינע עלטער־עלטער־זיידעס האָבן געהאָלפן גרינדן די דריי קהלות: אַלטונאַ, האַמבורג, וואַנדסבעק. די זיידעס, די עלטער־זיידעס, זיינען געוועזן שולחנים, וועקסלער, שולחנים, האָט מען זיי גערופן. קעגן איינעם אַן עלטער־זיידן פון די האָלענדערס, אינעם אַכצנטן יאָריהונדערט, האָט דער אַלטונער גאון ר' יעקב עמדין, געפירט קריג, ווייל ער האָט געריסן פּראָצענט פון אלמנות און יתומים און פאַרשוועכט דעם יידיש

נאָמען צווישן די דייטשן. ר׳ יעקב האָט אים ניט אַרויפגעלאָזן אויף דער שוועל פון זיין מנין אויף ברייטע שטראָסע, אָבער דער אַלטער יוזפא האַלענדער איז געווען אַ פרנס חודש אין דער קהלה. אַז ער איז געשטאָרבן, — האָבן די דאַוונער אין ר׳ יעקב׳ס מנין דער־ציילט — האָט ר׳ יעקב גערופן די חברה־קדישא לייט און זיי אָנ־געזאָגט: — באַגראָבט ניט יוזפא׳ן ביז וואַנען זיין משפחה וועט אייך איינצאָלן טויזנט רייכסטאַלער. געדענקט! אַזוי הייס איך!

—ס׳טייטש, רבי? — האָבן די באַגרעבער גע׳טענה׳ט — טויזנט רייכס־טהאַלער פאַר אַ קבר? איר האָט דאָך אַזויפיל ניט אָפגעצאָלט פאַר אייער דריי־גאָרנדיק הויז!

— פאַרשטייט איר מיך, — האָבן ר׳ יעקב׳ס ברוין־שוואַרצע אויגן געשמייכלט און ער האָט גערעדט מיט אַ ניגון, ווי ער וואָלט געלערנט אַ משנה, — די גמרא זאָגט, אַז אַלע יידן וועלן אַמאָל, ווען עס וועט קומען די צייט, אויפשטיין תחית המתים, נאָר די פראָצענטניקעס, וועלן ניט אויפשטיין. ווייסט איר פאַרוואָס, יידן? ווייל אַלע מענטשן האָרעווען פאַר זייער געלט. דער איז אַ גאָלד־שמידט, דער אַנדערער אַ שוסטער, דער דריטער — אַ קרעמער. אָבער איינער וואָס נעמט פראָצענט, מעג זיך רואיק שלאָפן. ער דאַרף זיך גאָרניט מיען. פאַרקערט, וואָס לענגער ער שלאָפט, אַלץ־מער וואַקסט דער פראָצענט, פראָצענט אויף פראָצענט... נמצא, איז פון דעם געדרונגען, — האָט זיך אַ שמייכל געפלאָנטערט אין ר׳ יעקב׳ס באָרד, — אַז אַ ייד שטאַרבט פאַרדינגט מען אים דעם קבר אויף אַ געוויסער צייט, וואָרים ער וועט דאָך אויפשטיין און דער קבר וועט בלייבן ליידיק. אָבער זעט איר, אַ ריבית׳ניק ווי יוזפאָ האַלענדער, ער וועט דאָך בלייבן ליגן, אפילו ווען דער שופר של משיח וועט בלאָזן צווישן די זאַמדן און גראָזן. נו, פרעג איך אייך, רבותי, זאָגט אַליין, דאַרף מען ניט נעמען פאַר זיין קבר דעם פרייז ווי ביי איינעם וואָס קויפט זיך אַ הויז אויף אייביק...

יוזפאָ האַלענדערס זין און אייניקלעך, ביז יוליוס האַלענדערס עלטערן זיינען געווען באַנקירן, הענדלער מיט טאַבאַק און הערינג. אינעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט זיך שוין יוליוס פאָטער באַ־שעפטיקט מיט עקספאָרט און אימפּאָרט, און ער, יוליוס, האָט זיך שוין באַטראַכט ווי אַ דייטש פון מאָזאַאישן גלויבן. ער האָט גע־

הייראַט אַ קריסטין, עלגאַ פאָן זיידנוואַלד. דער איינציקער סימן פון זיין אָנגעהערן יידן, איז געווען דער איינטאָגיקער באַזוך — יום כיפּור — אין האַמבורגער איזראַעליטן־טעמפּל אויף קאָלהאָפן־שטראַסע. דאָס האָט ער צוליב געטאָן זיין פרוי, וואָס איז געווען אַן עוואַנגעליקערן, נאָר האָט געוואָלט, אַז איר מאַן זאָל טריי בלייבן זיין אייגענעם מאָזאַישן גלויבן...

ביזן „דריטן רייך" האָט יוליוס, וואָס האָט געהאַלטן אַ טאַבאַק־געשעפט אויף בערג־שטראַסע, ווייניק־וואָס געהאַט צו טאָן מיט יידן. ער האָט זיך גע׳חבר׳ט מיט ריכאַרד וואוכערפעניג, פלעגט איבערליגן ביי אים אין דער האַלע אין די פרייע שעה׳ן און שפּילן אין קאָרטן מיט די ראַטמענער פון ראַטהויז. אין ראַטס־קעלער האָט האַלענדער געהאַט אַ ווינקל ביי אַ באַזונדער טישל, וואו ער האָט זיך געטראָפן מיט דער יונגער און דיקער אילזאַ׳ן. ער איז גאָר געוואָרן אַ גוטער ברודער מיט די וואוכערפעניגס נאָכן ווייבס טויט.

בעת דער לויה פון זיין ווייב אויפן לוטעראַנער פרידהאָף אין אַלטסדאָרף, ווען די וואוכערפעניגס האָבן אים באַגלייט צוריק צום שוואַרצן אויטאָמאָביל, האָט ער געזען ווי אַ ווייסער שפּיץ פון אילזאַס אונטערקליידל שלאָגט זיך אָפּ אָן איר שוואַרץ־סאַמעטן קלייד, און ער האָט דערשפּירט ווי דאָס האַרץ זיינס האָט אַ ציטער געטאָן און אַ היץ איז זיך צעגאַנגען אין אַלע זיינע אברים...

אַז די העצעס קעגן יידן האָבן זיך געמערט און עס זיינען איינגעפירט געוואָרן די ניורענבערגער ראַסן־געזעצן האָט זיך ריכאַרד אָנגעהויבן דערווייטערן פון האַלענדערן. יוליוס האָט זיך באַקלאָגט פאַר אילזאַ׳ן אָבער זי האָט מיט שמייכלענדיקע אויגן אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַזוי מוז עס לײדער זיין. ריכאַרד איז דאָך אַ פריינט, אַ קאַמעראַד פון ווילהעלם מאַרדקע, טאָר ער ניט, אָבער זי, האָט אילזא געשמייכלט, זי מעג... יוליוס האָט נאָך אַ שטיק צייט באַלוינט זיין „פרוילין" מיט טייערע געשאַנקען, גע־קויפט פאַר איר קרישטאָלענע בלומען־וואַזעס, נאָר אין קינאָ איז זי מיט אים מער ניט געגאַנגען. דאָס איז שוין געווען צו ריזיקאַליש. ביז אין אַ שיינעם טאָג, אין אַ שפּעט־זומערדיקן נאָכמיטאָג, ווען אילזא איז געווען ביי יוליוסן אין הויז, האָט זי אים דערקלערט, אַז דאָס איז דאָס לעצטע מאָל, וואָס זיי טרעפן זיך. זי בעט אים ער

זאָל זי אויסמיידן. ווילהעלם מאַרדקע איז נעכטן געווען אין „ווייסן שוואַן" און געוואָרנט: „דאָס גליק פון גרויסן פּאַטערלאַנד איז אומ־מעגלעך צו דערגרייכן, ניט אָפּרוימנדיק פריער די יודען". ס'טוט איר זייער לייד.אָבער פון היינט אָן איז עס געזעץ! אַ באַפעל פון פיורער!

בשעת'ן רעדן האָט זי ניט געקוקט אויף אים, ניט געזען ווי ער זיצט אַ דערשלאָגענער. נאָר אַז זי האָט נאָכדעם אויפגעהויבן די אויגן האָט זי שוין יאָ געזען, ווי יוליוס שאַרט נערוועז די קאָרטן אויפן טשל, נעמט זיי אויסטאַשן. אירע לאַנגע פינגער מיט די לאַ־קירטע נעגל האָבן זיך דעמאָלט ציטערדיק געגליטשט איבערן ביר־גלאָז און ס'איז שווער געווען צו זאָגן, וואָס עס טוט איר מער באַנג: יוליוס אליין, אָדער זיינע געשאַנקען...

אַז אילזאַ איז אַוועק, האָט אַ געפיל פון פּאַרדרוס געצופּט יוליוסן פון מוח ביז די שפּיץ־פינגער. ס'האָט אים פּאַרדאָסן וואָס ער האָט זיך ביז איצט ניט געכאַפּט אויף אירע צויגישע פּאַרטעלעך, און ער האָט גענומען שפּילן אין קאָרטן מיט זיך אַליין...

יוליוס האָט שוין געהאַט אַ פּאַרגעפיל, אַז ס'איז ניט ווייט דער טאָג ווען די געסטאַפּאָ־לייט, וועלן אים פּאַרשיקן צוזאַמען מיט אַלע אַלטונער יידן אין אַ לאַגער. ער האָט געוואוסט, אַז עס וועלן גאָרניט העלפן קיין טענות, מען זאָל אים ניט צונויפמישן מיט די „יודן פון אַלטונאַ, וואָס די מערסטע שטאַמען פון „אָסטן" בשעת זיינע אור־עלטערן זיינען דאָ געבוירן געוואָרן; זאָל ער גיין און רעדן צו וואוכערפעניקן אַז ער, האַלענדער, איז מער אַלטונער פון אים, זאָל ער אים זאָגן, אַז די ברייטע שטראַסע, די געגענט, און דאָס הויז אין וועלכער וואוכערפעניק וואוינט? אָדער זאָל ער גאָר אַריבערגיין צו מאַרדקען און זאָגן: הער מיך צו, הער ווילהעלם, וויאַזוי פּאַלט דיר איין מיך צו באַשולדיקן אין „שענדן די אַרישע ראַסע"? אַז מיין גאַנצע „יידישקייט" איז דאָך אַ צופאַל! נאָר וועט עס דען העלפן?

אין דער 'קרישטאַל־נאַכט" האָט יוליוס האַלענדער געזען דורכן פענצטער פון זיין רייך־מעבעלירטער וואוינונג אויף פּאַל־מאַליע שטראַסע, ווי זיין געוועזענער פריינט ריכאַרד מיט דעם ס. ס.־מאַן וואָלפגאַנג ברענדקע, קאָמאַנדעווען איבער אַ כאַפּטע יונגען

פון פיש־מאַרק, וואָס שלעפּן ברען שטאָף, קאַנען פּעטראָליום און שווערע שטיינער צו דער אַלטער שול אויף פּאָפּוגייען שטראַסע. אַרום צוועלף אַזייגער, האַלב נאַכט, האָבן שוין די פייערן פון דער ברענענדיקער שול באַלויכטן דעם גאַנצן אַרום. וואָלקנס פלאַם האָבן זיך געהויבן צו די שפּיצן פון דער קירך „צום הייליקן גייסט״. דאָס שפּליטער־גלאָז פון די קאָלירטע שויבן האָט זיך געשמאָלצן, געקנאַקט ווי ניס און אַ פאַרשפּרייט אַ מאָדנעם ריח, אַ געמיש פון בענזין און צעשמאָלצן גלאָז.

און אויף מאָרגן, אַז יוליוס איז פאַרביי דעם „ווייסן שוואַן״ האָט ער דורך דער טיר געזען זיצן דריי געשטאַפּאָ־לייט ביי קופלס־ביר. ער האָט געזען ווי אילזאַ בויגט זיך איבער אַ באַזויפטן שטורם־טרופּער און איר בערגלדיקע ברוסט באַרירט זיין פּנים... ריכאַרד וואוכערפעניק האָט דערזען יוליוסן דורך דער אָפענער טיר און האָט זיך אָוועקגעדרייט, ווי ער וואָלט אים געוואָלט באַווייזן, אַז דער נעכטיקער פייער האָט אויך אַ שייכות צו אים...

אָנהויב דעצעמבער האָבן זיך אין האַלענדערס וואוינונג אַריינגעשטעלט צוויי געשטאַפּאָ־לייט. איינעם האָט יוליוס געקענט פון יענע טעג, ווען ער פלעגט אים געבן אַ ציגאַר אין „ווייסן שוואַן״, באַצאָלן פאַר אַ קופל ביר... האַלענדער האָט זיך גוט איינגעקוקט אין אים, ווי אים אָן עפּעס געוואָלט דערמאָנען, אָבער דער הויכער וואָלפגאַנג ברענדקע האָט שאַרף גערעדט, ווי ער וואָלט געלייענט אַ באַפעל: די וואָך ווערסטו אָפּגעשיקט ווערן מיטן דריטן טראַנספּאָרט יידן אין אַ לאַגער אין דער פּראָווינץ: נוי־בראַנדענבורג! ניט שווער געווען פאַר האַלענדערן צו באַנעמען, אַז ער, וואָלפגאַנג ברענדקע פירט בלויז אויס אַ „העכערן״ באַפעל. אביסל שווערער איז אים געווען זיך צו כאַפּן, אַז אויך זיינע געוועזענע „פריינט״ ריכאַרד און אילזאַ האָבן אין דעם אַ האַנט...

זינט ווילהעלם מאַרדקע איז געוואָרן דער שעף פון דער געסטאַפּאָ אין אַלטונאַ האָט דער הויכער וואָלפגאַנג ברענדקע מיט די שכורע אויגן און וואָלפישן גאַנג, ווי אויפגעלעבט. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט ברענדקע געאַרבעט ווי אַן אויסלאָדער פון פיש אויף די עלבע שיפן. אין די נעכט פלעגט ער איבערליגן אין די ביליקע קנייפּעס און ביר־האַללעס. פון שווערער אַרבעט און זויפן ביר און פאַרבייסן מיט קנאַק־וואורשט האָט ער באַקומען אַ מאַגן־

קראַנקהייט. צוליב זיין קאַרגער פאַרדינסט האָבן זיך די פישמאַרק־לייט מיט אים ניט גע׳חבר׳ט און אַז ס׳האָט געטראָפן און ברענדקע האָט ניט געהאַט קיין געלט צו באַצאָלן פאַר אַ קופל ביר אָדער אַ טעלער בלוט־וואורשט, פלעגט ער אַוועק צום יידישן הערינג־הענדלער און אויסגעבעטלט אַ פּאָר מאַרק, פאַר וועלכע ער האָט צו־געזאָגט אָפּצואַרבעטן. ער האָט אָבער דעם צוזאָג ניט געהאַלטן און פלעגט זיך מער ניט קענען באַווייזן אויף דער שוועל פון האַמער־שלאַגס הערינג־קראָם, און אַנשטאָט האַמערשלאַג זאָל אים פיינט האָבן האָט ער געטראָגן אַ שנאה אויף דעם הערינג־הענדלער. דערצו האָט זיך שטענדיק געטראָגן פון ברענדקען אַ ריח פון בלוט און ביר און די קעלנערינס אין די קנייפּעס און ביר האַלעס האָבן געוויכט פון אים.

ווען דער נאַצי־רעזשים האָט זיך באַפעסטיקט איז וואָלפגאַנג ברענדקע, וואָס איז ביז איצט געווען אַן אָביעקט פון שפּאָט און מיטלייד, געוואָרן אַ גאַנצער העלד. מען האָט געוואוסט אויפן פיש־מאַרק אין די שענקען, אַז וואָלפגאַנג איז מאַרדקעס גוטער פריינט, און אַז דער געסטאַפּאָ־הויפּט וועט שוין מאַכן פון אים אַ לייט. אויף די נאַצי־פאַרזאַמלונגען פלעגט ברענדקע זיצן אין דער ערשטער ריי און אַז זיין חבר מאַרדקע איז אַרויף אויף דער בינע האָט זיך אַ צופרידענער שמייכעלע אויסגעשפּרייט אויף וואָלפגאַנגס ליפּן. אַנדערע נאַציס האָבן זיך ערשט געמוזט לערנען די מלאָכה פון האַסן. ברענדקע האָט עס ניט באַדאַרפט. די ליידן און שפּאָט, וואָס ער האָט איבערגעטראָגן בעת זיין אַרבעט אויפן פיש־מאַרק, אין די ביר־האַלעס, האָבן ביי אים אַרויסגערופן אַ פאַרלאַנג הנאה האָבן פון רשעות, אכזריות איז געוואָרן אַ טייל פון זיין לעבן.

דעם ערשטן פרימאָרגן נאָכדעם ווי ברענדקע איז אַריינגע־נומען געוואָרן אין דער געסטאַפּאָ איז ער געגאַנגען מיט זיין שעף צום ראָטהויז. זיי זיינען פאַרבייגעגאַנגען דעם פּאַרקן, וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם אַלטן יידישן פרידהאָף (בית עולם) אויף קעניג שטראַסע. מאַרדקעס קליינע, אַביסל אַרויסשטאַרטשנדיקע אויגן האָבן געקוקט אויף ברענדקען פאַרשנדיק. ער האָט געקוקט אויפן פּאַרקן און זיך אָנגערופן:

— וואָלפגאַנג! איידער איך באַשטים דיך אויף וויכטיקער

אַרבעט, וויל איך זען, וואָס דו ביסט אימשטאַנד צו טאָן.

— יאַוואָל! הער אַבער לייטענאַנט — האָט זיך ברענדקע דערנעענטערט צום טויער פון בית-עולם — דאָ, צעשטערן די יידישע גראַבשטיינער!

— די שטיינער לאָז צורו — האָט אים מאָרדקע צוגעשטופּט צו אַן אייזערנער גראַטע, דורך וועלכער עס האָט זיך אַרויסגעוויסט אַ מצבה — דאָס איז אַ רוע־פּלאַץ. פאַראַן אַן ענלעכע יודאַאישע שריפט אויף אַ הויז אין ברייטע שטראַסע.

— אָ, דיזעס אַלטע הויז פון „ווייסן שוואַן". עס געהער דאָך צו דער אַלטער פראו ערדמאַן. זאָפאָרט גיי איך אַהין אַריבער!

— גוט, וואָלפגאַנג! רעד איבער מיט דער אַלטער זי זאָל ברענגען דאָס הויז אין אָרדנונג. טאָמער לאָזט זי ניט, נעם אַליין ארונטער די שאַנד־שריפט פונעם אַלטן אַרישן הויז! — האָט זיך מאָרדקע אָפּגעקערט פון אייזערנעם פאַרקן און איז אַוועק, ניט געהערט ווי וואָלפגאַנג שרייט אים נאָך: יאַוואָל! צום באַפעל! הער אָבערלייטענאַנט!

אַלטונאַ 1944

אינעם פאַרנאַכט פון 19־טן אַפּריל האָבן זיך די סירענעס אין סט. פּאול קוואַרטאַל פון האַמבורג צערעוועט, איבערגעגאַנגען אין אַ געבריל פון אַ צאַרנדיקער חיה, געלעכערט די אויערן און אויפגעטרייסלט די לופט.

די אַלטע מאַרגאַט האָט אַרויפגעוואָרפן אַ טוך איבער אירע אַקסלען און איז מיט שוואַכע טריט און ציטערדיקע קני אַראָפּגע־גאַנגען אין הויף. גלייך איז צו איר צוגעלאָפן פונעםביידל אַרויס, צווישן די ביימער, וואַלדעק און וואָיענדיק אַרויפגעלייגט אויף אירע קני זיינע שווערע לאַפּעס. תיכף האָבן זיך געלאָזט הערן דונער־געקנאַלן. דער הימל איז באַלויכטן געוואָרן אויף אַ העלפט פון שפּליטערס פייער, ענלעכע צו ראָזע בליצן. איצט האָט מען שוין דייטלעך געהערט דאָס ברומען פון עראָפּלאַן־מאָטאָרן, וואָס האָבן גערוישט אויבן אין דער הייך. דאָס פייער פון די שוץ־באַטעריעס פון די אַנטי-לופט מאַשינען, האָבן זייער הויך געצוקט אויפן פאָן

פון בלוי־גרויען פאַרנאַכטיקן הימל, ווי שוואַרף־בליציקע מעסערס.

— דאָס זיינען די ענגלישע לופט־שיפן — האָבן זיך דערהערט שטימען. דעמאָלט האָט מאַרגאָט אָפּגעשטופּט דעם הונט און זיך געלאָזן צום שוץ־קעלער אונטערן „ווייסן שוואַן״.

דער דונער פון די מאָטאָרן איז אָפּגעשטאָרבן אין דער ווייט־קייט, און פונקט ווי די קרוינען פון ביימער אין אַ וואַלד, הייבן זיך ווידער אויף, נאָכדעם ווי אַ שטורם טראָגט זיך פאַרביי, אַזוי האָבן איצט די מענטשן אַרויסגעשטעקט די קעפּ פון שוץ־קעלער, און אַ מאָדנע אומהיימלעכע שטילקייט האָט אַרויסגעקוואָלט פון דער שטאָט. און באַלד האָט שוין אַ נייע עסקאַדרע עראָפּלאַנען אָנגע־הויבן דונערן אין די הימלען און די גאַנצע גאַס האָט געציטערט.. מענטשן האָבן זיך ווידער געדרענגט אין קעלער.

אויף מאָרגן האָט די שטאָט אויסגעזען ווי אַ רויכערדיקער הויפן. ביז די וואָלקנס איז דערגאַנגען דער שיכט פון שטויב און אַש, דורך וועלכן די זון־שטראַלן האָבן מיט מי זיך געקאָנט דורכ־רייסן. מען האָט שוין געוואוסט, אַז גאַנצע קוואַרטאַלן זיינען געלעגן אין חורבות. בלויז אין ריפּערבאַן־קוואַרטאַל, וואָס איז אינגאַנצן צעפּולווערט געוואָרן, זיינען אומגעקומען זיבן טויזנט מענטשן. דער שיף־בוי הויף איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ הויפן ברוכ־וואַרג. דער פּערטל ביים „בינען האַלסטער״ — דער שטאָלץ פון האַמבורג, — די קירכן אַרום באַנהויף, זיינען געשעדיקט געוואָרן. דער שפּיציקער דאַך פון מיכאַאילס קירך, וואָס איז געבויט געוואָרן אין פערצנטן יאָרהונדערט, איז צעלעכערט געוואָרן. די לופט איז געווען אָנגעזאָפּט מיט שריפה, וואָס האָט געשוועבט צווישן די הייזער, ווי אַ ברוינער נעפּל פון שטויב און אַש.

דער בירגערמייסטער פון גרויס־האַמבורג, הער ווילהעלם פאָן־קראָען, האָט פאַררופן אַ מאַסן־מיטינג, וואו ער האָט פאַרדאַמט די ענגלישע באַרבאַרן וואַנדאַלן, וואָס האָבן באָמבאַרדירט די „פרידלעכע באַפעלקערונג״ און ער האָט פאַראָרדנט צו פאַרלייגן אַן ערן־בית עולם פאַר די „רומפול געפאַלענע מיט אַ גרויסן האַקנקרייץ, זעקס מעטער די הויך.

דער פּאַסטאָר פון דער האַלב־חרובער סט. יאַקאָב קירך, פרידריך באָקנדאָרף, האָט פאַרדאַמט אין זיין זונטיק־דרשה די

באַרבאַרן, אָבער אַ צופרידענער פון די אייגענע מאָראַלישע רייד, איז ער געצוואונגען געווען איבערצורייסן די דרשה אין מיטן, ווייל די סירענעס האָבן זיך אויפסניי צערעוועט, און די „שאָף״ זיינען געלאָפן זיך באַהאַלטן אין די אונטערערדישע קעלערן. דער גייסט־לעכער האָט נאָך באַוויזן צו זאָגן: „קינדער, דער מענטש איז געגליכן — — —״

אַז עס האָבן זיך געמערט די לופט־אַנגריפן האָט זיך אין קעלער אונטערן „וויסן שוואַן״ באַוויזן אַ קליינער שוואַרצער פאַרשוין מיט שטופלען אויפן פנים און מיט ווייסע, געקרייזלטע לאָקן. ער איז געקומען פון דער „אַרמען קאַפּעלע״ און האָט גע־טראָגן אין די הענט אַ שוואַרץ תפלה־ספר׳ל מיט אָפּגעבליאַקעווע־טע ראַנדן. ווען ס׳האָט אין דער נאָענט אויפגעריסן אַ באָמבע און אַ הויז איז איינגעפאַלן מיט אַ מורא׳דיקן קראַך, האָט ער, גלייך ווי עס איז ווידער געוואָרן שטיל, געזאָגט מיט אַן איידל קול:

— דאָס הויז וועט בלייבן, ס׳וועט ניט געטראָפן ווערן! דאָס פייער וועט זיכער פאַרצערן די הייזער פונעם גאַנצן קוואַרטאַל, נאָר אַהער וועט עס ניט צוקומען! — דערביי האָט זיך אַ פרומער שמייכל אויסגעגאָסן אויף זיין טונקל פנים און ער האָט אויפגע־הערט דרש׳נען...

— מאַכסט זיך לעכערלעך, פאַסטאָר, — האָט וואוכערפעניג געזאָגט פון אַ זייט, — וויאַזוי ביסטו זיכער, אַז נאָר דאָס הויז וועט בלייבן?

— דיזעס הויז, ניכט! — האָט ס׳מענטשל מיט די ווייסע לאָקן איבערגע׳חזר׳ט: — אַנדערש קאָן עס ניט זיין, ווי עס שטייט געשריבן אין „הייליקן בוך״: „ווי צו דער גרויסער שטאָט, וואָס אין איר זיינען אַלע, וואָס האָבן פאַרמאָגט שיפן אויפן ים געוואָרן רייך, וואָרים אין איין שעה וועט זי חרוב ווערן, וואָרים גאָט האָט גע׳משפט איר משפט״.

— איר דאַרפט ניט אָניאָגן אַזאַ מורא אויף די מיטבירגער, פאַסטאָר שאַדנוואַלד, — האָט די אַלטע מאַרגאָט געוואָרקעט.

— גנעדיקע פראַאו, — האָט זיך דער ווייס־האָריקער לייכט פאַרנויגט — דער געריכט דויערט שוין. מיר אַלע וועלן באַשטראָפט ווערן. אָבער דאָס הויז, זעט איר, וועט בלייבן שטיין, וואָרים איך האָב אַליין געהערט פון מיין גראָס־פאָטער, אַז אויף די ווענט האָט

עמיצער, אַ ייד פון פּאָרטוגאַל, אויסגעמאָלט די פיר בוכשטאַבן פון דער הייליקער שריפט, וואָס שטעלן צונויף דאָס העברעאישע וואָרט יהוה.

— הער שוין אויף, דום־קאָפּ — האָט וואוכערפעניג אויס־געזופן מיט אַ הייזעריק קול — דער שפּאַס מיט דעם יודן וועט דיר נאָך טייער קאָסטן.

— דערלויבט, דערלויבט, מיין הער! — האָט זיך דער הייסער גלי אויפן פּנים פונעם טונקעלן אויסגעלאָשן, — אָבער ס׳איז ניט קיין שפּאַס. פּרוי ערדמאַן ווייסט אויך... איבעריקנס, איך בין אַ גוטער קריסט...

— ווער פאַרשטומט! דו אַפּפען־שוואַנץ! — האָט אים רי־כאַרד אַ שיק געטאָן צו דער נאָרע, וואו די אַלטע מאַרגאָט איז געזעסן אַ צונויפגעדרדטע און אירע אויגן האָבן זיך געפייכט...

אינדרויסן האָבן די אויפרייסן פון די באָמבעס געשפּיגן דעם אַלטונער הימל אין פּנים אַריין מיט זיילן רויך, פייער און שטיינער.

מיט צוויי שעה שפּעטער, ביים אַרויפגגיין אין איר וואוינונג, האָט די אַלטע מאַרגאָט אָנגעטראָפן אילזאַ׳ן און אין איר אַריינ־געדעדט ווי אין אַ פּאַס:

— הער מיך אויס „פרוילײן״. דער פּאַסטאָר האָט גאָרניט גערעדט פון וועג, און דו, פאַרגעסט וואָס איך זאָג דיר אָן: זאָלסט אין די ווייַנאַכטן ניט אַרויסהענגען קיין ווייסן טוך...

— אַך, קוואַטש! — האָט אילזאַ זיך אָפּגעריסן פון דער אַלטער און איז אַרויפגעלאָפן אויף די טרעפּ, געמורמלט צו זיך:
— די אַלטע, אימער מיט איר קוואַטש! זי מוז זייןווירקלעך פאַר־ריקט, דיזע אַלטע מאַרגאָט...

ווי די כוואַליעס פון צעבושעוועטן ים האָבן די אַליאירטע אַרמייען פאַרגאָסן דאָס ברוינע, חרוב געמאַכטע סדום. פון דער מזרח זייט עלבע — די רוסן; צפון־מערב — די ענגלענדער און דרום־מערב — די אַמעריקאַנער, די פראַנצויזן.

טויזנטער דייטשן, געוועזענע באַאַמטע אין נאַצי־אַפּאַראַט הינטערן פראָנט, זיינען געלאָפן דורך וועלדער, דורך טאָלן, גע־לאָפן פון די רויטאַרמייאישע טאַנקען, וואָס האָבן געשניטן די

שליאַכן לענג אויס דער עלבע צום באַלטיק, צום צפון ים...

דער ס. ס.־שטורם־פירער וואָלפגאַנג ברענדקע, אַ הויכער מיט אַ וואָלפישן געשטעל און פאַרגאָסענע אויגן, האָט אויך גע־שפּאַנט, געוואָגלט פון רוסישן פראָנט. ער האָט דורכגעמאַכט אַ אַ לאַנגן וואָגל איבער טויזנט קילאָמעטער, געוואַנדערט איבער חרובע שטעט און דערפער, געשפּרייזט איבער הויפנס ציגל, שטויב, ברוכוואַרג. זיין קערפּער איז באַדעקט געוואָרן מיט קויט און מיסט. אונטער די נעגל איז ביי אים געלעגן אַ דיקע שיכט בלאָטע און ער איז אינגאַנצן געווען דורכגעזאַפּט מיט רעגן און רויך.

ווי נאָר ברענדקע איז אַריין אין דער אויף צוויי דריטל חרוב־געוואָרענער שטאָט, האָט ער ביים ערשטן בליק אויף איר באַשלאָסן, אַז אַ שטיבל, אַ דאַך איבערן מידן קאָפּ וועט ער אַזוי גרינג ניט באַקומען.

— דאָנער וועטער! פאַרדאַמט! — האָט ער געשפּיגן אויף די חורבות — דער פיורער האָט דעם קריג ווירקלעך פאַרלאָרן!

זיינע אומבאַוועגלעכע שיכורע אויגן האָבן געקוקט אין פאַר־שיידענע זייטן און אומעטום געזען הויפנס ציגל, שטיינער, איבער־געקערטעביימער. זיין גאַנצער שטערן איז געווען צעאַקערט מיט קורצע קנייטשן, וואָס האָבן זיך געצויגן ביזן פאַרוואָקסענעם גאָרילע פּנים, און געדאַכט האָט זיך, אַז אויף זיין שטערן שווימען צעריסענע שטיקלעך קריעס פון דער וואָלגאַ...

ביי דעם האַלב חרובן ראַטהויז איז ער געבליבן שטיין. אַ ווײַלע באַטראַכט די צעניזוקטע געביידע און איז אַראָפּ אין ראַטס־קעלער. ס'האָט אים גענומען לאַנג ביז זיינע אויגן האָבן זיך צו־געוואוינט צום נעפּל פון וואָלקן רויך וואָס איז דאָ געשטאַנען געדיכט. ער האָט דערזען אַמעריקאַנער סאָלדאַטן זיצן ביי קופלס ביר און זיי האָבן אַרויסגעלאָזט וואָלקנס רויך פון געשמאַקע ציגאַרן. ער האָט דאָ אויך געזען דייטשע „פרויליינס" זיצן מיט פאַרלייגטע פיס, זיי האָבן פאַרזיכטיק געררויכערט און געדופן מיט די אויגן... געזען אַנדערע, יינגערע, מיט בלאָנדע פלעכטן האָר. זיי זיינען געזעסן ביי סאָלדאַטן אויף די קני... קיינער האָט זיך אויף אים ניט אומגעקוקט און ס'האָט אים אָנגעכאַפּט אַ שטאַרקער

רחמנות אויף זיך אַליין. ער האָט פאַרקרימט די ליפּן. אָט־אָט וועט ער אַרויספּראַלן אַ פאַרדראָסיק געוויין.

— איז עס דען ניט אַ וואָרער צייכן, אַז אַלץ איז פאַרלאָרן, קאַפּוט! — האָט ער געטראַכט און ס׳האָט זיך אים געגלוסט אַוועק צוריק אַהין אין „אָסטען", דאָרט אין גאָט־פאַרדאַמטן באַלשעוויסטישן לאַנד, וואו ער האָט געהאָלפן ליקווידירן די „יודן"...

וואָלפגאַנג ברענדקע איז מיטאַמאָל אַרומגענומען געוואָרן פון שרעק. אַ באַהאַלטענער פחד האָט זיך אויפגעוועקט אין אים, ווי „אַמאָל" אין לאַגער, וואו פאַר זיינע אויגן האָבן זיך אָפּט געשאַרט שאָטנס פון שונא, וואו אַ פאַרטיזאַן פון וואַלד, אַן אויפשטענדלער, וועמענס פּנים ער האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, האָט צו יעדער צייט געקאָנט אַריבער די שטעכיקע דראָטן און אים פאַרטיק מאַכן...

ער איז אַרויס פון ראַטסקעלער און דערפילט ווי זיינע צע־ריסענע שטיוול האָבן שטאַרק פּיינט דעם שטויביקן אַספאַלט, און זיינע פיס זיינען געפּערלעך מיד.

אויפן ראָג פון וואַנדסבעקער שאָסע איז געפאָרן אַ שטראָס־באַן (טראַמוויי). אַ מענטש איז פון איר אַראָפּגעשפּרונגען. ער האָט נאָר פונדערווייטנס דערזען ברענדקעס שווערן גאַנג און אים גע־נומען רופן:

— וואָלפאַגג! דערקענסט מיך ניט?

— אַך, ריכאַרד!

— וואָס שלעפּסטו זיך ווי אַ האַלבע לייכע?

— אויב דיר איז פריילעך, גיי טאַנצן. איך האָב ניט וואוהין צו איילן.

— מענטש איינער! איך שיק דיר ניט טאַנצן. גיי גלייך צו דער אַלטער.

— די אַלטע מאַרגאָט, זי לעבט נאָך?

— גיי, טראַכטן וועסטו דערנאָך.

ברענדקע האָט זיך געלאָזן צו דער ברייטער שטראָסע. ער איז געבליבן שטיין ביים אַלטן הויז, געקוקט אויף די איינגע־קריצטע אותיות אויפן מעטאַלענעם שילדל, געוואָלט צולייגן אַ האַנט צום גלעקל און ניט אָנגעקלונגען. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז מיט עטלעכע יאָר צוריק, — האַ? ווען איז עס געווען? — נאָך

ווען ער האָט געאַרבעט ביי פּיש, נאָך איידער דער „רייך" איז אויפגעקומען, איז דאָ אויף דער רעכטער זייט פון דער טיר געווען צוגעשמידט אַ שילדל מיט יידישע אותיות, שווערע, האַלב־רונדע. שפּעטער האָט ער דאָס שילדל, אויפן באַפעל פון מאַרדקען, אַרונטער־געריסן. ער געדענקט נאָך וואָס פאַר אַ גוואַלדן די אַלטע האָט דאַן געמאַכט... — איצט, — האָט ער געטראַכט — וועט זי אים אפילו אין קיך ניט אַריינלאָזן.

ער האָט צוגענומען די אויגן פון דער שריפט, באַקוקט די פאַרשטויבטע, צעריסענע שטיוול, די נאַקעטע פינגער זיינען געווען שטאַרק ברודיק און צעשפּאָלטן, אַרויסגעקוקט פון די צעריסענע שטיוול־לעכער, ווי דאַכלאָזע קינדער פון אַ באַהעלטעניש. באַלד האָט ער איבערגעפירט די לאַפּע אויפן צעקנייטשטן שטערן און זיך אָן עפּעס דערמאָנט: זיין קאַמעראַד פריץ, פריץ האַטשע! ער איז דאָך געווען דער אַלטערס שוועסטערן־זון.

ביים דערמאָנען זיך אין פריצן האָט ברענדקע ווי אויפ־געלויכטן. צווישן אים און יונגן פריץ, פריצל, ווי ער האָט אים גערופן, האָט זיך די גאַנצע צייט פאַרבונדן אַ גאַר נאָענטע פריינט־שאַפט. דאָס האָט ער, וואָלפגאַנג, אים דער ערשטער אַריינגעפירט אין דער היטלער־יוגנט. און שפּעטער, אַז פריץ איז מיט שטאָלץ אַוועק קיין ׳אָסטן" צו דעראָבערן די רוסישע ערד פאַרן זיג פון „טויזנט־יאָריקן רייך"... — יאָ, פון זינט ער האָט זיך געטראָפן מיט פריצלען צום לעצטן מאָל, ערגעץ אין פוילן; פון זינט ער האָט געהערט, אַז פריץ איז געפאַלן ביי דער וואָלגאַ, קאָן ער אָן אים ניט פאַרגעסן. ער דערמאָנט זיך, ווי מיט אַ יאָר צוריק, אין לאַגער, האָט ער פריצלען דערמאָנט פאַר די קאַמעראַדן ביי אַ קופל ביר. אַ שטאָלצער גערמאַנער געווען דער יונגע, וואָס איז פאַרפרוירן געוואָרן ביים גאָט־פאַרדאַמטן טייך... קרייץ! דאָנער וועטער! דאָס וואָר איין פריץ! ווי עס פּאַסט פאַר אַן אייניקל פון אַלטן בראַנדט!

ברענדקע האָט אויפגעהויבן די אויגן, דערזען ווי עס לייכט זיך אין אַ פענצטער אויפן צווייטן שטאָק און ער האָט אַ צי געטאָן דאָס גלעקל. פון דער טיר.

נאָכדעם ווי וואָלפגאַנג ברענדקע האָט זיך איינגעקוואַרטירט

אין קליינעם טורעם־צימערל ביי דער אַלטער, איז מאַרגאָט ערדמאַן אַריינגעפאַלן אין אַ מרה־שחורה. אַנגעהויבן האָט עס זיך ביי איר, אייגנטלעך אַ סך פריער. טאַקע גלייך נאָכדעם ווי איר שוועסטערס זון, פריץ, איז געקומען פון פראַנט אויף אורלויב. ער האָט מיט־געבראַכט אַ לייכטער מיט זיבן רערן, וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט ביי זיינעם אַ קאַמעראַד אין „אָסטן". יענער האָט עס אַוועקגערויבט ביי אַ דייטשן יידן. דער לייכטער, אַ חנוכה־מנורה, געלער מעש, האָט געהאַט אויף זיך אויסגעקריצטע סימנים, העברעאישע אותיות: בית יעקב באור ה׳, וואָס דער האַקנקרייץ־זון האָט ניט געקאָנט לייענען. די אַלטע מאַרגאָט האָט ביי אים צוגענומען די מתנה און זי באַלד ערגעץ פאַרשטעקט, און מער ניט געוואָלט רעדן וועגן דעם. ווען פריץ האָט געפרעגט אויפן לייכטער האָט די אַלטע אָפּ־געזיפצט...

ווי נאָר די אַלטע האָט אַריינבאַקומען די מעשענע מתנה אין אירע הענט איז אין איר פאַרגעקומען אַן ענדערונג. די מנורה מיט די אויסגעקריצטע יידישע אותיות האָט איר דערמאָנט אַן '

ס'האָט לאַנג ניט גענומען און זי האָט זיך דערמאָנט, אַז זי האָט שוין ערגעץ געזען דעם לייכטער. — וואו איז עס געווען? — אַ, אין דער אַלטער סינאַגאָגע אויף פּאָפּוגייען שטראָסע, וואָס די פישמאַרק־יונגע מיט ברענדקען האָבן אונטערגעצונדן אין יענער דעצעמבער־נאַכט מיט אַכט יאָר צוריק. זי קאָן שווערן — האָט מאַרגאָט געזאָגט צו זיך אַליין — אַז דאָס איז דער לייכטער, וואָס איז אַמאָל געווען אין באַזיץ פון ראַבינער הערשל, אָדער עמדין, און טאַקע ער אַליין האָט אים געצונדן אין די יידישע ווינטערדיקע פייער־נעכט, וואָס פאַלן אויס אין דער זעלבער צייט. אָדער נאָענט צו די ווייַ־נאַכטן. אין זעלבן הויז וואו זי וואוינט האָט עס אַמאָל געלויכטן.

מאַרגאָט האָט זיך אויך דערמאָנט אין איר געוועזענער יידישע שכנטע, וואָס פלעגט איר טרייסטן אין איר אלמנה׳שאַפט.. יענע, פרומליין גליקכע האָט זי געהייסן, האָט איר עס דערציילט וועגן דער הויז און דעם פרומען וואונדער־מאַן, וואָס האָט דאָ מיט פיל, פיל יאָרן צוריק געוואוינט... מאַרגאָט האָט זיך אויך דערמאָנט אין די אַנדערע אַלטונער יידן, וואָס אַזעלכע ווי מאָרדקע און

ברענדקע האָבן אַריינגעפּאַקט אין די וואַגאָנען און אַוועקגעשיקט ערגעץ... די דערמאָנונגען האָבן ביי איר געטריבט דעם שלאָף. שפּעטער, ווען עס זיינען געקומען די באָמבאַרדעס און פון די הימלען האָט געדרענגט מיט פייער האָט זי אַביסל פאַרגעסן אין די יידן און אין דער מנורה. נאָר זינט ברענדקע האָט זיך באַזעצט אין איר דאַך־שטיבל, האָט שוין די אַלטע ניט געקאָנט צומאַכן קיין אויג אין די נעכט. פאַר אירע אויגן האָבן שוין כסדר געשוועבט די אַרויסגעשיקטע יידן.

מאַרגאָט ערדמאַן האָט זיי נאָך געדענקט, די יידן פון אירע מיידלשע יאָרן ווען זי האָט נאָך געהייסן בראַנדט און די יידן פלעגן אַריינקומען אין איר פּאַטערס וויין־קעלער; געדענקט ווי זי האָט זיי באַדינט, זיי דערלאַנגט גלעזער און פלעשער וויין.

— זאָפאָרט, הער לעהמאַן! — איין מאָמענט! הער האָלענדער, פון וועלכן וויין געבן, הער וואָרבורג?

אין אירע יונגע יאָרן איז זי געוואוינט געווען צו גלויבן, ווי אַ פּיל האַמבורגער, אַז עס עקזיסטירן בלויז רייכע יידן אויף דער וועלט. שפּעטער האָט זי שוין געזען אָרעמע יידן, וואָס זיינען געלאָפן פון די צאַרישע פּאָגראָמען אויף יענער זייט ים....

ווען די יידן זיינען פאַרשיקט געוואָרן איז ביי דער אַלטער אין די צימערן געוואָרן שטיל. אונטן האָט דאָס געשעפט געפירט ריכאַרד, און זי האָט איצט צייט געהאַט צו גיין אויף לאַנגע שפּאַצירן אַזש ביז דעם יידישן פרידהאָף אויף קעניג שטראַסע, ביי דערע אַלטער שאָמבאָרגער שטראַסע. פון אָנהויב אָן האָט איר געוואונדערט, פאַרוואָס די נאַציס האָבן געלאָזן גאַנץ דעם יידישן טויטן־פעלד. זאָל עס זיין ווייל דאָס רו־פּלאַץ גרענעצט זיך מיט דעם גראַב־פעלד פון „הייליקן גייסט־פעלד״?

אַז די אַלטע איז פאַרבייגעגאַנגען דעם אַלטן בית עולם און האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים אייזערנעם פּאַרקן קוקן אויף די אַלטע הונדערט־יאָריקע ביימער, האָט זיך איר שפּעטער, אין די נעכט, געדאַכט, אַז זי הערט קולות, דינע יאָמער־געשרייען פון צווישן די ביימער. זי פלעגט אַראָפּגיין פון בעט, אַרויסנעמען דעם הייליקן לוטער־פּסאַלם און וועלן פאַריאָגן דעם דינעם געוויין אין אירע אויערן מיט לאַנגער פּסוקים־מורמלעריי. דערביי האָט זי געטראַכט:

ווער ווייסט? אפשר זיינען אויפגעשטאַנען פון זייערע קברים די פאָטערס, די אור־פאָטערס פון די פאַרשיקטע יידן און זיי באַקלאָגן זייערע קינדער! זי האָט זיך דערמאָנט אין די ווערטער פון הייליקן בוך: „אַ שטים הערט זיך אויפן היגל, דאָס וויינט די מוטער רחל אויף אירע קינדער... קען זיך ניט טרייסטן, ווייל זיי זיינען מער ניטאָ...״

איצט איז די אַלטע מאַרגאָט געלעגן אין איר הימל־בעט, אַרומגערינגלט פון אַ שרעקעוודיקער לבנה־ליכטיקייט, וואָס איז אַריינגערונען דורך די שפּאַרונעס פון די דיקע לאָדנס, און בשום אופן ניט געקאָנט איינשלאָפן. און איז זי שוין יאָ אַריינגעפאַלן אין האַלב־דרימל, האָט זיך איר געדאַכט, אַז אַ ווייסע געשטאַלט פלאַ־טערט אין איר צימער. זי האָט איבערגעפירט דעם צייכן פון קרייץ אויף איר ברוסט און געשעפּטשעט אַ געבעט: אָ, יעזוס זיסער, פאָטער, הייליקער גייסט, פאַרגיב אונדז די שווערע זינד...

נאָר אין דער צווייטער נאַכט האָט זיך עס איבערגע׳חזר׳ט, די אַלטע איז געלעגן און געזען די ווייסע יידישע מצבות אַזוי קלאָר ווי אין אַ זוניקן טאָג. זי האָט געוואוסט, אַז ס׳איז נאָך צוועלף באַ־נאַכט, דער הימל איז פינצטער און אָן איין שטערן, און דער אַלטער פּאַרק מיט די ביימער איז איין גרויסע שטיק שוואַרצקייט. איז פאַרוואָס זעט זי אַלץ קלאָר? זי האָט איינגעדרימלט און אין חלום געהערט ווי אַן אַלטע שטים קרייצט זיך מיט דער בייזער סקריפּנ־דיקער שטים פון וואָלפגאַנג ברענדקען:

— ווער קלאַפּט עס אין מיטן נאַכט? אַזאַ פרעכהייט!

— איך, יאַקאָב הערשל!

— ווי קומסטו אַהער, יודנמיץ?

— סאיז מיין הויז, מיין פאַרמעגן!

— דיין הויז איז פאַרברענט געוואָרן אין די באָמבאַרדעס. דו אליין ביזט דאָך פאַרברענט געוואָרן אין אוישוויץ!

— מיין הויז איז פון פייער. עס קאָן ניט ברענען!

— אַוועק פרעכער יודע! איך שיק דיך אין גאַז־קאַמער!

— דו און דיינע לייטע וועלן באַלד פאַרצערט ווערן. עס איז דיין משפּט! כ׳שיק אַ פייער וואָס די עלבע־וואַסערן וועלן ניט קענען אָפּלעשן!

ביז אינדערפרי איז די אַלטע געלעגן און געציטערט. גאַנצפרי ווען אַ פּאַרוויינטער באַגינען האָט אַריינגעגרויט אין די פענצטער, האָט זי זיך אויפגעהויבן און איז אַוועק צום נייעם יונגן פּאַסטאָר אין דער קירך פון „הייליקן גייסט". ווען זי איז צוריקגעקומען איז זי אַרויף צו ברענדקען אין דאַך־שטיבל און בייז געוואָרטשעט אין אַ קול, וואָס ער האָט קוים געהערט:

הער מיך צו, וואָלפגאַנג ברענדקע! דער וואָס פאַרגיסט מענטשלעך בלוט וועט זיין בלוט פאַרגאָסן ווערן. ווען די מענער קימערן זיך ניט, זוכט גאָט זיינע באַדינער צווישן ווייבער־פאָלק, און אַז דער מענש שווייגט, זאָגט דער פּראָפעט זכריה, און אפשר איז עס חבקוק, וועט אַ שטיין שרייען פון דער וואַנט. אין אַלטונא, אין האַמבורג זיינען דאָ צענדליקער, וואָס האָבן געמאָרדעט אומשולדיקע מענטשן...

— אַך, ווי זאָ? קוואַטש! — האָט וואָלפגאַנג אָנגעשטעלט אויף דער אַלטער זיינע אָנגעטרונקענע אויגן — ס'איז דאָך געווען באַפעל!

אַלטונאַ 1963

האַמבורג איז צוריק אויפגעשטעלט. דער „ווירטשאַפטס־וואונדער" האָט דאָ באַוויזן וואונדערס. אויף די גאַסן נייע געביידעס וואָס וואַקסן ווי שוואָמען נייע בלאָקן הייזער. אויף די ברייטע אַלעען און אין די שמאָלע גאַסן — אויטאָמאָבילן, פאָלקס־וואַגנס, מערסידערס. די מענער גייען נעט געקליידט; די פרויען אין פוטערס, זיינען באַהאָנגען מיט פּערל און בריליאַנטן. אויף די פינגער בליצן אַראָפּ דימענטן, איידלשטיינער. אין די אויסשטעל־פענצטער פון די געשעפטן — מאַרציפּאַנעס, פלעשער קאָניאַק, ליקער, גאָלדענע שיך, פּאָטאָ־אַפּאַראַטן, טעלעוויזיעס. ס'איז גאָר־ניט קאָנטיק, אַז די דאָזיקע שטאָט איז ניט לאַנג צוריק נאָך געלעגן חורבות. פאַרדינען! געלט מאַכן! רייך ווערן! — איז געווען דער באַגער יעדן בירגער. יעדער איינער האָט זיך געריסן צו געלט און פאַרמעגן.

ריכאַרד און אילזאַ וואָוכערפענעיג האָבן די לעצטע פּאָר יאָר באַוויזן אָפּשפּאָרן געַנוג געלט אין דער „דרעזדענער באַנק", גענוג אויף צו בויען אַ פּינף־שטאָקיקן האָטעל אין דער געגנט פון קעניג שטראַסע, וואָס זיי וועלן רופן „שטאַט אַלטונאַ". זיי האָבן זיך גע־קליבן אַריבערציען אין אַ נייער געגנט, ניט ווייט פון האַמבורגער לופט־פעלד. אין צווישן איז די אַלטע מאַרגאָט געשטאָרבן. נאָר דווקא נאָך איר טויט האָט ריכאַרד זיך דערטראַכט, אַז ער וועט דאָס אַלטע הויז דאָך לאָזן שטיין. ווען די פּאַרלאָזענע וואוינונג וואו מאַרגאָט ערדמאַן האָט געוואוינט, איז שוין געווען ליידיק האָבן זיך די נייע באַלעבאַטים, די וואָכערפענעיגס, אַרומגעזען, אַז אין די צימערן פון צווייטן שטאָק הערשט אַ אומהיימלעכע שטילקייט און זיי האָבן עפּעס ווי דערפילט, אַז מען טאָר די געהיימע שטיל־קייט ניט שטערן. צוריקגייענדיק פון דער אַלטערס לוויה האָט זיך אויך אילזא דערמאָנט אין מאַרגאָט'ס אָנזאָג: אום גאָטעס ווילן ניט אַרויסהענגען קיין ווייסע לינען אין די ווייַנאַכטן. זי האָט שמייכלענדיק געטראַכט, אַז סיי ווי וועלן זיי שוין אין דער אַלטער געביידע לאַנג ניט וואוינען...

נאָר ברענדקע, וואָס איז געבליבן וואוינען אין אויבערשטיבל, האָט זיך דאָ אַרומגעדרייט ווי אַן איבעריקער און פאַרזאָרגטער. אים איז נמאס געוואָרן דאָס דאַך־שטיבל. אָט־דאָס צימערל מיטן איינציקן פענצטער, וואָס האָט געקוקט צום הימל איז אים מיט־אַמאָל פרעמד געוואָרן. עס איז דאָ געווען מאָדנע שטיל, ווי עס וואָלט אַריינגעטאָטעמט דער אַלטערס גסיסה און וויל אים, ברענדקען, דערווערגן...

עטלעכע מאָל האָט ברענדקע געפּרוּווט רעדן צו ריכאַרדן און אים דערמאָנט, אַז ס'איז צייט איינצולייגן די אַלטע געביידע און ווי נאָר ער וועט גרייט זיין וועט ער, וואָלפגאַנג, זיך אַרויסציען פון דער אויבער־קאַמער. אָבער ריכאַרד האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי איינער זאָגט: מען דאַרף ניט! לאָז מיך געמאַך!

אין איינער אַ שפּעט־פרילינגדיקער נאַכט האָט זיך ברענדקע אומרואיק געוואָרפן אויפן געלעגער. דער הייזעריקער וואַנט־זייגער, וואָס איז דאָ געהאַנגען פון ווער ווייסט זינט ווען, האָט מיט זיינע אויסגעכריפּעטע שעה'ן געפּערטלט די נאַכט. אַז ער איז איינגע־

שלאָפן האָט זיך אים געחלומט: ער איז אַריין צווישן די געדיכטע שטאָם־ביימער פון יידישן פרידהאָף. ער איז דאָרטן געבליבן זיצן ביים פּאַרקן. אַ שאָטן פון אונטער איין גראָבשטיין האָט זיך איבער אים באַוועגט און ווי אַ מעכטיקער פינגער וואָלט אָנגעוויזן אויף אים. ער האָט געוואָלט אַנטלויפן פונעם פינגער און ניט געקענט. באַלד האָט ער געהערט אַ געררודער, ווי זאַמד זאָל זיך דאָ דערביי שיטן... ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און שוין ניט געקענט שלאָפן. פּאַרטאָג איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ פיבערדיקן דרימל און ער האָט זיך דערזען אין גרויסן מויער פון קאָנצענטראַציע־לאַגער, וואָס איז געווען פול מיט דערשטיקטע פון גאַז יידישע מענער און פרויען. אין דער נאָז האָט געעקבערט אַ ריח פון ציקלאָן־גאַז. ער האָט געזוכט די אַרויסגאַנג־טיר, אָבער וואָס ווייטער ער איז געגאַנגען, אַלץ שמעלער איז געוואָרן דער מויער. ביזוואַנען ער האָט זיך קוים דורכגעשטופּט צווישן די דערשטיקטע קערפּערס און געפילט אין זיין קערפּער דעם שטיקנדיקן גאַז. ער האָט פּאַרבלאָנדזשעט, ניט געקענט געפינען. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָ וועט ער שוין מוזן בלייבן אויף אייביק. זיין אייגענער געשריי האָט אים אויפ־געוועקט פון שלאָף און אים באַפרייט פון גרויזאַמען קאָשמאַר.

עטלעכע שעה האָט ברענדקע געשפּאַנט איבער דער טומלדיקער גאַס, געקוקט אויפן געלויף פון די איילנדיקע אויטאָמאָבילן און שטאַרק הנאה געהאַט וואָס דער נעכטיקער חלום איז נאָר געווען אַ חלום, נאָר ווי ער האָט זיך אַריינגעדרייט אין דער ברייטער שטראָסע, ביים עק פון דרייער שטאָסע, האָט ער פונדערווייטס באַמערקט אַ באַקאַנט פּנים: יוליוס האָלענדער, דער ייד, דער טאַבאַק־הענדלער!

— אין טייוולס נאָמען! — האָט ער אויסגערופן — זאָל עס טאַקע זיין ע ר, ס'איז דאָך אוממעגלעך! ער איז דאָך פּאַרשיקט געוואָרן מיטן גאַנצן „יודן־געזינדל" אַהין פונוואַנען מען קערט זיך ניט צוריק אַ לעבעדיקער... אין האַרץ האָט זיך ביי אים עפּעס אָפּגעריסן: איז עס ווירקלעך אָדער האַלוצינאַציע? און ווי נאָר ער האָט זיך געוואָלט דערנעענטערן צו יענעם, זיך גוט איינקוקן אין אים, איז יענער ווי דורך אַ כישוף שפּורלאָז פּאַרשוואונדן.

ברענדקע איז אַריין אין „ווייסן שוואַן" און זיך ניט גע־

וואונדערט וואָס אילזאַ און ריכאַרד זיינען דאָ ניט געווען. ער האָט געוואוסט, אַז די וואוכערפעניגס וועלן זיך באַלד אַרויסציען, פאַרמאַכן די ביר־האַלע און איבערלאָזן דאָס גאַנצע הויז אים, ברענדקען.

— און וואָס וועט ער טאָן מיטן הויז? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט אין געדאַנק — און באַלד זיך דערמאָנט אין זיין פריערדיקער באַגעגעניש מיט האַלענדערן. איצט האָט ער שוין געוואויגן אין געדאַנק, צי זאָל ער פרעגן ריכאַרדן, אילזאַ'ן: האָבן זיי צומאָל ניט געזען דעם יידן פון „יענער וועלט"? אָדער בעסער גאָר ניט דערמאָנען די מאָדנע טרעפעניש. ס'קאָן דאָך זיין, אַז עס איז בלויז האַלוצינאַציע, ריינע פאַנטאַזיע...

ברענדקע האָט זיך אַליין אָנגעגאָסן אַ גלאָז בייעריש ביר. עס אַ ווילע געטרייסלט אויף דער האַנט־פלאַך און מיט דעם באַוויזן דער קעלנערין, וואָס איז געזעסן הינטער דעם טיש, אַז ער דאַרף ניט מען זאָל אים באַדינען. אויסגעליידיקט די גלאָז אין דער קעלאַריין האָט ער זיך געשטעלט פאַרן שפיגל, וואו אילזאַ שטייט יעדן פרימאָרגן און אָנגעהויבן אונטערברומען מיט אַ נידעריקן ביר־באַס דאָס אַלטע „האָרסט־וועסל"־ליד. — ניין! — האָט ער זיך געכאַפּט

— דאָס טאָר מען איצט ניט זינגען! — בעסער זינגען דויטשלאַנד, דויטשלאַנד איבער אַלעס, פון דער מאַאוס ביזן מעמעל" — אָ, ס'רעדט זיך אַזוי! אַז סך־הכל קען ער זיך אפילו ניט אַריינכאַפּן קיין זאַקסן (אָ, דער זאַקסנוואַלד!) קיין בלאַנקענבורג אין די אַרץ־געבירגע. דאָרט הערשן דאָך דיזע „יודן באָלשעוויקעס!" ס'איז אים נאָר אַ שאַד וואָס זאַקסן, וואָס טיורינגען ליגן „דאָרטן"... ער האָט דאָך שטענדיק געטרוימט באַזיצן אַ זומער־ווילע אין טירינגער וואַלד צווישן געדיכטע נאַדל־ביימער... — „דויטשלאַנד, דויטשלאַנד" — האָט ער אונטערגעברומט. — —

און דאָך — האָט ער זיך געטרייסט — ס'מאַכט ניט! — דאָס פאָטערלאַנד איז ווידער זאַט און רייך און דאָס וואָס מיר האָבן פאַרשפּילט דעם קריג איז גאָר געווען צום גוטן. דיזע לויטע אין וואַשינגטאָן פאַרשטייען גוט, אַז קעגן די גאָט־פאַרדאַמטע קאָמוניסטן דאַרפן זיי האָבן אַ מעכטיקע דויטשלאַנד! אויף דיזן „אַלטע", אויף קאַנצלער אַדענאַוער'ן, קען מען זיך פאַרלאָזן און דער ווירטשאַפטס־מיניסטער ערהאַרד איז אויך אַ כיטרער קערל...

הינטער דער טיר האָט זיך דערהערט אַ לאַכנדיקע שטים. באַלד האָט זיך די טיר געעפנט. דער ערשטער איז אַריין ריכאַרד און נאָך אים אילזאַ, וואָס האָט הילכיק, מיט אַ פולער ברוסט, געלאַכט. אַזוי לאַכן גליקלעכע מענטשן ווען עס פעלט גאָרניט...

ריכאַרד איז צוגעגאַנגען צו דער קאַסע און אַרויסגענומען אַ געשטעמפּלטן רעגירונגס־קאָנווערטל. ער איז צוגעגאַנגען צו ברענדקען און אים געגעבן דעם קאָנווערטל.

ברענדקע האָט געעפנט, איבערגעלייענט און אָנגעהויבן שפּאַנען איבערן שענק. אָבער די טריט זיינען ביי אים ניט געווען זיכער, ווי ער וואָלט די אייגענע פיס ביי עמיצן געליען. ס'איז געווען אַן אויפפאָדערונג פונעם האַמבורגער געריכט, נומער 1003 : הער וואָלפגאַנג ברענדקע ווערט אויפגעפאָדערט זיך צו־שטעלן אין דער קרימינעלער ביוראָ און ענטפערן אויף דריי אָנ־שטעלן אין דער קרימינעלער ביור און ענטפערן אויף דריי אָנ־קלאַגעס אין פאַרברעכנס וואָס ער איז באַגאַנגען אין אָסט פוילן, אין לאַגער ב... דערביי ווערט געמאָלדן, אַז ער האָט ס'רעכט קומען מיט אַן אַדוואָקאַט..

אילזאַ איז אים אַנטקעגנגעקומען מיט אַ קופל גאָלדיק־שוימיקן ביר. זי האָט באַמערקט אַז זיין פּנים איז פאַרשאָטנט און שמייכלענדיק געפרעגט :

— וואָס איזט לאָז, מיין שאַץ ?

— ווי געפעלט דיר ? אַן אויפפאָדערונג פון געריכט ! — האָט ברענדקע אויסגעשטרעקט דאָס גרויע קאָנווערטל, און אַ וויג געטאָן מיט די שוואַכע פיס, — אַן אויפפאָדערונג ! אַ פאַרברעכן !

פון זיינע אָפּגעריסענע רייד איז קאָנטיק געווען אַז ער ווערט באַלד אַזש פּלאַצן פון פאַרדרוס און ווייטיק.

— וואָלפגאַנג, ביזט ווירקלעך שולדיק ? — איז ריכאַרד אויסגעוואָקסן לעבן אים, און ברענדקע האָט דערשפּירט, אַז יענער חוזקט...

— שולדיק אין וואָס ? — האָט ברענדקע שווער געאָטעמט און אויסגעשטרעקט די פינגער צום קופל ביר.

— נו, ווי זאָגט מען עס ? נו, אין מאָרדן יידן אין לאַגער...

ברענדקע האָט געשריגן מיט אַ בייזער, סקריפּנדיקער שטים :

— מענטש איינער ! ס'איז דאָך געווען באַפעל ! מאַכן אַן עק

צום באַלשעוויסטישן יודן־געזינדל. איבעריקנס, קיינער גייט דאָך ניט אין טייוולס קיך פון אייגענעם ווילן. ס'איז דאָך געווען באַפעל, העכערער באַפעל! ניכט וואַר?

— לייקן, לייקן אַלץ, וואָלפגאַנג — האָט זיך אילזאַ אַריינגעמישט, — אין פאַל דו ביסט זיך מודה ביסטו פאַרלאָרן, קאַפוט!

ברענדקע האָט שוין מער ניט געהאַט וואָס צו זאָגן. ער איז אַרויס אין גאַס און דערפילט אַז ער איז אינגאַנצן פוסט און אויסגעברענט. זיין פנים איז געווען גראָ, ווי דער גאַנצער שטויב פון די האַמבורגער גאַסן וואָלט זיך אויף אים באַזעצט.

ברענדקעס איינציקע האָפנונג און רעטונג איז געווען דער בירגערמייסטער. ער איז דעריבער אַוועק אין ראַטהויז. ער האָט געוואוסט אויף אויסוויינינק אַלע טירן און צימערן פון גרויסן צעפלאָנטערטן ראַטהויז און איז גלייך אַריינגעקומען אין וואַרט צימער פון דעם בירגערמייסטער איגנאַץ גאָלדענבאַך, מיט וועמען ער, ברענדקע, האָט זיך געהאַט באַגעגענט ערגעץ אויפן פראָנט.

אַ גרויסער טיש מיט גרינעם געוואַנט פאַרצויגן, אַ שוואַרץ־בלאַנקענדיקער טעלעפאָן־אַפּאַראַט און פון העל בלויען סופיט ביז דעם ברוינעם דיל האָבן זיך געצויגן פאַרביקע, אויסגעהעפטע טעפּיכער. ברענדקע האָט פאַרשטאַנען אַז הויך ריידן טאָר מען ניט אין בירגערמייסטערס קאַבינעט און אפשר וועלן די דיקע טעפּיכער איינשלינגען די קלאַנגען.

פון זיין לעדערנעם ברייטן שטול האָט זיך גאָלדבאַך אויפגעהויבן און אים באַגריסט. ער האָט געהאַט אַ שטאַרקע און טיפע שטים וועלכע האָט געקלונגען שאַרף און האָט פאַרראַטן זיין פרייסישן אָפּשטאַם. ער איז געבוירן געוואָרן ערגעץ לעבן קעניגסבערג.. גאָלדבאַך האָט אים אָנגעוויזן אויף אַ ווייכן שטול און אים דערלאַנגט אַ פּאַפּיראָס. נאָך אַ מינוט ריידן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי זיינען טאַקע אין 1941 ביידע געווען אין איין בריגאַדע אויפן רוסישן פראָנט.

— אַ פיינער פּאַראַדיז, אַן אויסגעצייכנטע שולע געווען, — האָבן גאָלדבאַכס אייגעלעך שטיפעריש געוואונקען.

נאָר ווי ברענדקע האָט אים באַוויזן דאָס געריכט־פּאַפּירל איז

דער שמייכל גלייך פאַרשוואונדן פון גאָלדבאַכס פעטער צורה. ער האָט זיך אויפגעהויבן און האָט אָנגעהויבן אַרומשפּאַנען איבערן ווייכן טעפּיך.

— אַזוי, זיינען מיר, הייסט עס, געוועזן אינאיינעם אויפן פּראָנט, זיך גוט געשלאָגן. גוט. זייער גוט. נאָר העלפן קען איך דיר מיט גאָרניט. ס׳איז, פאַרשטייסטו מיך, אַן אַנדער צייט, און וויכטיק איז מיר זאָלן באַווייזן אונדזערע פאַרבינדעטע, אַז דער נעכטן איז פאַרשוואונדן.

גאָלדבאַך האָט זיך ווידער אַריינגעזעצט אין זיין לעדערנער שטול מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און די אויגן אריינגעטאָן אין די פּאַפּירן פאַר אים, ווי ער וואָלט געוואָלט באַווייזן אז ס׳איז אים ניט גרינג צו קוקן אויף זיין געוועזענעם שלאַכטפראָנט־קאַמעראַד. ער האָט אָבער באַלד אויפגעהויבן די אויגן און ווי ער וואָלט זיך אַן עפּעס דערמאָנט צוגעגעבן:

— מיין ראַט: ווענד זיך צו אַ געניטן אַדוואָקאַט, ניט פון די יונגע, נאָר אַן עלטערן, אַ געניטן, פון יענע וואָס האָבן נאָך געדינט... פאַרשטייסט דאָך אַליין וואָס איך מיין. און אויב וועסט געפינען — שפּאַן אַריין גלייך צו מיר...

ביי ברענדקען האָט זיך דער האַלדז אויסגעצויגן פון כעס:

— דו היפּאָקריט, דו יודאַש, ביוראָקראַט! ביזט דאָך ניט ווייניקער שולדיק פון מיר, מיר זיינען דאָך ביידע — —

ס׳האָט זיך אים איצט געגלוסט אָננעמען גאָלדבאַכן ביי די פּלייצעס און אים געבן אַזאַ טרייסל! נאָר ער האָט געשוויגן, פאַר־שטאַנען אַז מאַכן אַ סצענע וועט גאָרניט העלפן.

ער איז אַראָפּ אין ראַטסקעלער, געוואָלט אָפּלעשן זיין ברענענ־דיקן צאָרן מיט אַ קאַלט גלאָז ביר. די משקה האָט ניט געהאָלפן. ס׳האָט אין אים געקאָכט און געזאָטן אַ שיכורדיקע טעווטאָנישע היץ. זיינע הויכע פיס האָבן אונטערגעשפּרונגען ווי ביי אַ וואָלף.

— ווי איז עס גאָר מעגלעך? — האָט ער גערעדט צו זיך — ווי איז עס מעגלעך, מען זאָל אים, דעם ס.ס. שטורם באַן־פירער, וואָלפגאַנג ברענדקען, משפּט׳ן אַלס פאַרברעכער? ס׳איז אַבסורד! ס׳איז אַ שפּאַס! דאָס איז דאָך אַ יידיש קאָפּ־שפּיצל. ס׳קאָן ניט זיין, דאָנערוועטער!

ער האָט זיך דערמאָנט ווי אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, האָט ער דורך די געטאָ־דראָטן געצילט אויף די דורכלויפנדיקע יידן... זיי האָבן אויסגעזען ווי שוואַרצע, לויפנדיקע האָזן... און איצט? אך! סיידן זיי זיינען פּאַרריקט, דום־קעפּ! צום ערשטן האָבן זיי געזאָגט: טוט וואָס איר ווילט מיט דיזן אָפּפאַל, און ער ווי אַ געהאָרכזאַמער זעלנער האָט געפאָלגט! — ער האָט ווידער גענומען דאָס פּאַפּירל אין די הענט און זיך איינגעגעסן מיט די אויגן אין שפּיציק־גאָטישן שריפט און געהאַלטן אין איין טענה׳ן:

— ס׳איז פּאָליטיק! אַזאַ פּאָליטיק, וואָס זיין מאַרך קאָן ניט באַנעמען! דאָס וואָס זיי צאָלן דאָרט די איזראַעליטן מאַרקן, — דאָ קאָן ער נאָך פאַרשטיין. דאָס איז געשעפט. מען זאָגט, עס הייבט דעם פּרעסטיזש פון פאָטערלאַנד. אָבער איינאָרדענען געריכטן, אָנקלאָגן אים, אַ קריגס־ווערטעראַן, דערצו נאָך אַזאַ געהאָרכזאַמען און פאַרדינסטפולן זון פון היימלאַנד! אָ, דיזע לויטע מוזן זיין פאַררעטער.

ווען ער איז אַרויס פון ראַטסקעלער האָט ברענדקע געטראַכט, אַז דאָס בעסטע וועט זיין אַוועק צו זיך אין דאַך־שטיבל, זיך אַוועקוואַלגערן אויפן בעטל און אַזוי אָפּליגן גאַנצע טעג און נעכט.

נאָר לאַנג ליגן פאַרשטעקט אין זיין דאַך־שטיבל האָט ער שוין ניט געקאָנט. ער האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַראָפּ אויפן צווייטן שטאָק, געזען ווי אויף די ווענט האָט זיך שוין אָנגעקליבן שטויב און שפּינוועבס. אַ פּאַרדרוס האָט אים געעקבערט אויף די וואוכערפּעניגס, וואָס האָבן מיטאַמאָל אָנגעהויבן פראַווען פּאַמי־ליאַרע שטיק, זיינען טריי דעם אָנזאָג פון דער אַלער ,די פּאַרריקטע מאַרגאָט: ניט אָנרירן די אַלטע געביידע מיט די הוידנדיקע היל־צערנע טרעפּ און צעפוילטע דילן.

ברענדקע האָט צוגעלייגט די האַנט צו דער מזרח־וואַנט און זי באַלד צוריקגעכאַפּט:

— ס׳איז אַ געשפּענסט! — ער האָט זיך דערמאָנט, אַז די אַלטע האָט פאַרן טויט איבערגעחזרט די געשיכטע פון הויז, וואָס איז אַמאָל, ווער ווייסט מיט וויפיל יאָרן צוריק, געבויט געוואָרן פון אַ יידן, איז אַמאָל באַוואוינט געוואָרן פון יידן. ס׳איז וואָר! ער האָט דאָך אַליין אַרונטערגעריסן אַ שילדל. מעגלעך אַז דאָס הויז

איז טאַקע פאַרשאָלטן פונעם ראַבינער. ער האָט אויך געהערט, אַז דער פאַרצייטיקער ראַבינער האָט דאָ געהאַט אַ דרוקעריי, געדרוקט געבעט־ביכער, וואָס רופן דעם צאָרנדיקן העברעער גאָט יהוה צו פאַרצערן מיט פייער און פלאַם די גערמאַנער. די אַלטע — דערמאָנט ער זיך — האָט דערציילט, אַז איר שוויגער־פאָטער יאָאַכים האַטשע האָט נאָך געזען העברעאישע בוכשטאַבן אויף די ווענט, איינגעגעסענע, איינגעקריצטע אין בלאָאען טינק, אָט־דאָס הויז האָט אים, ברענדקען, שטענדיק געשראָקן, ווי דאָ וואָלטן געווען באַהאַלטן געשפענסטער, ווי עס וואָלט דאָ געוואוינט דער יידישער ראַכע־גאָט.

— דער יידישער ראַכע־גאָט? — האָט ער זיך פאַרטראַכט און זיינע רויטע אויגן, ווי אָנגעגאָסענע מיט בלוט און ביר, זיינען געפאַלן איף די רונדע פליאַמעס, וואָס אויף די ווענט, ווי שרעק־צייכנס. אַ גרימצאָרן האָט געריזלט אין זיין האַרצן. ער האָט באַ־שלאָסן, אַז ער אַליין מוז ראַכע נעמען, אַוועקלאָזן מיט פייער און פלאַם דאָס שטיק יידישע איבערבלייבעכץ פון יערוזאַלעם...

— יערוזאַלעם! כאַ־כאַ־כאַ — האָט ער געקייכט, — וואָס פאַלט אים איין גאָר יערוזאַלעם, דאָ ביי דער עלבע? כאַ־כאַ, ניין, דאָס איז אַלטונאַ, און דאָס איז דאָס לעצטע הויז אין אַלטונאַ! דאָס לעצטע הויז וואָס איז פאַרבליבן פונעם גאַנצן יודן־געזינדל. זאָל עס ברענען, ברענען, — האָט ער געקייכט און געזאָטן און איז גע־לאָפן פון די טרעפּ.

ס'איז שוין געווען פאַרנאַכט ווען דער לאַסט־אויטאָ מיט די אָנגעלאָדענע שטוב־זאַכן פון די וואוכערפעניגס איז אָפּגעפאָרן מיט אַ טרוקענעם גערויש פון הויף. אים האָט באַגלייט דער אַלטער הונט וואַלדעק. ער איז נאָכגעלאָפן פויל און קאַנטיק, נאָר צוליב יוצא זוועגן ביזן ערשטן ראָג. דאָרטן געבליבן שטיין, אַ ווילע געקוקט מיט אומעטיקע אויגן אויפן אָפּלויפנדיקן אויטאָ. דערנאָך זיך אויסגעדרייט און איז אַוועק צוריק צום הויף הינטערן הויז.

דער הונט האָט קאַנטיק שווער געטראַכט. ער האָט פאַר־זאָרגט געדרייט מיט דעם אויסגעקראַכענעם עק און אַלץ זיך ניט געקענט באַשליסן. פון איין זייט האָבן דאָס הויז פאַרלאָזט

די לעצטע צוויי באַלעבאַטים, בלויז איינער איז געבליבן. וועט אים דער לעצטער איינוואוינער, וואָס האָט זיך פאַרקליבן אין דאַך־שטיבל, אויך אינזינען האָבן מיט צוואַרפן אַ פעטן ביין, מיט שיריים פון אַ סעודה?

ווער ווייסט, וואָס אַן איינזאַמער הונט טראַכט אין אַ קילן זומער פאַרנאַכט? מעגלעך, אַז ער האָט געפונען אַ מאָראַלישע באַ־רעכטיקונג פאַר זיין צוריקקערן זיך. — „איך בין דאָ אויפן הויף געבאָרן געוואָרן, דאָ געוואַקסן אונטער דער אַלטער מאַרגאַטס אויפזיכט. בין איך באַרופן דאָ צו בלייבן". ווער קאָן וויסן?

אַרום צען אַפדערנאַכט האָט וואַלדעק דערהערט טריט. ער האָט זיך אומגעקוקט און געזען ווי ברענדקע דרייט זיך דאָ אַרום צווישן די אַלטע ביימער. דער כלב האָט געזען ווי ער, ברענדקע, וויקלט פאַנאַנדער אַ קליינעם פּאַק, נעמט אַרויס אַ קענדל און באַגיסט פאַרזיכטיק די הינטערשטע טיר, הויך ביזן בײשטידל. ער האָט געוואָלט בילן נאָר האָט זיך געפוילט, האָט ער אַפּאַטיש באַ־שמעקט ברענדקעס פיס, געגעבן אַ מידן דריי מיטן עק און זיך איבערצייגט, אַז מיט עסן שמעקט דאָ ניט, איז ער אַוועקגעלאָפן צווישן די ביימער.

די נאַכט איז געווען וואַלקנדיק און דאָס שיטערע לאָמפּן־ליכט, וואָס האָט באַלויכטן די אַנטקעגנדיקע נייע אויפגעשטיגענע געביידעס מיט די געקעסטלטע שטאָקן פון שטיין און גראַניט־געפלעכט, האָט אַהער ניט דערגרייכט. באַלד זיינען די וואָלקנס גע־וואָרן געדיכטער. אַרום צוועלף אַזייגער האָט אָנגעהויבן גיסן. די טראָפּנס זיינען געפאַלן מיט שוואַכע קלאַנגען אויפן הויז, כמעט ניט באַרירט די ווענט.

ביז פיר פאַרטאָג איז ברענדקע געלעגן אַ וואַכער אויף זיין בעטל. ער איז אויפגעשטאַנען, איז אַראָפּגעגאַנגען, זיך אַרומגע־דרייט אַרום דער שטוב, אַרומגעטאַפּט פון דרויסן די ווענט, די פענצטער. אַ פאָר מאָל געעפנט און פאַרמאַכט די טיר, ווי ער וואָלט זיך דערמיט געוואָלט באַווייזן, אַז דאָס הויז איז ווירקלעך אַלט און שוואַך. ס׳איז אַ חורבה און טויג אויף פייער. ער האָט זיך אומגעקוקט. עפּעס געזוכט מיט די אויגן און זיך באַלד דער־

מאַנט: דאָרט צווישן די ביימער האָט ער נעכטן פאַרשטעקט דאָס קענדל...׳

ער איז צוגעלאָפן צום בוים, גענומען דאָס קענדל און אַרויס־געשלעפּט אַ שטיק צעריסענעם טוך פון אַ קעשענע, אַ שוועבעלע פון זיין העמד־קעשענע. ער האָט איינגעטונקען די שמאַטע אין בענזין און איז צוגעלאָפן צו דער טיר און אויסגעגאָסן דאָס גאַנצע קענדל אויף איר. ער איז נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען און אָפּגעמאָסטן די הויך פון דער שיר, נאָכדעם אָנגעריבן אין דער שוועל דאָס שוועבעלע, אָנגעצונדן די שמאַטע, וואָס האָט אויף אַ רגע באַלויכט די טיר.

מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט ער אַ וואָרף געטאָן דאָס שטיקל ברענענדיקס אויף דער טיר און ווען ער האָט זיי צוריק געעפענט האָט ער שוין געזען ווי אַ בלוילעך שטיק פייער שפּאַרט פון דער טיר, שפּרייט זיך העכער, ברייטער. באַלד האָבן פלאַמען אָנגעהויבן שפּאַרן אַרויף— אַראָפּ, אים געשלאָגן אין פּנים. ער איז נאָך געשטאַנען ביי דער טיר ווי ער וואָלט געוואָלט, אַז דאָס ברען־פייער זאָל אים קילן. ער איז אָבער אָפּגעשפּרונגען אויף צוריק ווען עס האָבן אָנגעהויבן פליען פון אויבן שטיקער לאָדן, קאַרניזן. דאָס הילצערנע דאַך־ווענטל פון שטיבל האָט געמאַכט אין דער לופטן אַ געשפּענסטיקן בויגן און איז געפאַלן אויף דער ערד מיט אַ קראַך.

פאַר ברענדקעס אויגן זיינען געשוואומען פייערדיקע ריגגען, און ער האָט גאָרניט געזען אַרום זיך. ס׳האָט זיך אים נאָר געדאַכט, אַז דער גאַנצער אַרום פלאַקערט, אַז די עלבע אַליין ברענט. ער איז אַראָפּגעלאָפן צום לעצטן בוים אין הויף. פונדערווייטנס געהערט די קלאַנגען פון אַ פייער־לעשער וואָגן.

לאַנג־לאַנג איז ברענדקע געזעסן אָנגעשפּאַרט אָן לעצטן אָפּגעשוונדענעם בוים און ניט געהערט ווי די פייער־לעשער זיינען אָפּגעפאָרן און ניט געזען ווי פון די פאַרקוילטע ווענט הייבן זיך דינע זיילן פון זילבער־גרויען רויך און פאַרשוואונדן סוף סוף אין פאַרוואָלקנטן הימל. ס׳איז איצט ביי אים אָנגעוואַקסן אַ געפיל, אַז דאָס הויז איז געבליבן גאַנץ מיט די שווערע הילצערנע טירן, גאַנץ מיט די ברייטע איינגעטיפטע פענצטער, און גאַנץ מיטן דאַך־שטיבל. נאָר דאָס אויסזען פונעם הויז האָט זיך געביטן: אַ האַלב הויז איז אין פייער, די צווייטע העלפט — אין רויך. אין זיין געדאַנק

האָט ער איצט געזען דאָס הויז ווי אַ פּאַרטייעטן געפּערלעכן און געהיימען כוח, ווי עס וואָלט זיך אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן פּאַנצער פון רויך און אַש.

און אַז ער האָט אויפגעהויבן זיינע אונטערבראָכענע קני האָט ער זיך ניט אומגעקוקט אויף די לעצטע זיילעכלעך רויך הינטער אים. ער איז אַוועק אין דער ריכטונג פון האַמבורגער געריכט־הויז.

דער הימל איבער אַלטונאַ איז געהאָנגען ווי אַ גרוי־אַשיקער פאָרהאַנג.

אַלטאָנאַ, יוני, 1965 — ניו יאָרק, פעברואר, 1966

וואָרט און קיום

באַלאַדע — נוסח אשכנז

וועגן שאול טשערניכאָווסקי׳ס יידיש־דייטשע באַלאַדעס

ער האָט ווי אַן אָדלער צעשפּרייט זיינע פליגל און דורכגע־מאַכט, אין זיין פּאָעטישן מהלך, אַ פּלי איבער פאַרשיידענע לאַנד־שאַפטן און ווייטע מרחקים. שאול טשערניכאָווסקי דער „ליבלינג פון די מוזעס״, דער דיכטער פון ריטם און געדיכטער פאַרב, האָט געשוועבט איבער אַ סך ערדן.

פון דער זון־פאַרטרונקענער אידילישער קרים, ביז די האַרבסט־ווייסע באַלטישע שטעט; פון דער דרום׳דיקער פּאַלמירע (אָדעס) ביז דער באַרגיקער היידלבערג מיט איר יונגער לוסטיקייט; פון די שוואַלבן אויפן לימאַן ביז די לייכטע, פריילעכע געזעלן אין די וויין־שענקען אין דער שווייץ און אין דייטשלאַנד, דאָרט וואו דער טייך נעקאר ציט זיינע וועלן, די מיידלשע אויגן גלאַנצן מיט בלויען כישוף און דער פּאָעט אַליין ווערט שווער מיט חכמה און וויין.

אין דער העברעאישער פּאָעזיע האָט ש. טשערניכאָווסקי איינגעפלאַנצט אַ סך אמת׳ן פון אַ תורה, וואָס איז ניט אויסגע־קריצט אויף טאָוולען. נאָר אויף בוים און שטיין, אַ לערע, וואָס איז אָנגעוואָונקען אין די קאָלירן פון אַ בלום, איז איינגע׳כשופט אין שמעטערלינג און שוועבט מיטן אָדלער פלי אין די האָריזאָנטן.

מזרח און מערב, צפון און דרום — זייערע קולטורן זיינען געווען אָפן פאַר אים. פון דער פינישער „קאַלעוואַלאַ״ ביז דער גריכישער „אָדיסעע״; פון „עלילות גילגמש״ (אין מזרח בבל), ביז דער „האַיאַוואַטאַ״ (פון די אינדיאַנער) אין מערב. ער האָט אַריינגעבראַכט אין זיין שפּייכלער פון די תבואות און די פּרוכטן פון אַ סך ערדן, ווייל די ערד איז פאַר אים שטענדיק געווען יונג, נאָר דאָס יידישע לעבן אין זיין צייט האָט אים ניט צוגעשטעלט צופיל מאַטעריאַל פאַר דער דאָזיקער ערדישער יונגקייט, איז ער אַוועק צו די גריכישע געטער, קעגן געצנבילד פון אַפּאָלאָ״ („לנוכח פסל אפולו״) — זיין פיל באַשריבן און קאָמענטירט ליד.

„זקן העם, אלהיו זקנו עמו, רגשות נצמתים בידי חדלי אונים״

(אַלט איז דאָס פאָלק, אויך זיין גאָט איז אַלט, געפילן פאַרקלעמט אין פאַרחלשטע הענט). און פון די העלענער צו די אַלטע העברעער, צו די כנענים. —

„עוד בלבי לן הטל היורד על שדי אדום, גם כובשי כנען דמי״ (אין מיין האַרץ נעכטיקט נאָך דער טוי, געניִדערט האָט ער אויף די אדום־פעלדער. אויך דאָס בלוט פון די באַצווינגער פון כנען איז מיין בלוט).

דער גייסט פון שפּעטערדיקן, נאָך־כנענישן יידנטום, וואָס ער האָט באַצייכנט ווי דער „דרום־ווינט״, איז אָבער פאַר אים פאַר־שטעלט געוועזן. באַקלאָגט ער זיך אין זיין ליד „דער מענטש איז בלויז אַן אָפּבילד פון זיין געבוירנלאַנד״, אַז ער האָט ניט געפונען דעם וועג צום „דרום־ים״. געמיינט האָט ער ניט בלויז דעם ים פון תלמוד, דאָס יידנטום פון בבל, נאָר אויך די יידישקייט, וואָס איז שפּעטער איבערגעפלאַנצט געוואָרן אין נאָרדישן קלימאַט, און וואָס פון איר האָט שפּעטער אַרויסגעשפּראָצט די פלאַנץ, וואָס מען רופט נוסח אשכנז.

נוסח ספרד און נוסח אשכנז. איין עפּאָכע און צוויי סטילן. צוויי גורלות, שיקזאַלן. ווי אַזוי שטעלן זיי זיך פאַר קאָנקרעט, פּלאַסטיש אין דער פאַנטאַזיע?

„און די קינדער פון אונדזער פאָלק, נאָכדעם ווי זיי זיינען פון זייער לאַנד פאַרטריבן געוואָרן, האָבן פיל פון זיי אין די אַראַבישע לענדער זיך פאַרקליבן. זיי האָבן זיך אויסגעלערנט זייער לשון, און זייער האַרץ און זייער געדאַנק אין דער דאָזיקער שפּראַך אויסגעגאָסן״.

אַזוי דערציילט אין זיין מליצה׳דיקער שפּראַך יהודה אלחריזי און באַווייזט די היסטאָרישע קולטור־ווירקלעכקייט: אַ יידישער קיבוץ, אינגאַנצן אַראַביזירט, שפּראַכלעך און קולטורעל, „אין האַרץ און געדאַנק״, צוזאַמענגעגאָסן מיט דער אַראַבישער סביבה. זיי האָבן, אמת, געוואוינט אין די געטאָס, געוועזן פרום און געבונדן צום גלויבן, אָבער רעליגיע — אין דער שול; אין דרויסן, אינם ברייטן לעבן פון גאַס, און אפילו אין שטוב, אין טאָג־טעגלעכן און יעדער שעהדיקן לעבן — אַראַביש.

דריי פּאָעטן זיינען זיי געווען: שמואל הנגיד, שלמה בן גבירול און יהודה הלוי. דריי געשטאַלטן, וואָס האָבן זיך געוויקלט אין בורנוסן און געטראָגן טורבאַנען אויף די קעפּ.

דער ערשטער אַ שפּאַנישער נגיד, אַ וויזיר אין אַ ברייטן מאַנטל און ברייטן הוט, מיט אַ גאָלדענער שווערד אויף די לענדן, האָט געזונגען וועגן מלחמה און זיג, געזונגען מיטן שפּריץ פון פאָנטאַן אין זיין גאָרטן.

דער צווייטער: אַ יונגער מאַן פון מאַלאַגא און גראַנאַדאַ, אַ מענטש פון אוניווערסאַלער קולטור, אַ טיפער דענקער, אַ וויסנ־שאַפטלער, און לויט דער סתירה, דעם ווידערשפּרוך פון זיין עפּאָכע, אויך אַ מיסטיקער.. ער האָט געטראַכט אויף אַראַביש, געשריבן אויף אַראַביש און איז געווען — אַ העברעאישער דיכטער.

און דער גרעסטער פון זיי האָט געשריבן פינקלדיקע לידער פון בענקעניש נאָך ציון, פּרעכטיקע ים־לידער און ליבע לידער צו אַן עגיפּטישער טענצערין; לידער וועגן גאַזעלן־אויגן און גאָלדע־נע האָר, וואָס מען דאַרף מאַכן אַ ברכה אויף זיי „יוצר אור"...

טראָגט מען זיך איבער פון די זון־פּאַרטרונקענע מאַלאַגאַ און טאָלעדאָ צו די גרוי־הימלדיקע וועלדער און די בלייענע טאָלן אין צפון, צו די רויט־ציגלדיקע גאַסן פון די מיטלאַלטערלעכע שטעט: רעגנסבורג, ראָטנבורג, וואָרמס, מיינץ, טריער, אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז אַן אַנדער נוסח און זיינע פאָרשטייער נייע דריי געשטאַלטן.

דער ערשטער איז דער מפורש פונעם חומש, דער וואָס האָט דעמאָקראַטיזירט די יידישע תורה, דער גרויסער פּרשן, וואָס זיין סטיל פאַרמאָגט אַזויפיל ווייכקייט און עלאַסטישקייט און זינגעוו־דיקייט, גלייך ווי ער וואָלט באַשאַפן געוואָרן איינצווויגן קינדער אין די וויגן. ווי קאָן מען זיך גאָר אויסמאָלן דאָס יידישע קולטור־לעבן אין מיטלאַלטער אָן דעם „ליכט פון גלות" רבי שלמה יצחקי — רש"י?

דער צווייטער — ביים דאַנוי, געווען אַ בן־דור פון פראַנ־ציסקוסן. ער האָט געשאַפן דעם מאָראַלישן פאָלקס־בוך פון יידישן מיטלאַלטער, אין אַ רואיק־עפּישן טאָן דערציילט יהודה החסיד פון רעגנסבורג, גרינדער פון דעם אָרדן „חסידי אשכנז" וועגן רחמנות

צום מענטשן, ייד און גוי, צו בהמה און חיה, אָדלער און טויב...

און דער דריטער איז געווען אַ גאון, אַ פירער און אַ מאַר־טירער. געווען איז עס אין דרייצנטן יאָרהונדערט. מען האָט דעם געאכטעטן און געאַכפּערטן גאון ר׳ מאיר פון ראָטענבורג פאַר־שפּאַרט אין טורעם פון ענזיסהיים, אין עלזאַס, דער טיראַנישער קיסר רודאָלף פון האַבסבורג האָט געפאָדערט פון די יידישע קהלות טויזנטער זילבער־מאַרק אויסלייז געלט. ר׳ מאיר האָט פאַרווערט צאָלן דעם פדיון, בעסער אויסגעקליבן שמאַכטן און שטאַרבן אין תפיסה. האָט ער יאָרן לאַנג געטראָגן שווערע קייטן, אָפּגעפינצטערט אין ענגע שמוציקע ווענט, און ניט געוויזן קיין ביישפּיל דעם שונא, אַז ער קאָן פאַנגען יידישע גייסטיקע פירער, זיי פאַרשפאַרן און קריגן פאַר זיי אויסלייז־געלט.

אין דרייצנטן יאָרהונדערט מערקן זיך שוין פעסט אָן די גרענעצן פוןביידע נוסחאות, ניט בלויז היסטאָריש, נאָר אויך קינסטלעריש. דער ספרדישער דיכטער, וואָס האָט געלעבט אונטער מוסלעמאַנישער הערשאַפט, האָט איבערגענומען און פאַר׳זיווג׳ט די פילאָסאָפישע עלעמענטן פון אַריסטאָטל און פלאַטאָנען מיטן יידיש געדאַנק, אָבער דערביי האָט ער געהאַלטן, אַז די אמתע גאולה איז אין ציון „לבי במזרח ואנוכי בסוף מערב״ (מיין האַרץ איז אין מזרח און איך בין אין מערב) — זאָגט יהודה הלוי, און ס׳האָבן אים צוריקגערופן די כוואַליעס פון ים התיכון, און ער — „כטל חרמון על הרריך״. ער גלוסט און גאַרט ווי דער טוי אויפן שנייאיקן חרמון באַרג. אַנדערש איז דער אשכנזישער פּאָעט, וואָס האַלט, אַז די מזרח־פלאַנץ קען געדייען און בליען אויך אין קאַלטן קלימאַט פון צפון מערב, אין דער ספערע פון פעאָדאַלער הערארכיע און קריסט־לעכער קאָרפּאָראַציע, אין אַ פאָרמאַציע פון פעאָדאַליזם. גזירות, נגישות, האָבן אויף אַ קדמונישער קולטור קיין שליטה ניט.

עס איז מערקווירדיק: דווקא דער־דאָזיקער אשכנזישער פּאָעט איז געווען מער נאַציאָנאַל און געזעלשאַפטלעך, אין קינסטלערישן אויסדרוק ווי דער ספרדישער. ביי יהודה הלוין איז טאַקע שיבת ציון דער עיקר, נאָר זיין צוגאַנג צו ליטעראַטור איז אינגאַנצן אַן עסטעטישער. זיין ליד איז פול מיט גליאיקע מעטאַפאָרן וועגן ליבע,

ווייך און טאַנץ; ביים מהר״ם פון ראָטענבורג איז דאָס ליד — נאַציאָנאַלע עלעגיע, אַ מין צוגאָב צום מחזור.

זינגט טאַקע יהודה הלוי וועגן „בלומען, וואָס האָבן פון קאָליר באַרויבט די שטערן״ און וועגן „שוואַרצן וויין, וואָס פרירט אויף אייז אויף ווייסן״, און דער מהר״ם — וועגן יידן „אבלים אויף אַשיקע שליאַכן״, וועגן ספר־תורה׳ס, וואָס „ערדישער פייער האָט זייער פאַרמעט צעגליט״ און וועגן זיין אייגן לעבן, וואָס איז „איינ־איינזאַם ווי אַ זעגל אויף אַ באַרג־שפּיץ פאַרבליבן״.

די גאָלדענע סאָנעטן פון בן גבירול און הלוי וויברירן מיט די פערלדיקע שפּריצן פון פאָנטאַנען און מיטן געלעכטער פון אַ געליבטער, איר מויל — „אַ בעכער דופטיקער גאָלד־וויין״; די פון אשכנז אליעזר רוקח און מהר״ם, זעען די פייערלעכע שיינקייט פון פאָלק ניט אין וויין און בשמים־דופט, נאָר אין האַרבסטיקן געוויין פון פויגלען אויף חורבות, פון קלאָגאַדיקע סאָוועס אין פוסטע מילן; די שפּאַנישע און איטאַליענישע דיכטער רימען זיך מיט מעטרישע פאַרמען און האַרמאָנישן ריטם פון אַראַבישער פּאָעזיע, מיט דער קלוגער אַפאָריסטישקייט און עפּיגראַמאַטישקייט פון דער גריכישער קלאַסיק; די אַשכנזער פּאָעטן — מיט דעם נוסח פון לעבן, מיט דער עקזיסטענץ גופא, וואָס ווי טרויעריק זי איז איז זי וויכטיקער ווי דער שיינער אויסדרוק.

האָבן זיך מיט דער צייט אויסגעקריסטאַליזירט צוויי נוסחאות אין לעבן און אין דער קונסט: נוסח ספרד — מאַסיווע אַרכיטעק־טאָנישקייט, מעטריק און האַרמאָניע, אַריסטאָטל און פּלאַטאָ; נוסח אשכנז — עמקות׳דיק און סודות׳דיק, רעמבראַנדטיש טונקל־גאָלד. בילדעריש קאָן ספרד פאַרגליכן ווערן צו שיינע, קולטיווירטע שטאָט־פּאַרקן; אשכנז צו טונקל־פאַרצווייגטע וועלדער, וואָס זענען פול מיט שוואַרצן כישוף; די איז פּלאַכלאַנדיש און גראָזיק; די — באַרגיק, תהומות׳דיק און וואַלדיק.

ס׳איז געקומען אַ צייט און טשערניכאָווסקי האָט שוין ניט געדאַרפט דורך אייגענער אימאַגינאַציע זיך אַריינטראָגן אין דער פאַרגאַנגענהייט. ער האָט דערזען דאָס רשעות פּנים אל פּנים אינם אייזערנעם מאַרש פון די נאַצישע האָרדעס, און דעמאָלט האָט ער באַקומען אַ צוטריט צום „דרום ווינט״, וואָס האָט געווייעט אין

צפון. ער האָט אָנגעשריבן זיינע היסטאָרישע באַלאַדעס געבויט אויף היסטאָרישע עפּיזאָדן וועגן יידן אין דיישלאַנד.

די באַלאַדע איז אַ דערציילעריש ליד, וואָס גיט איבער אַמאָל אַ לעגענדע, אַמאָל אַ היסטאָרישע געשעעניש אויף אַ קאָנדענסירטן אופן. דערמיט איז זי ענלעך צו דער טיפּישער דערציילונג פון די צפון־לענדער, סקאָטן, דענער, נאָרוועגן, וואָס אין זיי איז פאַראַן עפּעס פון די רעמבראַנדטישע קאָליר־מישונגען, געדיכטע און שווער־געדאַמפטע וואָס ווערן באַלויכטן פון אינעווייניק.

טשערניכאָווסקיס „באַלאַדעס פון וואָרמס" זיינען אויך אינע־ווייניקסטע געזאַנגען. זיי זיינען פול מיט די שאָטנס פון אַלטע קירך־געוועלבן. פאַראַן דאָ דער קאָשמאַר פון מיטלאַלטער און אויך פון דער געטאָדיקער מויער־שיינקייט, די היימישע גראַציעזע ווייכ־קייט פון רש"יס לעגענדעס און דער ליריש־צעוויטיקטער ניגון פון מהר"מס פאַרגעלטער גמרא, אויסגעמישט מיטן פאַרנאַכטיקן גלאָקן־געקלאַנג פון די גערודפטע אין ראָטענבורג, שפּייער, וואָרמס.

די באַלאַדע „די וואונדער־וואַנט פון ווירמייזא" איז געבויט אויף דער לעגענדע וועגן רש"יס מוטער, וואָס האָט געדאַרפט גע־בוירן איר זון און ווען זי איז פאַרבייגעגאַנגען אַן ענגע וואַנט, זיינען אָנגעפאַרן רייטער און ס'איז געווען אַ סכנה, אַז זי זאָל צעדריקט ווערן, און דעמאָלט —

„ויהי כי קשה לב האיש, ויחמול קיר, ונבקע חיש ותבוא שם האשה"

(און אַז שווער איז געוואָרן ס'האַרץ פון מענטש, האָט זיך אַ וואַנט דערבאַרעמט, האָט זיך צעשפּאַלטן און די פרוי איז אַנטרונען).

דער מאַרש פון אייזערנעם געוועער און רשעות קעגן שוצלאָזער יידישער פרוי. דער דיכטער באַזינגט שוין ניט די שווערד און דעם נצחון פון רייטער. ער ווייסט — מיט זיי איז די רשעות. ער באַ־זינגט דעם נס פון אַנטרינונג פאַר דער אומשולדיקער. דער שטיין דערפילט רחמים ער צעשפּאַלט זיך און באַהאַלט די פרוי. ער באַ־זינגט דעם אויסוועג וואָס איז פאַרבאָרגן, אָבער ער איז דאָ, אויב אפילו מען זעט אים ניט, אויב עס דאַכט זיך אַז עס איז שוין קיין אויסוועג ניטאָ.

אַזאַ בטחון געהערט צום נוסח פון דעם אין־פייער־און־פלאַם אויסגעקאָוועטן דיכטערישן גלויבן אין דער אשכנזישער עפּאָכע

בעת די קרייצצוגן, שוואַרצער מגיפה און אַנדערע גזירות איז דער ענגער גערודפטער יידישער געטאָ, וואָס האָט געשטראַלט מיט בטחון אין זיג איבער דער רשעות.

און פון דער באַלאַדע צו טשערניכאָווסקיס ריטמישער, ווי אין שטאָל געשמידטער, באַלאַדע וועגן וואָלף, („בלדת הזאב").

א באַנדע קרייצלער איבער וועגן, טראָגן זיך אהין, אַהער.
געשאָכטן האָבן זיי אין אַאַכען, שעכטן וועלן זיי אין טריער.
פרייד אין מאַנאַסטיר, קירכן־גלעקער און געלויב
פויער און מאַנאַך צוגלייך, טיילן זיך מיט רויב.
אַנוואַלגער פון קרבן — גאַנצענע הויפנס
באַגראָבן אַלע, וואָס ווילן זיך ניט טויפן!
אַלץ איז פאַרגעבן, מער ניט פאַסטן און ניט זאָרגן,
מאַן פון נצרת הוליעט, פון פאַרנאַכט ביז מאָרגן.
און ערגעץ אין אַ וואַלד־הייל, ניט ווייט פון שטאָט טריער,
געוואוינט האָט אַ וואָלף, אַ ירא־שמים איז ער
און איידער נאָך ס'האָט זיך באַוויזן הונט און שוואַרצע קראָ,
האָט זיך צוגעאיילט וואָלף. ר'איז דאָ, ברוך הבא!
אין אויפן גאַס, אין זיין בלוט האָט זיך דער רב איבערזועקט,
געגוססט האָט דער רב און זיין לעבן האָט זיך געעקט.
דערזען האָט ער ידעם וואָלף און אויסגעכאָרכלט: העלף!
מיין ברכה דיר וואָלף, זון פון אַלטע וועלף
זיי דו איצט מיין גואל, אויסלייזער פון פיין
מערן זיך זאָלן דיר קינדער, ניט אויפהערן צו זיין!
זאָלסט זיך מערן אין די דורות, האָט ער אים געבענטשט
און פריץ געוואָרן איז א חיה, אַ וואָלף דער דייטשער מענטש!
פאַרביי זיינען דורות, אַ סך יאָרן פאַראיבער.
ר' יוזפלס ברכה הערשט אין אַלע דייטשע שטיבער!...

דאָ איז פאַראַן האַרמאָנישער צונויפגוס פון ריטם און בילד. דער דיכטער איז אַרויס פון די לעגענדע תחומים און איז אַריין אין היינטצייטיקן דייטשן מיטאָס.

די באַלאַדע וועגן מהר"ם פון ראָטענבורג איז פול מיט לאַנד־קאָלאָריט איז אין דער זעלבער צייט דורכגעזאַפט מיט איראָניע און חוזק אויפן הערשער און טיראַן, ווי פרעכטיק די באַלאַדע איז!

אברהם ביק

פרימאָרגן קעלט אויף בערג.
דער וועג איז ווי אַ שלאַנג;
די זון אין בערג באַהאַלט זיך
ווי חיה פאַר איר פאַנג
עס זינגט אַ ליד דער באַרג־קוואַל
עס הילכן טריט פון פערד.
און ס׳ענטפערט אָפּ די עריד.
אַ באַנדע רייטער קומט אָן!
שפּיז און שווערד און צלם
בליצן און געשאַל;
— אַ קאַרדינאַל, דיין האָכהייט!
אויף פּאָן פון קאַרדינאַל.
געאַכפּערט און געלויבט.
וואָס טוט ער דאָ אין טאָל?
— קוואַלן צווישן בערג
גרינגראָז אויף לאָנקע־בייט;
ס׳פּרילינגט אומעטום
צום פאַנג מיין ביקס איז גרייט.
— אָ, קאַרדינאַל, זיין האָכהייט!
גערמאַניע איז ברייט און שיין
פאַרוואָס גאָר אין ידי בערג, —
וואו חיה איז גאָר קליין?
— אויף שפור פון אַ חיה זעלטן,
וועל זיך לאָזן דעם באַגינען;
איך זוך אים שוין פון לאַנג
און וויל אים דאָ געפינען!
— אָ קאַרדינאַל, זיין האָכהייט!
אין פאָמעראַניע, דאָרט!
א סטאַיע וועלף און פוקס
די וואַרט שוין אויף יענעם אָרט!
— האַרבסט־פוקס, וואָלף אין נארע,
באַצויבערט איז דער פאַנג,
נאָר אַנדער פאַנג, אַצינדער

באַלאַדע נוסח אשכנז

מיין האַרץ באַגערט און באַנגט
— אָ קאַרדינאַל, זיין האָכהייט!
שוואַרצוואַלד איז פול מיט בערן!
אין היילן טוען שלאָפן
און האַלטן זיך אין מערן.
— שיין איז בער, דער ברוינער
און זיין פוטער גאָר איז טייער
נאָר ניט נאָך אים איך גלוסט איצט,
ניט פאַר אים מיין פייער!
— אָ, קאַרדינאַל, זיין הויכהייט!
מען גרייט זיך צום פאַרמעסט!
ביי ברעגעס פון דער עלבע
דער ביבער בויט שוין נעסט!
— שיין איז פויגל־פעדט
און ער איז אויך צאַרט!
נאָר צו אַנדער פויגל
ציט שוין לאַנג מיין האַרץ.
— אָ, קאַרדינאַל, זיין האָכהייט!
פלינק און גרינג איז הירש
זוך אים אין דער בייערן
דאָרט איז פלאַץ פאַר פאַנג
— מיין יאַגד ניט נאָך אינד און הירש,
ניט נאָך זייער שטאַם
מיין האַרץ זוכט דעם מהר"ם!"

אַזוי האָט דער „אָדלער פון די בערג" צעשפּרייט זיינע פאָ־עטישע פליגל, האָט דורכגעשוועבט איבער דער צפון־לאַנד־לאַנד־שאַפט און אויפסניי פאַר זיך און פאַר אונדז אַנטפּלעקט די גע־שיכטלעכע רשעות פון גערמאַניעס יאַגד מענטשן און אין מיטן די בלוטיקע שיינקייט פון קאַפּיטל געשיכטע פון יידן אין אשכנז.

דער מעסער און די מנורה

די פּאָעזיע פון נתן אַלטערמאַן

אין דער מאָדערנער העברעאישער פּאָעזיע איז דער ישראל־דיכטער נ ת ן אַ ל ט ע ר מ אַ ן, אַן אימאַזשניסטישער דיכטער, אַזאַ וואָס האָט געשטעלט דעם אַקצענט אויף דער קאָמפּאָזיציע פון בילד און האָט אָפּגעווייכט פון דער אַבסטראַקציע. אַלטערמאַן האָט אויסגעברייטערט די מעגלעכקייט פון פּאָעטישן אויסדרוק און האָט קאָנקרעטיזירט זיין איבערלעבונג דורך די מיטלען פון אימאַזש. מיטן גאַנצן מאָדערניזם וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט אין דער העברעאישער פּאָעזיע, מערקט זיך אָבער ניט אין זיין שאַפן קיין סימן פון דעקאַדענץ. ער זעט ניט אין דער גרויסשטאָט דעם גרויסן ליידיקן „נ י ש ט", נאָר דעם ליכטיקן י ש. ער שטעלט ניט פאָר די גרויסשטאָט ווי דער גרויל פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, נאָר ווי אַ לעבעדיקע, ליכטיקע, רעשיק־שטורמדיקע וועלט, פול מיט פאַרבן און קלאַנגען.

אין זיין ערשט בוך „כוכבים בחוץ" (שטערן אין דרויסן, 1938) ווייבירט די פרייד פון לעבן, דאָס איינזאַפּן אין זיך דעם אַראָמאַט און דאָס ליכט פון דער גאַס. ביישפּילן: — „האַרבסטיקער פאַרנאַכט זעצט אַריין אין יעדן לאַמטערן זיינע פאַרביקע פייגל; אַ צוויי־וואָכיקע לבנה שלאָפט אין הויכן פינצטערן וויג; די שטאָט איז אויסגעקעמט מיט ליכט און רעגן; ליכט־שטראַלן און שטראָמען רעגן זיינען ענלעך צו אויסגעקעמטע האָר"... די גאַנצענע שטאָט זעט ער ווי אויסגעוואַשן און אויסגעצוואָגט און אָפּגעגילדט פון זון־שטראַלן. „אַנטקעגן בליענדיקע פענצטער, געלעכטער און שטאָל".

זיין ליכטיקער מעטאַפאָר צעטיילט זיך אויף גאַנצע שטחים און כאַפּט אַרום בילדער פון אַלע זייטן. אין זיין ליד „דליקה" (פלאַקער), אין דער ערשטער סטאָפע — דער אויסברוך פון אַ שריפה: „באָרוועסע, לאַכנדיקע מיט שפּורן פון רויך, זיינען די פלאַמען אַרויס צו רייסן די פרוכט". אין דער צווייטער סטראָפע ווערט שוין אַ ברענענדיק הויז אַ סימבאָל:

און דאָס הויז איז אַלט און פלאַקערט און ברענט
און עס דעקלאַמירט אין צעפאַל פון באַלקנס און ווענט.
עס פאַרלירט דעם פאַרשטאַנד, און פאָכעט אויף מיר!
עס איז אַ פּאַלאַץ, עס איז אַ לייב, עס איז קעניג ליר!״

אַלטערמאַן האָט אויסגעברייטערט די גרענעצן פון דער העברעאישער פּאָעזיע, אַריינגעבראַכט אַ נייע בילדער־סטרוקטור אין דער פאָרם און סינטעזירט דאָס אַלטע מיטן נייעם. ער האָט גענומען פּאַרטיקע פּסוקים און ריידנס־אַרטן פונם אוצר פון דער העברעאישער שפּראַך, און אפילו די שפּריכווערטער פונעם יידישן פאָלקלאָר און זיי צוזאַמענגעשטעלט אין נייער ראַם, געגעבן נייעם אויסדרוק. דער חידוש זיינער איז אָבער ניט נאָר אין דער פאָרם נאָר אויך אין אינהאַלט.

אין די פערציקער יאָרן, ווען די פאַשיסטישע אַגרעסיע אויף די פעלקער פון דער וועלט האָט זיך אָנגעהויבן, און די העסלעכע ראַסיסטישע רדיפות האָבן פאַרפינצטערט די האָריזאָנטן, האָט דער פּאָעט באַהאַפטן זיין פּאָעזיע מיט דעם גורל פון דער פעלקער געשיכטע.

אין די „שירי מכות מצרים״ (לידער פון מצרים׳ס מכות) פּרוּווט ער דיכטעריש דערקלערן די סיבות פון מלחמות און דעם פאַלן פון אימפּעריעס. פאָטער און זון פירן אַ דיאַלאָג, און זיי דערציילן אויס די געשיכטע פון דער אוראַלטער שקלאַפערישער ציוויליזאַציע פון מצרים, און איר מפּלה. זיי ציילן אויס די „עשר מכות״, די צען פּלאָגן, וואָס זיינען געקומען אויף מצרים: „דם״, רויט ווי בלוט איז די הויפּטשטאָט פון מצרים, „ווי וואַסער איז געוואָרן איר בלוט״, ווייל זי האָט פאַרגאָסן בלוט ווי וואַסער״. „די זשאַבע אויף די מויערן״ — סימבאַליזירט די הערשאַפט פון איר פּאָליטישן רעזשים — „אַ פאַרשפּייטע, אַ פאַרטריבענע פון מענטשן״, אַ דעהומאַניזירטער רעזשים. נאָכדעם קומט די וויזיע פון נקמה, פון אָפּצאָל, וואָס הייבט זיך אָן מיט דער „דריטער מכה״, ווען דער שטויב ווערט פול מיט כינים און ס״קומט אַ צעמישעניש פון חיות, וואָס בייטן זייער פעלן „נאָר צאָן און מעסער בלאַנקען״, מלחמות און שחיטות און ערד־ציטערנישן, און די וועלט

איז אַ שטייג פון חיות, אַ מגיפה ברעכט אויס און אַ קרעץ שיט זיך אויס אויף איר פלאַך „און יעדער מענטש זעט זיין אייגן לייב ווי אַ שונא", וואָס לויערט אויף אים מיט אַ מעסער". און נאָכדעם קומט דער האָגל, קוילן און באָמבעס פאַלן אויף שטעט „אַ הימל פון סקילה" (פאַרשטיינט!) מעסער און שניידמעסער און קללה פון האָגל און בליץ, אָבער דער עפּילאָג: — „דער מאָרגנשטערן לויכט אויף. עס בלאַנקט די אינד פון אויפשטייען", ווייל — „ניט אייביק וועט בלאַנקען די הערשאַפט פון שווערד און געלט"..

דעם דיכטערס „שירי מצרים" מאַכן דעם חשבון פון דער וועלט. דעם חשבון פון יידישן פאָלק, געכפּלט אויף קאָסמישע וויזיעס מאַכט ער אין זיין דריט בוך „שמחת עניים" (די פרייד פון די אָרעמע").

אין דעם ציקל לאָזט ער רעדן אַ מת צו זיין פרוי, וואָס אַמאָל רופט ער זי חברטע און אַמאָל טאָכטער. שוין דער נאָמען אַליין איז דראַמאַטיש און איז צוזאַמענגעשטעלט פון צוויי ווידערשפּרעכנדיקע עלעמנטן שמחה, פרייד פון איין זייט און אָרעמע — פון דער אַנדערער, און דער בוך שאַפט גלייך אַ דערציילעריש־עפּישע שפּאַנונג, וואָס איז טראַגיש און איז דאָך געשטעמפּלט מיט פרייד. דאָס ווערט אויסגעדריקט אין דעם זינפולן פערז:

שיין איז מיין טאָכטער מיט די מעסערס אין איר קערפּער
ווי אַ מנורה אין גלאַנץ פון אירע צווייגן,
ווי אַ כלה אין טאָג פון איר חופּה,
ווי אַ שפּיגל אין ליכט פון פאַרנאַכט,
אַזוי זע איך זי קעגן שווערד"

אַלטערמאַנס „פרייד פון די אָרעמע" טראָגט אין זיך אַ פילאָסאָפיע וועגן לעבן, וואָס ער דערהייבט צו אַ גאַנצן נאַציאָנאַל־געשיכטלעכן באַנעם.

„וואונדערלעך, וואונדערלעך איז דאָס לעבן,
וואָס איז פול מיט מחשבות פון מתים"

אין דער קולטור־געשיכטע האָט מען, ווי באַוואוסט, געמשפּט פאַרשיידענע קולטור־ און געזעלשאַפטלעכע פאָרמאַציעס לויט זייער באַציאונג צום טויט. אַלטע און נייע קולטורן האָבן געזען

אין לעבן בלויז אַ פאַרבייגייענדיקע קורצע דערשיינונג, אין די מרחקים פון אין־סוף, וואָס איז פאַרן געבורט און נאָכן טויט. אַלע רעליגיעזע אָנשויאונגען ,אָן אונטערשייד, האָבן געזען דאָס לעבן אויף דער ערד ווי אַ פאַרשווינדנדיקער עפּיזאָד. דער גרענעץ פון טויט אנטהאַלט אין זיך דעם דערהויבענעם און אמת'ן קיום, ווייל ער איז גאַנץ, אַבסאָלוט און איז ניט צעשטערבאַר.

דער מאָדערנער פּאָזיטיוויסטישער געדאַנק, האָט געווענדט דעם שווערפּונקט פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט צו איר געשיכטע, האָט געפונען דעם ענטפער אין דער היסטאָרישער געקייטלטקייט, אין דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. די מי פון דורות גייט ניט פאַרלוירן נאָר ווערט איבערגעגעבן צו די נייע דורות. דער גלויבן, אַז אויף דעם וועג ווערט דער ציקל פון לעבן און טויט ניט פאַרוואַנדלט אין אַ טראַגישן פּראָצעס פון באַהעפט און צעריסנקייט, נאָר אין איין איינציקן ריטם, וואָס גיט איבער די מענטשלעכע אָקומולירטע ענערגיע — דאָס איז די פילאָסאָפיע פונם דיכטער, וואָס דערגייט דורך דעם טראַגיזם און דער הערויִק פון זיין דור צו „שמחת עניים".

צעטיילט איז די וועלט, זי איז צוויייִק
ניטאָ קיין הויז אָן אַ מת אויף די הענט
און ניטאָ קיין מת, וואָס פאַרגעסט אָן זיין הויז —

זאָגט דער טויטער, וואָס קערט זיך אום נאָכן טויט צו זיין פרוי אָדער טאָכטער. דער טויט איז בלויז די צווייטע זייט פון לעבן. דער מת טראַכט וועגן לעבן, איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן לעבן נאָך אים. עס גייט דאָ ניט אין רייד וועגן א מת נאָר טאַקע וועגן לעבן. מענטשן לעבן מער ניט זייער לעבן צווישן זיך אָדער צווישן זיך און גאָט, זיי לעבן מיט דער אומצעררייסבאַרער גאַנצקייט פון דער געשיכטע, וואָס האָט דעם כוח איבערצופירן דורך אירע רערן אַ שפע פון ענערגיע פון די טויטע דורות צו די לעבעדיקע ,אויך פון מפלה צום נצחון, פון קלאָג צום פריידיקן געשאַל, פון אומקום — צום — אָנקום.

„ניט אַלץ איז נישטיקייט, מיין טאָכטער,
נישט אַלץ איז נישטיקייט און נישטיקייט —

מיט די דאָזיקע שורות, וואָס זיינען דער אַקאָרד פון דער פּאָעמע, דריקט ער פּאָעט אויס אַ פאַרקערטע קאָנצעפּציע פון עם אַלטן פּעסימיסטישן בוך „קהלת״: „אַלצדינג איז גאָרניט״. דער קלוגער שטאַרבט ווי דער נאַר, און וואָס איז שמחה? „הכל הבל״ — רויך און פּאַרע, „הבל הבלים — הכל הבל״.

„די פרייד פון די אָרעמע״ זאָגט, אַז דווקא אין דער אָרעמקייט, אין פּיין, איז דאָ שמחה. קהלת זעט פּאַר זיך דעם פּרט, וואָס די ערד דעקט אים צו אויף אייביק. אין „שמחת עניים — זעט דער דיכטער דעם כלל, דאָס פאָלק, אין דעם סימבאָל פון דער טאָכטער, וואָס אירע באַהאַלטענע קינדער אין דער ערד פאַרזיכערן איר אייביק לעבן, דער מאַן, אָדער דער פאָטער, די געשיכטע, היט אירע לעבעדיקע קינדער. זייער צוקונפט איז פאַרזיכערט דורך זייער צוזאַמשמידטקייט צו דער פאַרגאַנגענהייט.

דער טויט איז דאָס מעסער, אָבער די געשיכטע איז דאָס ליכט און דווקא די יסורים און אַנגסטן שוואַכן ניט אָפּ דאָס פאָלק, נאָר שטאַרקן און שטאָלן אים, גיבן אים צו שיינקייט, היטן זויף זיין בלאַנקענדיק ליכט אין די צווייגן.

„ מיין טאָכטער, אויפן שאַרף פון מעסער וועלן מיר זיך
ניט שלעפערן — ווי מעסערס וועט בלאַנקען דיין יוגנט.״

אַלטערמאַנס פּאָעזיע איז אַ סינטעטישע. זי ציט איר יניקה פון בוך און פון לעבן. זי לעבט זיך אויס סיי אין סימבאָל און סיי אין קאָנקרעטן באַשייד. ער פאַרוואַנדלט אַ צייט-כראָניק, עפּיזאָדן פון אַקטועלן לעבן אין פּאָעזיע. אַזוי אַנטפּלעקט ער זיך אין זיינע לעצטע ביכער „הטור השביעי״ (דער זיבעטער קאָלום), וואָס איז געווידמעט צייט-כראָניק, אויסגעוועבט אויף דער קאַנווע פון צייטונגס-באַריכטן. זיין ציקל לידער וועגן „צען ברידער״ איז אייגנטלעך אַ המשך פון זיין „פרייד פון די אָרעמע״. דער פּאָעט זעט דעם אויפקום פון דער מדינה ישראל ווי אין אַן עפּאָכע, וואָס —

„לא בה תחת הגפן החי ישב״
ולא בה תחת אבן המת ישכב״

ניט אין איר ליגט דער מת אונטערן שטיין). דער מת איז דאָ דער אַדעקוואַטער רמז פאַרן מענטשן אין די טעג פונעם נאַציזם

און דער לעבעדיקער פאַר דער ניט־זיכערקייט פון די איינוואוינער אויף דער ערד...

אין דעם „זיבעטן קאָלום" האָט דער דיכטער אָפּגעשפּיגלט אין ליד און באַלאַדע דעם מאַרש פון די נאַצישע האָרדעס, דעם חורבן פון די זעקס מיליאָן און אויך דעם אויפקום פון דער מדינה. פאַרגרונטעוועט אין דיאַלעקטישן באַוואוסטזיין געלינגט אים צו־נויפשמעלצן אידעע און בילד. אַ צייטונגס־באַריכט וועגן וועש, וואָס זיינען אַרויסגעהאָנגען געוואָרן אין די גאַסן פון דער וואָלגאַ־שטאָט (סטאַלינגראַד) זאָין סאַמע מיטן פון דעם שונאס באַלאַגערונג דינט דעם פּאָעט אָנצושרייבן אַ הימן וועגן דעם, אַז —

„ניטאָ קיין סוף צום לעבן, ס׳וועט ניט איבערגעריסן
אַ באַרג קניט און פאַלט און זיי האָט ער ניט פאַרשאָטן
יי גייען אויף און שפּאַרן מיטן געזשום פון דער קי
אין די ווייסע וועש, אין טאָפּ, אין אייביקן זופּ,
וואָס גייט דורך און בלייבט גאַנץ אין דער וועלט־שריפה".

אָט דעם געדאַנק האָט דער דיכטער שוין פון פריער דעק־לאַרירט אין זיין „שמחת עניים":

„ביימער, וואָס גייען אויף פון טוי,
בלאַנקען ווי גלאָז, ווי שטאָלענע שטאַנגען.
כ׳האָב ניט אויף זען, כ׳האָב ניט אויף אָטעמען,
געשטאָרבן און ווייטער געגאַנגען".

און נאָך געדאַנקלעך־אָנגעזאַפּטע שורות:

„מיין זון איז געוואַקסן אין אַ העמדל פון לייוון.
ער איז געגאַנגען אויף פעלדער
ער טראָגט אין זיין האַרץ אַ בלייענע קויל".

לידער און באַלאַדעס, וואָס זיינען געבליבן לעבעדיק אַקטועל. דאָס זיינען עפּיגראַמאַטישע לידער פול מיט סאַטירע און איראָניע וועגן נאַצי־לאַנד. ווי דאָס ליד „לאָרעליי":

אברהם ביק

„טורעמס קוקן אין טייך
דער פיורער אויף א פעלזיקן שטאם
ער קעמט זיינע גאָלדענע האָרע"
מיט איינעם גאָלדענעם קאם.
ס'האָבן זיך צוריקגעקערט די טעג ניבולינגען
פייערן און חושך און יודנריין
אין דער ווייט ווערן באַגראָבן די יונגע
„און רואיק פליסט דער ריין".
„ווייל צוליב דיזע גאָלדענע האָרע
און צוליבן דיזן גאָלדענעם קאם"
האָט צום מזרח געשפּאַרט לעגיאָן
און פון בלוט איז רויט געוואָרן דאָן.
די לעגיאָנען צום מזרח שטראָמען
נאָר זיי ווייסן דער טאָג איז שוין נאָענט.
ס'וועלן ריין ווערן טייכן און שטראָמען
נאָר דער ריין מיט בלוט כוואַליעט.
ימשרנדיק די גלעקער קלינגען
און די קראָען גיבן דעם טאָן,
„און דאָס האָט מיט אירן זינגען
די לאָרעליי געטאָן".

„שטערן פון די הייכן קוקן אין ריין.
מען צעשטויסט אין שטעט די דענקמעלער היינעס.
פון בוך אַרויס איז גלייך לאָרעליי.
זי שטעלט אַ טראָט צום טאַקט פון פויק־טאַנץ־דריי
און שטאָט אין פלאַם־פייער האָט ביכער געזונקען,
און לאָרעליי האָט געטאַנצט און מיט ביר פאַרטרונקען.
זי שרייט, זי שאַלט: „פערעקע" און „נידער!"
און וואַרפט אין פלאַם דאָס „בוך דער לידער!
אויפן וואָגן גענעראַל, אין ציל טרעפט דער שאָס.
ס'איילן די וואַלקירעס און עס גייט דער מיטאָס!
דערזען פנים פון היינען, זי האָגלט פייער־שרויט.
פרויליין לאָרעליי באַשטימט לעבן און טויט!
לאָרעליי פרייט זיך: דער דיכטער וועט ניט ווערן!

אבּרהם ביק

ניט איבּיק דער דיכטער, זיין ליד — ווי שטערן״

„קיין פאָלק באַקומט ניט זיין מדינה אויף אַ זילבּערנער טאַץ״ — אויפן דאָזיקן וואָרט פון דעם ערשטן פּרעזידענט פון דער מדינה ישׂראל, חיים ווייצמאַן, האָט דער דיכטער אָנגעשריבּן זיין ליד. דאָס לאַנד האָט זיך באַרואיקט. „אויף די רויִקע גרענעצן מיניעט זיך שוין אַ שיין״. מען גרייט זיך צום פּאַראַד פון „יום עצמאות״. עס באַווייזן זיך אַ בחור מיט אַ מיידל אין אָפּגעטראָגע־נע מלבּושים, זיי זיינען מיד פון דעם גרויסן שטרייט.

ווען די אומה פול כישוף און טרערן, פון איר פּלאַץ
אויפשטיין און פרעגן: ווער זייט איר צוויי רואיקע, ידינע?
און די צוויי וועלן זאָגן: די זילבּערנע טאַץ
וואָס געגעבן אויף דעם האָט מען דיר אַ מדינה.
וועלן פאַלן צו פיס איר אין שאָטנס געדיכטע
און דעם המשך דערציילן וועט אונדז די געשיכטע״.

אַ גאַסט אויף אַ ווײַל

אַ בינטל שליסלען צו דער פּראָזע פון שמואל יוסף עגנון

„אַלע מיינע יאָרן פלעג א'יך נעמען אַ ספר אין האַנט און אים אַוועקלייגן. ווי די חכמה פון דעם איינעם ספר, וואָלט ניט געווען געגוג פאַר מיר. שפּעטער האָב איך אויסגעפונען אַז איין בוך איז געגוג אויף צו שפּייזן צענדליקער חכמים, און בלייבט ניט ניט ליידיק. אויך די ספרים, וואָס איך האָב שוי'ן געקענט אויף אויסווייניק האָבן דאָס מאָל אויסגעזען ניי. זיבעציק פּנימער האָט די תורה, און מיטן פּנ'ים, וואָס דו קערסט זיך צו איר, קערט זי זיך צו דיר".

אין די דאָזיקע ווערטער, וואָס דער שוין קלאַסיש-געוואָרענער העברעאישער ראָמאַניסט און דערציילער שמואל יוסף עגנון זאָגט אין זיין ראָמאַן „אורח נטה ללון" (אַ גאַסט אויף אַ ווייל), האָט ער אפשר אָנגעדייט די פּילזייטיקייט פון זיין קינסטלערישן שאַפן, וואָס ווי יעדע עכט קונסט־שאַפונג, קען מען ניט יוצא זיין מיט אַנטפּלעקן איר ערשטע, אויבערשטע שיכט, נאָר מען דאַרף זיך גרונטעוועון צו דער צווייטער, אַמאָל דער דריטער שיכט, און זיך דערקלייבן צום קערן, צום קינסטלערישן תוך פון אַ ווערק.

דער ענגלישער ליטעראַטור קריטיקער ג. ווילסאָן נייט האָט אונטערשיידט צווישן קריטיק און אי'נטערפּרעטאַציע. קריטיק באַצייכנט ער ווי אַ מין אָביעקטיוון פּראָצעס וואָס ער רופט אָן משפּט'ן. מען פאַרגלייכט איין שאַפונג מיט אַ צווייטער און מען משפּט וועגן איר עסטעטישער ווערט: „גוט" אָדער „שלעכט"; אינטערפּרעטאַציע מיינט שוי'ן זען די קינסטלערישע גאַנצקייט, די דיאַלעקטישע איינהייט פון דער שאַפונג, איר פּנימיותדיקן, אינע־ווייניקסטן תוך. נייט'ס דעפיניציע: „קריטיק מיינט משפּטן אַ ווערק; אינטערפּרעטאַציע — באַשטעטיקן די קינסטלערישע זייט.

ש. י. עגנון איז דער גרויסער עפּיקער פון דער מאָדערנער העברעאישער ליטעראַטור, אפשר דער צווייטער, נאָך מענדעלען. פון זיינע ערשטע טריט אָן האָט ער אויסגעקאָוועט פאַר זיך א סטיל און אַ נוסח; די גוט-באַקאַנטע עגנונישע סובטילע פּאַראַדישע

פּראָזע, מיט אַ געמאַכטער נאַאיוויטעט פון אַלטע מדרשים און חסידישע ספרים און מעשה־ביכלעך, אויסגעוועבט אין אַ ברייטער קאַנווע פון איראָניזירנדיקער דערציילערישקייט. דאָס איז אָבער דער, אַזוי־גערופענער אויבערשטער שיכט פון זיין שרייבן. זיין פּראָזע איז רעאַליסטיש און טיף־סימבאָליש, אַלעגאָריש, עפּיש און ליריש; פול מיט דינעם הומאָר און שאַרפער סאַטירע און איבער אַלץ — טיף־טראַגיש.

אויבנאויף איז זיין פיל־זייטיקע טעמאַטיק אַ פאַרשיידנ־אַרטיקע. ס'איז זיך שווער פאַרצושטעלן אַז דער דיכטער פון דעו נאָוועלע „עגונות" און די „אגדה פון סופר"; דער מחבר פון לעגענדעס פון געדיכט־יידישן מזרח־גאַליציישן שטעטל, וואָס ציט זיין יניקה פון פּאַטריאַרכאַלער יידישער פרומקייט, איז אויך דער שאַפער פון אַזעלכע אולטראַ־מאָדערנע דערציילונגען ווי די אַנאַליטישע „דער רופא און זיין גרושה" און „מיט אַן אַנדער פנים", אָדער דעם עקזיסטענציאַליסטישן ראָמאַן „תמול שלשום" (נעכטן אייער נעכטן) מיט דעם הונט־העלד, דעם דעמאָנישן כלב פון ירושלים, אָדער די אידילישע דערציילונג „מטפחת" (טיכל) און זיין שאַרפע באַלאַדע־נאָוועלע די שרעק־אַלעגאָריע „די פריצטע און דער פעדלער" (האדונית והרוכל).

עגנון איז אין דער ליטעראַטור פאַררעכנט פאַרן גרויסן יראת שמים, וואָס דאַרף פאַרשטאַנען ווערן אין זין פון טראַגיזם. ער עפנט פאַר זיינע העלדן טיפע אַפּגרונטן און אַנטפּלעקט פאַר זיי גרויע הימלען וואָס טריפן מיט צער. ער באַהערשט ניט נאָר די דרויסנדיקע שליסלען, די רעאַליסטישע זייט פון זיין שאַפן, נאָר אויך די אינעווייניקסטע, סימבאָלישע. מיט ביידע שליסלען עפנט ער פאַר אונדז זיין קינסטלערישע געשטאַלטן און אידעען־וועלט.

אין זיין ראָמאַן „אורח נטה ללון" איז דער העלד אַליין דער שליסל צו דעם דרויסנדיקסטן טויער און אינעווייניקסטער טיר. עס איז אַ ווערק פון צווייענדיקן באַדייט פון פאַרלוירנקייט און פון זיך צוריקגעפונען.

נאָך די אַראַבישע איבערפאַלן אין אַרץ ישראל, אין 1929, איז דעם שרייבערס היים אין ירושלים חרוב געוואָרן. ער האָט

אַוועקגעשיקט זיין משפחה צו קרובים אין דייטשלאַנד און איז אַליין פאַרפאָרן צו זיין היים שטעטל אין פוילן.

דער שרייבער איז געקומען אין זיין שטעטל ווי אַ גאַסט אויף אַ וויי״ל, אַן אורח איבערצונעכטיקן, און איז שוין דאָרט פאַר־בליבן וואוינען אַ פאָר סעזאָנען.

ערב יום־כיפור פאַרנאַכט איז די באַן געבליבן שטיין ביים וואָקזאַל. דער שרייבער האָט נאָך באַוויזן איבערצולאָזן זיין געפּעק אין גאַסט־הויז פון שטעטל און איז אַוועק צו דער אַלטער גרויסער שול. אין דער ראַם פון דער דעמערדיקער שטעטל פאַרנאַכט וויקלט זיך גלייך ביים אָנהויב פון דער דערציילונג אַרויס די קאָנפראָנטאַ־ציע, די באַגעגעניש פונעם גאַסט מיט דער „אַלטער היים״ פון זיין קינדהייט.

די גרויסע שול איז האַלב ליידיק. די אַנדערהאַלבן צענדליק דאַווענער זיינען אַלע אבלים, זאָגן „קדיש״ נאָך זין, וואָס זיינען געפאַלן אין דער מלחמה, נאָך טאַטע־מאַמע, וואָס זיינען אומגע־קומען אין אַ פּאָגראָם. אויף מאָרגן פאַרנאַכט, פאַר נעילה, ווען „די זון לאָזט אָפּ די שטראַלן, ווי אַ מידער שיפער דעם רודער״; ווען עס דאַכט זיך אַז אַלץ וועט זיך באַלד וואַלגערן אין אַש פון דעמער, כאַפּט דער גאַסט אַ שמועס מיט די מתפללים. זיי דערציילן אים וועגן זייערע טרויעריקע איבערלעבונגען, לאָזן אים צו הערן, אַז באַלד נאָך סוכות וועלן אַ סך פון זיי אַוועקפאָרן. ניטאָ דאָ פאַרוואָס און צוליב וואָס צו בלייבן. דער גאַסט וויל דערוועקן זכרונות פון אַמאָל. דערציילט ער זיי וועגן אַלטן בית מדרש וואו ער האָט גע־לערנט אין זיינע קינדער־יאָרן, וועגן די ווינטערדיקע פאַרשנייטע פאַרנאַכטן און די וואַרעמקייט פון בית־מדרש־אויוון, וואָס ליגט נאָך אין זיינע ביינער...

זיינע רייד קלינגען פרעמד אין די אויערן פון די טרויעריקע יידן. איינער פון זיי, וואָס האָט אויסגעזען עלנט און פאַרשמאַכט אין דעם נעילהדיקן האַרבסט־פאַרנאַכט האָט אים געזאָגט: אויב דו בענקסט אַזוי נאָכן אַלטן בית מדרש, איז דאָ האָסטו דעם אַלטן שליסל צום בית־מדרש, מעגסט אים נעמען און דער בית־מדרש איז דיינער! דער גאַסט האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און צוגענומען דעם שווערן שליסל.

דער שרייבער האָט זיך איינגעאָרדנט אין דער אכסניה, איז אַוועק אין אַלטן, האַלב־חרובן בית מדרש און זיך דאָרט געזעצט לערנען ווי אַמאָל, אין זיינע יונגע יאָרן. אין בית מדרש איז געווען קאַלט, האָט ער באַשטעלט ביי חנוך בעל עגלה א פורל האָלץ. איינגעהייצט דעם אויוון און די וואַרעמקייט האָט צוגעצויגן יידן פון שטעטל. די חמימה און דאָס קול פון זיין תורה־לערנען האָט אָבער ניט אויסגעוועפט די עצבות, דעם טרויער וואָס האָט געהערשט אין זיין היים־שטעטל.

דורכן בית־מדרש אָבזערווירט דער שרייבער דעם אָרום: אַן עצבות׳דיקע לאַנדשאַפט. אַן אָסיענדיק שטעטל. אַ האַרבסט־הימל הענגט אין דער הייך. פון די בלייענע וואָלקנס „טריפן רעגן־טראָפּנס ווי פון פאַרזשאַווערטע נאָדלען״. ס׳איז אַ שטאָט פון קאַליקעס, פון קדיש־זאָגער. יידן האָבן ניט קיין פרנסה, ס׳איז פאַרשוואונדן די אַמאָליקע שטעטלשע שיינקייט, מען הערט ניט קיין כלי־זמר ביי אַ חתונה און ניט קיין געוויין פון אַ זויגלינג פאַרן ברית.. אין דעם טרויעריקן פעיזאַזש פון „האַלב־הימל, האַלב־וואָלקן״ וועט שוין דער שרייבער אָפּלעבן אַ ווינטער און אַ פרילינג ווי אַ גאַסט אין שטאָט און וואָס ער וועט זען, הערן, איבערלעבן, וועט ער באַשרייבן.

אַ שליסל — דער צענטראַלער מאָטיוו פון בוך. ס׳האָט זיך געטראָפן און דער שרייבער האָט פאַרלוירן דעם אַלטן שליסל פון בית מדרש. וואָס־זשע טוט מען אין אַזאַ פאַל? מען דאַרף מאַכן אַ נייעם שליסל. דערווייל באַגעגענט זיך דער גאַסט מיט נאָך אַ „גאַסט אין שטעטל. פון איצט־אָן וועלן שוין דריי, ביידע געסט און דער שליסל זיין די דאָמינירנדיקע העלדן פונעם בוך.

דער נייער גאַסט איז אַ יונגער שוואַרץ־קודלעוואַטער בחור, ירוחם הפשי (דער פרייער), אַ קאָמוניסט, וואָס איז דעפּאָרטירט געוואָרן פון אַרץ ישראל פון דער מאַנדאַטן מאַכט, צוליב „פּאָליטיק״. געליטן הונגער און דחקות, ביז ער איז ביטער אַנטוישט געוואָרן. דער שרייבער זעט ווי דער בחור גראָבט קאַנאַוועס, גלייכט אויס די וועגן און פאַרריכט דעם אַלטן ברונעם פון שטעטל. עפּעס אַ נייגעריקייט רופט דער בחור אַרויס אינעם שרייבער. ער איז אַ בעלן צו פאַרקניפּן אַ שמועס מיט אים, כאָטש מען וואָרנט אים קעגן דעם דאָזיקן פרעמדן יונגענמאַן. ירוחם אַליין מיידט אויך אויס

דעם שרייבער, ענטפערט אפילו ניט אויף זיין באַגריסונג, ווי ער וואָלט געווען ברוגז אויף אים. און אַז דער שרייבער שטייט־צו צו ירוחמען און פרעגט אים: פאַרוואָס דער געמאַכטער ברוגז? דערקלערט אים ירוחם, אַז ער, דער שרייבער, איז שולדיק אין אַלע צרות, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען אין הייליקן לאַנד, וואו ער האָט געאַרבעט אין די נעכט, געפיבערט פון מאַלאַריע אין די נעכט. וויאַזוי איז דאָס מעגלעך? — פרעגט עגנון — איך בין דאָך אַוועק קיין ארץ ישראל, איידער דו, בחור, ביסט געבוירן געוואָרן? און ירוחם ענפערט אים, אַז עס זיינען געווען זיינע, עגנונס פלאַמענדיקע לידער נאָך „ציון און ירושלים", וואָס האָבן אים באַגייסטערט און אין אים אויפגעוועקט אַ חשק עולה זיין קיין ארץ ישראל. דאָרט, אין ארץ ישראל, האָט ער, ירוחם, געהאָפט אַז דער שרייבער וועט אים באַגעגענען מיט אַ מאַראַנץ אין האַנט, וועט דעם מאַראַנץ טיילן מיט אים העלפט אויף העלפט... הקיצור, ער האָט אים ניט באַגעגנט, אנשטאָט אַ מאַראַנץ האָט ער דאָרט געהאַט קדחות...

צום ערשטן מאָל טרעפט עגנון דעם בחור זיצן אויף די וועגן, זעט ווי ער פאַרריכט דעם שאָסיע. „דער בחור אינמיטן וועג, פון אינדערפרי ביז פאַרנאַכט, פאַרריכט דעם וועג און זעט זיך אליין ווי ער וואָלט מתקן זיין אַ גאַנצע וועלט". אַ מין אויסבעסערן די וועלט דורך אויסברוקירן, אויסלאַסטערן אַ נייעם וועג. ירוחם שוויגט און מיט זיין שווייגן פאַרכשופט ער דעם שרייבער און ער ווערט צו אים ווי צוגעשמידט. אין אָט־דער מאָדנער סימפּאַטיע פון דעם שווייגנדיקן שרייבער צום שווייגנדיקן אַרבעטער הערן מיר די פסיכאָ־אידייאישע אָפּהילכן פון שרייבערס נשמה. עס דערמאָנט אין דוד בערגלסאָנס „אָפּגאַנג": „שוויג, שוויג, וועסט סוף־כל סוף אויסשווייגן אַ שיין לעבן".

עגנון זאָגט וועגן ירוחמען: „איך בין אים פאַרביי און ער האָט מיך ניט באַגריסט. פריער האָב איך זיך אויף אים ניט אומגעקוקט, ווייל איך בין געווען פאַרנומען מיטן שליסל, וואָס איז מיר פאַרלאָרן געגאַנגען". דערמיט איז עגנון אויסן צו באַווייזן דעם גרויסן קאָנטראַסט פון אַלטן בית־מדרש, וואָס דער שליסל עפנט זיינע טויערן און דער נייער וועלט, ירוחמס, אַ וועלט וואָס איז אינגאַנצן פריי פון דער אַלטער בית־מדרש לופט...

אַ גאַסט אויף אַ ווייל

אין איין זאַץ אונטערשטרייכט עגנון שאַרף דעם אונטער־שייד צווישן ירוחמען און דער קאָנפאָרמיסטישער אינטעלעגענץ פון שטעטל, וואָס בויגט זיך הכנעהדיק פאַר די רעקציאָנערע ווילקירן פון דער ביוראָקראַטישער מאַכט. „שפּאַצירנדיק אין גאַס האָט זיך צו מיר צוגעקלעפּט אַ בחור, און האָט מיך געמוסרט, פאַרוואָס איך חבר זיך מיט ירוחם חפשי, וואָס איז אַ קאָמוניסט און אַ שונא ציון. דאָ מוז איך זיך מודה זיין, אַז כאָטש דער בחור איז אַ ציוניסט און ניט ירוחם, איז ער, ירוחם, מיר מער צום האַרצן... חוץ דעם ציוני האָבן מיך אויך אַנדערע געוואָרנט, ניט צו רעדן מיט ירוחמען אין גאַס. מען איז אים חושד אין קאָמוניזם, און היות איך בין אַ בירגער פון אַן אַנדער מדינה, קאָן מען מיך חלילה אַרויסשיקן פון שטאָט... האָב איך זיך גענומען צייט און האָב געטראַכט: איז עס מעגלעך? איך, וואָס מיינע אבות און זיידעס, מיין טאַטע־מאַמע און איך אליין בין געבוירן אין שטאָט, און האָב דאָ אויך פאַרבראַכט מיין יוגנט, ווי קאָן קומען אַ טשינאָווניק, וואָס איז דאָ ניט געבוירן געוואָרן, דאָ גאַרניט אויפגעטאָן, נאָר לעבט אויפן חשבון פון אירע איינוואוינער, און ער זאָל מיר זאָגן: ביזט אַ פרעמדער! גיי דיר פונדאַנען!"

עס איז פוילן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. דאָס אַלטע שטעטל צעפאַלט זיך פלוצלונג אין איר איינגעזעסנקייט. די עמיגראַציע שטימונגען זיינען דער פּראָדוקט פון אַנטיסעמיטיזם און רעאַקציע. אין פוילן זיינען אָבער די יידן געווען פון דורות אַן אָרגאַנישע באַשטאַנדטייל פון לאַנד און לאַנדשאַפט (זע עגנונס „לעגענדעס פון פוילן". — „פּה־לין, — „דאָ נעכטיק!"). אין דער נאַטירלעכער יידישער פאַרפוילנקייט קומט אַריין די נייע רעאַק־ציאָנערע צייט מיט איר עמיגראַציאָניזם ווי אַ דיסאָנאַנס, ווי אַ ווידערשפּרוך. פאַרוואָס זענען עפּעס יידן פרעמדע אין פוילן? פאַרוואָס זאָלן זיי נעמען דעם וועג? ירוחם איז דער איינציקער, וואָס ווערט ניט מיטגעצויגן מיט דעם געזעלשאַפטלעכן שטראָם פון „פאַרלאָזן". ער איז דאָך דער איינציקער, וואָס איז ניט אַנטוישט אין די פּראָצעסן פון אַ פאַראויסגייענדיקער געזעלשאַפט. ער ווייסט אַז נאָכן אָפּגאַנג קען קומען אַ נייער אויפגאַנג.

דער ברוגז מיטן שרייבער הערט אויף. זיי ווערן נאָענט. דער גאַסט געפינט אויס, אַז ירוחם איז דער „באַשערטער" פון רחלען, די טאָכטער פון פון בעל האכסניה, פון גאַסט־הויז, וואו עגנון וואוינט און אין וועלכער ער אַליין, דער שרייבער איז גאָר בסך־הכל אַ ביסעלע „פאַרליבט"... און דער סוף פון דער מעשה איז אַזאַ: דאָס פּאָרל, ירוחם און רחל, האָבן חתונה און עגנון ווערט אַן אָפּטער אַריינגייער אין זייער הויז. אַז עס ווערט געבוירן אַ קינד, און עס איז שוין ערב אָפּפאָרן פון גאַסט צוריק קיין ארץ־ישראל, גיט מען דאָס קינד אַ נאָמען נאָכן שרייבער. ביים ברית גיט עגנון דעם יידעלע א מתנה דעם שליסל צום אַלטן בית־מדרש...

ווי אַ ליכט־זייל, וואָס די זון וואַרפט אַריין דורכן שפּאַלט פון טיר אָדער לאָדן, אַז עס זעען זיך־אָן די מינדסטע שטויבעלעך, אַזוי קאָנטיקט זיך אַרויס דורך דער עפּיש־דערציילערישער ראַם פון ווערק די אידעע.

פון דעם יום־כיפורדיקן לאַנדשאַפט־געמעל אין דעם אָפּגייען־סימבאָל פון אַ פּאַרשפּעטיקטן צוריקקער צום חלום פון דער יוגנט. דער גאַסט דערציילט, אַז נאָך אין זיין קינדהייט האָט ער געחלומט צו באַזיצן אַ שליסל. ער האָט אַזוי ליב געהאַט שליסלען. „ווי וואונדערלעך עס איז! מען טוט אַ דריי אַ שליסל און דאָס גאַנצע האָב און גוטס פון הויז ליגט פאַר דיר אָפן!" אָבער איצט? די דערקענטעניש ווערט פאַרוואַנדלט אין גראָטעסקער איראָניע! נאַ דיר דעם שליסל, בעסער ווי ער זאָל זיך וואַלגערן אין מיסט", זאָגט אים דער אַלטער. ווי ווייט ס'איז די צייט פון יענע קינדערשע בענקעניש נאָכן שליסל, ביז איצט, דער צייט ווען דער גאַסט באַזיצט דעם שליסל און איז דער באַלעבאָס פון גאַנצן בית מדרש. ער האָט באַקומען אַ חפץ, אַ זאַך וואָס קיינער נויטיקט זיך ניט אין דעם. („אַלע שטרעבונגען ווערן פאַרוואָרקלעכט ווען עס איז שוין צו שפּעט").

דער קינסטלערישער באַוואוסטזיין ווייסט וועגן די גרויסע ענדערונגען וואָס די צייט האָט געבראַכט. דער שליסל וועט שוין ניט קענען אויפעפענען די פאַרשלאָסענע, פאַרזונקענע וועלטן. די איראָניע גייט דאָ איבער אין גראָטעסק. דער אַלטער שליסל איז פאַרלאָרן געוואָרן. ווען דער שרייבער קלאָגט זיך פאַרן לאָמען דניאל בח, אַ מלחמה־

אינוואַליד, זאָגט אים דניאל: „טו וואָס איך האָב געטאָן, — האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן מיט זיין הילצערנעם פוס — מאַך אָן אַנדער שליסל״... דער נייער שליסל, וועט שוין אָבער ניט זיין ווי דער אַלטער, פונקט ווי דער הילצערנער פוס איז ניט דער מענטשלעכער פוס. דער נייער שליסל, ווען ער וועט עפענען דעם אַלטן בית־מדרש וועט ער שוין ניט אַנטפּלעקן די אַלטע וועלט. דער שרייבער איז דערפאַר אַזוי דערשיטערט פונעם פאַרלוירענעם שליסל, ווייל ער דעמאָנסטרירט פאַר אים אַ מעכאַניזם, אַ פּראָווו צו רעקאָנסטרואירן אַ זאַך, וואָס האָט שוין ניט קיין אחיזה, קיין אָנהאַלט אין דערווירקלעכקייט.

ניט ווייניקער ווי דורכן שליסל ווערט די אידעע פון עגנונס ווערק אויפגעקלאָרט דורך דער איינציק פּאָזיטיווער געשטאַלט אין ראָמאַן ירוחם חפשי. די באַציאונג פונם שרייבער צו דעם מאָדנעם וואוילן יאַט דערפירט צו דעם, אַז קינסטלעריש זאָל ירוחם אָנהויבן אָקופּירן דעם גאַנצן ראָמאַן, אַרויסשטויסנדיק אויף דער פּעריפעריע די אַנדערע העלדן.

די באַגעגעניש מיט ירוחמען טראָגט אַריין אַ נייע געדאַנקלעכע ליניע אין עגנונס קינסטלערישן דעטאַל. ס׳איז ווי דער געוועזענער פּאַלעסטינער חלוץ דערפירט דעם שרייבער צו אַ מין נייער באַזינונג. דער פאַרלוירענער שליסל האָט באַוויזן דעם אָפּגאַנג, די נעילה, די שקיעה פונעם נעכטן; ירוחם ברענגט דעם אָנזאָג פון אַ שפּעטערדיקן אויפגאַנג. דער שרייבער טראַכט: „וואָס זאָל איך טאָקע טאָן מיטן דעם שליסל פון אַלטן בית־מדרש? זאָל איך אים אפשר אָוועקגעבן ירוחמען און אים זאָגן: ירוחם חפשי, פּרייער ברודער מיינער! ביז איצט האָב איך געהיט דעם אַלטן בית־מדרש פון היינט אָן בלייבסטו דער היטער...״

ירוחם איז אַ מין קאָרעקטיוו וואָס דער שרייבער וויל דורך אים באַזייניקן דעם טרויער פון זיין אונטערגייענדיק שטעטל. אויך ירוחמ׳ס כלה, רחל, איינע פון די שענסטע פּרויען־פּאָרטרעטן אין ראָמאַן, ביי וועמען „די אויגן זיינען אומעטיק, טיפע, פול מיט מאַמעדיקער איבערגעבנקייט״, איר צונויפקומען זיך מיט ירוחמען, באַשטעטיקט אַז עס זיינען נאָך פאַרבליבן וויטאַלע כחות אין שטעטל.

ווען דער גאַסט קלייבט זיך צוריקפאָרן אין זיין היימלאַנד,

ווערט געבוירן פון דעם זיווג ירוחם־רחל אַ זונעלע. פאָרן גיין צום ברית טראַכט דער שרייבער: וואָס פאַר אַ מתנה גיט מען דעם ניי־געבוירענעם? אין דער פאַנטאַזיע פירט ער אַ וויכוח מיט זיין ווייב, וואָס שרייבט אים ער זאָל זיך צוריקקערן אהיים. „איך וואָלט זיך שוין לאַנג אומגעקערט" — זאָגט ער — „אָבער וואָס וועט זיין מיטן שליסל?" — „לייג אים אַריין אין ארון־קודש, אַז די מתים וועלן קומען לייענען די תורה, וועלן זיי אים צונעמען!" — ענטפערט זיין ווייב. — און די דאָזיקע, וואָס זיינען נאָך ניט טויט, וואָס זאָלן זיי טאָן?" — פרעגט ער ווייטער. — „סייווי פרעגט קיינער ניט אויפן שליסל!" — ענטפערט זיין ווייב.

וואָס פאַר אַ מתנה גיט מען טאַקע דעם קינד? „אַ גאָלדענעם זייגער? וואָס טויג אַזאַ טאַטנס קינד גאָלד? איך וועל אים געבן דעם שליסל פון אונדזער אַלטן בית־מדרש... וואָריל דעם מענטשן וואָס האָט אַ שליסל אין האַנט און קען יעדעס מאָל עפענען אַ טיר און אַריינגיין..."

דער פינאַל, דער לעצטער סימבאָלישער אַקאָרד פון עגנונס נאָוועלע איז דער: ער גיט אַוועק דעם ניי־געבוירענעם יידעלע, דעם זון פון אַ דעפּאָרטירטן און אַנטרונענעם ישראל־חלוץ און אַ חלוצה דעם שליסל, ווי ער וואָלט אים געמאַכט פאַר דעם יורש פון דער יידישער פאַרגאַנגענהייט אין פוילן. קען די דאָזיקע פויליש־יידישע טראַדיציע ווערן אַ קוואַל פאַר דער צוקונפט?

כדי צוריקקערן די „פאַרלוירענע צייט" דאַרף מען זיך באַנוצן ווען דער שרייבער האָט זיך צוריקגעקערט קיין ירושלים, האָט זיך דער אַלטער שליסל אָפּגעזוכט. אָבער ער האָט דאָ שוין ניט געהאַט וואָס צו עפענען. דער קיבוץ „רמת רחל", וואָס עגנון באַזוכט נאָך זיין אהיימקומען, האָט ניט קיין אַלטן בית־מדרש. „האָב איך גענומען דעם שליסל און אים אַריינגעלייגט אין אַ קאַרטן און דעם שליסל פונם קאַסטן אויפגעהאַנגען אויפן האַרצן. ווען' איר דאָך פרעגן: פאַרוואָס האָב איך דעם בית־מדרש־שליסל ניט געטראָגן אויפן האַרץ? וועל איך אייך ענטפערן: אונדזערע עלטערן האָבן געמאַכט שווערע שליסלען, ניט לויט דעם כח פון אַ מענטשלעך האַרץ... מיט דער צייט וועלן אַלע בתי מדרשים

פון חוץ לארץ אויפגיין קיין ארץ ישראל... ליגט זיך דאָרט דער שליסל. ער וואַרט. ער איז שטאַרק, פון אײַזן. איך בין נאָר אַ מענטש פון בלוט און פלייש איז מיר שווער צו וואַרטן..."

"שווערע שליסלען" — די אַלטע. די שליסלען זײַנען צו שווער פאַר דעם נײַעם דור, ניט לויט זײַן מאָס. "מיט דער צײַט, וועלן אַלע בתי מדרשים זיך אַריבערציִען". — "מיט דער צײַט" דאָס אַלטע וועט זיך אַמאָל אומקערן, נאָר דאָס נײַע וועט זיך שוין ניט אומקערן צום אַלטן. און דאָס איז דער שליסל צו עגנונס עפּיק.

אין שאַפן פון גרויסע וואָרט־קינסטלער דאָמינירט אָפט דער מאָטיוו פון "פאַרשפּעטיקטן צוריקקער", דאָס זוכן די "פאַר־לוירענע צײַט", און דאָס בענקען נאָכן "פאַרלוירענעם גן עדן" פון דער קינדהייט. אמאָל ווערט דער דאָזיקער בענקענדיקער מאָטיוו אויסגעדריקט דורך אַלטן סטיל און דער אַרכאַאישער קאָנסטרוקציע פון דער קאָמפּאָזיציע.

דער ראָמאַן ענדיקט זיך מיטן שליסל. אַ גאַנץ יאָר שפּעטער, מיט "אַמאָליקן סטיל". דער שרײַבער באַנוצט זיך אויך מיט די עלעמענטן פון מיטאָס, וואָס ער ברענגט אַרויס דורך פאַנטאַסטישע מעשהלעך פון זיידע־באָבע, דורך אַ בענקענדיק וויג־ליד און אַ סימבאָל פון ברונעם, קרענעצע, טײַך, סאַזשעלקע, אַ הענגענדיק בריקל איבער אַ טײַך. פון דער קינדער־בענקעניש זײַנען ניט פרײַ די מאָדערנסטע קינסטלער.

לעצטנס זײַנען אָפּגעדרוקט געוואָרן די פּריוואַטע בריוו פון דעם סאָוועטישן פּראָזאַאיקער אַלעקס אַנדער פ אַ ד י ע וו און עס מערקווירדיק צו זען ווי דער שאַפער פון דער סאָוועטישער הע־ראָאישער "יונגער גוואַרדיע", וואָס האָט זיך אינגאַנצן אידענטי־פיצירט מיטן נײַעם יונגן סאָוועטישן דור, וואָס האָט פאַרטיזאַניש געברענט די טריט פון די ברוינע נאַצי־חיות אין די וועלדער פון קראַסנאָדאַר און די סטעפּעס פון נאָוואָ־ס בירסק, ווי ער קלאַמערט זיך אויך אין דער "פאַרלוירענער יוגנט" זײַנער, אין די טעג וואָס וועלן זיך שוין ניט צוריקקערן.

"איך בין געגאַנגען אין די פאַמיליאַרע הויפן פון מײַן קינדהייט ביי די ווייט־מזרחדיקע ברעגעס פון פאַסיפיק. איך האָב

ניט געפונען קיינעם צו אַסאָציאירן אים מיט מײַנע יונגע טעג אין וולאָדיוואָסטאָק; ניט געווען קיינער, וואָס זאָל מיר אַנטקעגנקומען און זאָגן: ׳געדענקסט׳... שעהן בין איך געשטאַנען און זיך באַ־האָפטן מיט פאַרגאַנגענע גליקלעכע מינוטן, וואָס וועלן זיך קיינמאָל ניט צוריקקערן...״

„דיין לעצטער בריוו״ — שרייבט ער צו זיינען אַ יוגנט־ליבע, אסיא קאלעסניקאָווא — „האָט אין מיר אויפגעוועקט אַ זיסן אומעט און געפּרעסט מיין נשמה. דער ריינער ציקל פון לעבן, וואָס האָב אַנגעהויבן אַלס קינד, איז געקומען צו אַ סוף און וועט זיך ניט צוריקקערן, ווי די וואַסערן אין פלוס פון אויסגוס, וואָס זיינען לאַנג פאַרשוואומען אין דער אומענדלעכקייט...״

אין זיינע עסייען וועגן עגנונס שאַפן זאָגט דער העברעאישער ליטעראַטור קריטיקער פּראָפעסאָר ב. קורצווייל, אַז דער גרונט־מאָטיוו פון עגנונען איז דאָס זוכן די „פאַרלוירענע צייט״. פאַראַן אין זיין שאַפן די שטרעבונג זיך צוריקקערן צום צעשטערטן גן עדן פון זיין קינדהייט. דער מאָטיוו פון „פאַרשפּעטיקטן צוריקקער״, וואָס ווערט אויסגעדריקט דורך זיין סטיל און אין דער גאַנצער קאָנ־סטרוקציע פון זיין קאָמפּאָזיציע.

אויך אין דעם שטעטל־ראָמאַן „אַ גאַסט אויף אַ וויילע״ שילדערט דער דיכטער זיין אַריינפאַלן אין דער האַרבסטיקער אַטמאָספערע פון אַן אומעטיקער כל־נדרי־נאַכט אין זיין האַלב־חרוב גאַליציש ייִדיש שטעטל (נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה). נאָכן דאַוונען איז אין שול געוואָרן ליידיק און פּוסט. עס זיינען אויך פאַרשוואונדן געוואָרן די ווייסע ליכט, וואָס האָבן אַמאָל גע־ברענט אין שול. ער איז אַוועק צו דער בריק, וואָס הענגט איבערן שטעטלשן טייך סטרופּאַ.

„איך בין געשטאַנען אויף דער בריק, ווי אַמאָל מיין טאַטע זכרונו לברכה אין דער יום־כיפּור־נאַכט. דער ריח פון וואַסער וועפּט אויס דעם דורשט און מאַכט דעם מענטשן נאָכצוטראַכטן. ווי די דאָזיקע וואַסערן, וואָס דו זעסט איצט זיינען דאָ פריער ניט געווען און וועלן מער ניט זיין, אַזוי וועט דער טאָג, וואָס איז געגעבן געוואָרן כדי מכפר צו זיין אויף אונדזערע זינד, מער ניט

זיין... וואַסערן גייען און וואַסערן קומען. זיינען אָנגעקומען אַ צאָל יינגלעך און מיידלעך מיט ציגאַרן אין מויל אַוודאי פון אַ הוליאַנקע וואָס זיי האָבן איינגעאָרדנט אין דער נאַכט, צו באַווייזן, אַז די מורא פון יום כיפּור איז ניטאָ אויף זיי... זיי האָבן אָנגעצונדן אַ שייטער און אין דער זעלבער שעה האָט זיך דער שאָטן פון מיין געשטאַלט אויסגעמישט מיט זייערער אינם ליכט פון שייטער...״

דאָס פלעמלען פון ליכט, ווען ס׳ווערט ניט געשטערט פון ווינט און רעגן, ציט זיך אַרויף, אָבער עס שטרעבט זיך ניט צו אָפּרייסן פון קנויט, נאָר עס קאָנצענטרירט זיין גאַנצן כח אויפן אָרט. דער שייטער שיסט אַרויף פייער־צונגען און די פונקען רייסן זיך צום הימל. דאָס ליכט פון שייטער האָט ניט קיין באַשטימטע פורעם אָדער גרענעץ. פייער־צינגער אָדער פונקען חברן זיך אויך מיט שאָטנס און שפּרינגען אינאיינעם מיט די שאָטנס. די יוגנט, וואָס וויל מער ניט זיין צוגעשמידט צום אָרט און איז אויך באַפרייט פון צייט, צינדט־אָן שייטערס, פאַרברענט דעם נעכטן די אַלטע פאָרמען פון פרומער יידישקייט, ווי האַלץ און צווייגן ווערן אַש ווען זיי קומען אין באַריר מיט דעם זויער־שטאָף פון דער פרייער דרויסנדיקער לופט...

עגנונס פאַרגאַנגענהייט איז נאָך ניט פאַרגאַנגען אין זיין אינעווייניקסטער פּסיכיק. ער קלאַמערט זיך אין איר. ער ווייסט אָבער אַז קיין צוריקקער צו דער „פאַרלוירענער יוגנט״ איז ניטאָ. ס׳איז אַ „פּאַרשפּעקטיקטער צוריקקער״ צו דער „פאַרלוירענער צייט״, וואָס בלויז אי״ר שאָטן איז פאַרבליבן. מען קען ניט צוקלעפּן אַ שאָטן צו דער וואַנט. ער פאַלט דערפאַר אריין אין אַ אַ געווירבל פון אַמביוואַלאַנטע געפילן. ער איז פול מיט טרויער, וואָס דאָס אַלטע פאַרשווינדט אָבער ער מישט אויך אויס זיין שאָטן מיט דער לעבעדי׳קער יוגנט ביים שייטער. שווער פאַרן שרייבער אָוועקצושטעלן דאָס אַלטע יום־כיפּור ליכט קעגן נייעם שייטער. דאָס אַלטע עלטערט זיך אין אַלטן און דאָס נייע איז אינגאַנצן ניי. בלייבט ער, נוצנדיק ניטשעס אַן אויסדרוק, ווי אַ הענגענדיקע בריק צווישן צוויי עפּאָכעס. ער אַליין איז אַ מין איבערגאַנג, וואָס זוכט אַן אויפ־גאַנג. זיין צוריקקער צום היים־שטעטל, צום אָרט פון דער קינד־הייט, איז אַ באַגעגעניש פון צייט און אָרט. דאָס אָרט איז אַלט אָבער די צייט איז שוין אַ נייע. קען מען אומקערן די צייט? ווי

בויט מען אַ בריק איבער די כוואַליעס פון דער צייט. אין בית־מדרש, וואו ער לערנט, איז די צייט אַליין פאַרגליווערט געוואָרן.
„פאַראיינזאַמט שטייט די בימה און דער טיש אויף וועלכן מען לייענט די תורה. שוין חדשים אז דער ארון־קודש איז פאַרמאַכט און קיינער האָט קיין סידור ניט געעפנט און ניט אַרויסגענומען קיין ספר פון שאַפע צום לערנען, סיידן די מתים ביינאַכט... איך האָב אַרויסגענומען אַ גמרא און זיך געזעצט לערנען. כ'האָב אויפגעהויבן ס'קול און דער קול פון תורה האָט גובר געווען דעם קול פון צייט. עס האָט זיך דערהערט דער קלאַנג פונם שטאָט־זייגער ווען די אַרבעטער שטעלן אָפּ די צייט און גייען עסן..."
יום כיפור ביינאַכט אויף דער בריק קוקט ער אין הימל, כדי „צוזען צי עס גייט ניט דאָרטן ניט אויף אַ קליין וואָלקנדל ווי אַ פלאַך פון דער האַנט..." און דער טייך שלינגט די שטערן „און דער פלאַם פון שייטער ציט זיך צום הימל".
פאַרן איינזאַמען מענטשן אויפן בריקל בלייבט יום־כיפור אַ זיסע דעראינערונגס־נאַכט צו וועלכער ער טוליעט זיך. דאָס וועקסענע יום כיפור־ליכט איז דער סימבאָל פון דער ראָמאַנטישער פאַרגאַנגענהייט. און דעם שטח צווישן אַמאָל און דעם היינט זעט ער אין דער אָפּטישער ענדערונג. „דאָס ליכט, וואָס פלעגט גלאַנצן אויף די קעפּ פון די מתפללים האָט שוין ניט געגלאַנצט; אויך די טלתים האָבן ניט אַרויסגעשלאָגן קיין ליכט. אַמאָל פלעגט יעדערער ברענגען אַ ליכט, ווי אַ צוגאָב צו די ליכט וואָס האָבן געברענט אין די פענצטער, איצט אַז עס זיינען דאָ ווייניק דאַוונער איז פאַראַן ווייניק ליכט..." ליכט, ליכט, ליכט! עלף מאָל ווערט דאָ באַנוצט דאָס וואָרט, ווי אַ קאָנטראַסט צום שייטער.

דער אָפּטער צוריקקער צו דער יום כיפור טעמע אין עגגונס גרעסערע און קלענערע נאָוועלן, האָט ביי אים, ווי ביי יעדן קינסטלער, ניט נאָר עסטעטישע טעמים נאָר אויך אידעאישע. אין דער דערציילונג „צווייפאַך" (פּי שנים): „צייטנווייז דאַכט זיך מיר, ווי איך וואָלט געשטאַנען יום־כיפור פאַרנאַכט, ווען די טויערן ווערן פאַרשלאָסן, די נשמה פון טאָג האַלט ביים אויסגיין און דער טאָג, וואָס איז אַוועק וועט זיך קיינמאָל ניט צוריקקערן..."

„ווי אַ פלאַנץ וואָס מען האָט אים אויסגעריסן פון דער ערד און פאַרפלאַנצט אין אַ וואַזאָנע, אַזוי בין איך געשטאַנען פאַר דער שול און געטראַכט פון די פאַרגאַנגענע טעג״.

און אין דער יום־כיפור דערציילונג „מיטן אַריינקומען פון טאָג״ (עם כניסת היום) איז די טעמע דורכגענומען מיט ליבשאַפט פאַרן ווייטן און נאָענטן. דער סימבאָל טוט זיך אויס פון זיין אַמאָליקן לבוש, דעם קאָנקרעטן יום־כיפור פון דער קינדהייט און באַקומט אַ נייע געשטאַלט.

„נאָכדעם ווי די שונאים האָבן צעשטערט מיין הויז האָב איך גענומען מיין קליין טעכטערל און בין מיט איר געלאָפן... ביז איך בין דערלאָפן ערב יום־כיפור פאַרנאַכט צום שול־הויף... כ׳האָב פאַרגעסן, וואָס די שונאים האָבן אונדז געטאָן און נאָר גע־טראַכט וועגן יום־כיפור, וואָס איז אינגאַנצן ליבע און רחמים און ניגונים... אין מיטן האָט אַ ווינט אַ געבלאָז געטאָן, אַ פלעמל האָט זיך אָפגעריסן פון ליכט און האָט זיך אָנגעכאַפּט אין טאָכטערס העמד. איך האָב צעריסן דאָס קלייד אויף איר לייב און מיין טאָכטער איז געבליבן שטיין נאַקעט. פון אירע טייערע קליידלעך איז איר בלויז פאַרבליבן דאָס איינציקע העמד. איצט, אַז דער פייער האָט זי אַרומגעכאַפּט, האָב איך ניט געהאַט מיט וואָס זי צו פאַרדעקן. איך בין אוועק צום ווינקל וואו עס זיינען באַהאַלטן די צעריסענע ספרים און גאָרניט געפונען, קיין איין שימה ניט... אמאָל אַז מען האָט געלייענט ספרים זיינען געווען צעריסענע ספרים, היינט אַז קיינער לערנט ניט קיין ספרים ווערן זיי ניט צעריסן.

דאָס איז אַ רמז אויף אַ דור, וואָס איז אינגאַנצן הויל, ליידיק, נאַקעט פון זיינע גייסטיקע קליידער. דער פייער פאַרצערט אַלץ, אפילו די לעצטע מלבושים. דער דיכטער איז פאַרצווייפלט. פונוואַנען קאָן קומען די הילף? די ישועה קומט פון די אייגענע טיפענישן, פון אייגענעם קוואַל.

„מיטאַמאָל האָב איך דערזען אַן ארון פול מיט אַלטע ספרים. צווישן זיי איין ניי שיינענדיק ספר אָנגעטאָן אין אַ רויט מענטעלע מיט זילבערנע שטרייפן. די אותיות האָבן געלויכטן פון אינעווייניק. מיין נשמה, ווי זי וואָלט זיך איינגעוויקלט אין דעם טלית פון מיין טאַטן, יענעם טלית מיט דער זילבערנער עטרה, וואָס האָט גע־

שטראַלט מיטן ליכט פון אַ סך ליכט... מיין קינד, וואָס האָט זיך דערוויִיל אויפגעכאַפּט פון איר דרימל האָט איצט מיט מיר מיט־געזונגען די זיסע ניגונים, אַזעלכע מתיקותדיקע ניגונים וואָס קיין אויער האָט קיינמאָל ניט זוכה געווען צו הערן... און דאָס איז געווען דער ספר, וואָס איך אַליין האָב געשריבן צו דערהייבן די נשמה פון פאַרגאַנגענע טעג".

אין זיין געראַנגל מיט דער „פאַרלוירענער צייט", מיט אַ דור, וואָס איז אויסגעהוילט פון די טראַדיציאָנעלע לבושים, געפינט דער שרייבער ספרים, וואָס פאַרבינדן אים מיט דער טראַדיציע, מיט אַזאַ טראַדיציע, וואָס ווערט באַנייט. דער גייסט קליידט זיך אָן אין אַ ניי מענטעלע...

יום־כיפור איז שוין דאָ ניט דער טאָג פון אַלטע אָפּגעלעבטע פאַרמען ,ניט קיין נאַכט וואו די לופט און די צייט זיינען פאַרגלי־ווערט. דער טאָג „פון ליבע און רחמים" איז אויך דער טאָג פון „זיסע ניגונים", און דער ספר איז דער ספר, וואָס דער שרייבער אַליין האָט געשריבן. דאָס איז אַ מין נייער מלבוש, דאָס איז אַ נייע כלי צו דערלאַנגען קינסטלעריש פאַרוועלטלעכטע טראַדיציע דער יוגנט, וואָס אַנטלויפט פון טאַטע־מאַמעס פרומקייט, אָבער דאַרף זיך באַנוצן מיטן ספר. די ליטעראַטור פאַרן נייעם יידישן דור דאַרף טאָן דאָס וואָס רעליגיע האָט אַמאָל געטאָן פאַר די עלטערן מיט זייערע מצוות און צערעמאָניאַלן. „מיין טעכטערל האָט מיטגעזונגען די זיסע ניגונים". די דורותדיקע ני"גונים ווערן אויפ־געהיט און פון זיי קאָן די יוגנט זאַמלען נייע נשמה־קראַפט.

עגנונס פאָטער, אַ פרומער תלמיד חכם מיט ליבשאַפט צו השכלה און איר פילאָסאָפיע, אַן אָפּשטאַמיקער פון דורות גאונים, איז אויך געווען אַ גייסטיקער תלמיד פון זיין לאַנדסמאַן, דעם מזרח־גאַליצישן העגעליאַנישן פילאָסאָף נחמן קראָכמאַל (עגנונס פאָטער האָט געשריבן אַ פירוש אויף קראָכמאַלס „מורה נבוכי הזמן", אַ וועג ווייזער פאַר די צעטומלטע) קראָכמאַל האָט געלערנט, אַז אין לעבן פון איינצלנע מענטשן, און אויך פון מענטשן־קאָ־לעקטיוו ,עקזיסטירן, גענוי ווי אין לעבן פון דער באַטאַנישער וועלט, און ווי קלימאַטאָלאָגיש אין דער גאַנצער נאַטור, דריי אַנטוויק־לונגס־סטאַדיעס אָדער צייט־תקופות ; צייט פון בליען און אָנהויב

וואַקסן — פרילינג; אַ תקופה פון ריַיפקייט און צײַטיקייט — זומער; אַ צײַט פון אָנהייבן וועלקן — האַרבסט און ווינטער. דאָס קינסטלעריש אויג, וואָס דריגט דורך דעם אַלטן בוים, זעט אפילו אין זיין סאַמע טיפסטן סקעלראַטישן עלטער, די שפּעטערדיקע פרילינגדיקע שפּראָצן. ער זעט אויך די אייביקע צירקולאַציע פון פרילינג־זומער־האַרבסט־ווינטער — און „ווידער פרילינג".

דער היסטאָרישער פּראָצעס גייט דיאַלעקטיש. יעדע דער־שײַנונג ווערט דורך דער ווירקונג פון אירע אייגענע כוחות פאַר־וואַנדלט אין איר געגנעם קעגנזאַץ, אין דעם אויפבלי איז שוין פאַראַן דער פאַנאַנדערפאַל; די טעזע אַנטשפּרעכט די אַנטי־טעזע און פון זיי צוזאַמען ווערט געבוירן די סינטעזע, אין וועלכע עס זײַנען באַהאַלטן די ווערטפולע טיילן פון פריערדיקן.

עגנון האָט די דאָזיקע קראָכמאַלשע ירושה פאַראינערלעכט קינסטלעריש־עסטעטיש אין זײַנע ווערק. דאָס אַמאָליקע בילד פון זיין טאַטנס אַמאָליקן שטיין אין דער יום־כיפּור נאַכט אויף דער בריק און זיין „פאַרשפּעטיקטער צוריקקער" איז דער פאַרבינדונגס־צייכן צווישן די צײַטן, פון דעם „גייסט וואָס קליידט זיך אָן אין נייע פאָרמען". עס איז דאָס אייביקע ליכט צעשטראַלט זיך פון דאָס נײַ און ווערט ניט פאַרלאָשן, איר חלב גייט טאַקע אויס, דער צײַטווײַליקער שטאָף אין וועלכן דאָס ליכט האַלט זיך ווערט צע־שמאָלצן, אָבער דאָס ליכט אַליין שיינט אַריין אין דויער.

צווישן די לינדן און דעם חיות גאָרטן

אַזויווי אַ סקולפּטאָר דאַרף זיין מאָנומענטאַל ניט בלויז אין אַ שטיין פון מאָנומענטאַלן פאַרנעם, נאָר ער מוז פון יעדן שטיק שטיין קאָנען אויספורעמען מאָנומענטאַלישקייט, אַזוי דאַרף דער וואָרט־קינסטלער פאַרמאָגן די פּייאיקייט אַרויסצוברענגען מיטלען און בילדער, און אַרויסאָנטפּלעקן די אידייע, אויף אַן ענגן שטח. אַזאַ מאָנומעטאַלישקייט דערגרייכט דער שרייבער, דער דיכטער אָדער דערציילער, אַממערסטנס דורך אַלעגאָריע, וואָס פאַר איר איז וויכטיק דער צענטראַלער געדאַנק און ניט די פּערי־פּערישע באַשרייבונג.

אין זיין אַריינפיר צו דער „געטלעכער קאָמעדיע" שרייבט דאַנטע: „איצט, אַז דער ווערטערלעכער זין איז שוין גענוג דער־קלערט, איז צייט אַריבערצוגיין צו דער אַלעגאָרישער און אמתער אָפּטייטשונג". פאַר דעם געניאַלן מייסטער פון וואָרט און בילד, פאַר דאַנטען, איז דער אמת געווען ניט נאָר אין דירעקטן רעאַליזם, נאָר אויך אין משל, אין דער אַלעגאָריע, וואָס גיט די מעגלעכקייט באַוועגן אַן אידייע צו געשטאַלטלעכקייט, אַזוי אַז די אידייע זאָל אויספילן די גאַנצע מעשה. אַלעגאָריע, אפילו ווען זי איז געשריבן פראַגמענטאַריש, איז שטענדיק אין איר פאַראַן דער אָפּקלאַנג פון געדאַנק.

מיט אַלעגאָריע האָבן זיך באַנוצט די גרעסטע פּאָעטן און דערציילער — פון האָמערן ביז היינען און פון עסכילוסן ביז באַל־זאַקן. דיכטער און דערציילער האָבן די שענסטע פּערל און דימענטן איינגעפּאַסט אין אַלעגאָריעס. אַ שיין מעשה׳לע, אין ליד און באַלאַדע, ראָמאַן און דערציילונג, אַלץ איינס צי אירע עלעמענטן זיינען גענומען פון דערווירקלעכקייט, אָדער פון דער אייגענער דיכטערישער פאַנטאַזיע, דייט־אַן אויף דעם מיין, אויף דעם געדאַנק, אפילו ווען דער קינסטלער איז בלויז אויסן געווען די מעשה און ניט דעם שכלדיקן געדאַנק, וואָס איז דער הינטער־טאָן, ווייל ביים אמת׳ן קינסטלער „גייט אָפּט דער גאַנצער שכל אַריין אין טאַלאַנט", ווי בעלינסקי האָט זיך אויסגעדריקט.

דער העברעאישער שוין קלאַסיש־געוואָרענער שמואל יוסף עגנון, וואָס איז באַקאַנט מיט זיין סטיליזירטער אַרכאַ־אישקייט פון לשון און מיט זיין טעמאַטיק, — אַ ברייט־עפּישע שיל־דערונג פון מזרח אייראָפּייאישן יידישן שטעטל־שטייגער, באַנוצט זיך אין זיין שאַפן מיט אַלעגאָרישע מיטלען.

זיין פייאיקייט אַנצוואוואַרפן בילד נאָך בילד יואָרצלט אין זיין ביבלישן סטיל. די ווירקונג פון תנכישן אימאַזש העלפט אים ער זאָל דענקען אין בילד. אין תנ״ך ווערט דאָך פון אַ צופעליקער מעטאַפאָרע, וואָס איז גענוצט געוואָרן ווי אַ בילד, אַרויסגעשפּונען אַ גאַנצע זעאונג אָדער וויזיע. פונם בילדערישן משל וויקלט זיך אַרויס אַ נבואה וועגן אַ גאַנץ פאָלק. גענוג צו ברענגען אייןביישפּיל

„ברילט אַ לייב אין וואַלד, וואו ער האָט ניט קיין רויב? פאַלט אַ פויגל אין אַ פאַסטקע אויף דער ערד, וואו זי האָט ניט קיין שטרויכלונג?״ (עמוס ג׳); „איך וועל זיי באַגעגענען ווי אַ בערינטע פון קינדער באַרויבט, און וועל זיי אויפעסן דאָרט ווי אַ לייבעכע; די חיה פון פעלד וועט זיי צערייסן״ (הושע י״ד) די דאָזיקע בילדער ווערן דערהויבן צו סימבאָלן וועגן אַן אַרמיי, וואָס רוקט זיך אָן אויפן פאָלק, ווי אַ פאַרטייעטע חיה.

אין זיין נאָוועלע „עד הנה״ — ביז אַהער! האָט דער דער־ציילער עגנון געשטאַלטיקט זיינע איבערלעבונגען אין בערלין אין מיטן פלאַקער פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אין אַ געלנצנדיקער סימבאָלישער סאַטירע, וואָס איז אויך גראָטעסק. עס איז אַן אַלע־גאָריע וועגן דייטשן בירגער אין אַ גורל׳דיקער עפּאָכע; עס איז וועגן אַ צייט, וואָס איר אומהיימלעכע אַטמאָספערע באַווייזט די „אַנטמענטשונג״ אָדער דע־הומאַניזאַציע, וואָס האָט שוין דעמאָלט אָנגעגריפן אין אינגעווייד פון דער ערשט־מלחמה׳דיקער ביר־גערלעכקייט.

אָט ווי דער שרייבער אליין רעזומירט אינם צוועלפטן קאַפּיטל דעם גאַנצן סוזשעט פון דער דערציילונג.

„איך האָב געוואוינט אין אַ קליינעם, דושנעם צימער אין אַ בערלינער פּענסיאָנאַט און האָב ניט אָנגעזען די זון. דער זון פון דער באַלעבאָסטע אין פּענסיאָנאַט מאַדאַם טראַצמילער איז פאַר־שוואונדן אויפן שלאַכטפעלד. אין איין נאַכט האָט זיך איר גע

חלומ׳ט, אַז איך, דער געלערנטער שכן, וועל איר צוריקברענגען דעם פאַרלאָרענעם זון... איך האָב וואָס אַן אמת זיך שוין געוואָלט אַרויסציען פון דער דירה. האָב איך אין צווישן באַקומען אַ בריוו פון מאַדאַם לעווי, די אַלמנה פון פּראָפעסאָר לעווי, וואָס האָט גע־וואוינט אין אַ דאָרף לעבן לייפּציג, אין וועלכן זי האָט מיך געבעטן צו קומען, כדי זי זאָל זיך מיט מיר קענען האלטן אַן עצה וועגן די ספרים, וואָס זיינען איר פאַרבליבן פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן. איך בין געפאָרן קיין לייפּציג און בין איינגעלאַדן געוואָרן אין הויז פון מאַדאַם שימערמאַן (אַ יידישע דייטשע פּאַטריאָטקע, וואָס האָט געקליבן געלט פאַר די מלחמה אינוואַלידן). אזוי ווי איך האָב פאַרלוירן איר אַדרעס, בין איך דערווייל אַוועק אין הויז פונם לייפּציקער משכיל דר. מיטל. איך בין זיך דאָרט לאַנג פאַרזעסן ערשט צוריק אויפן וועג קיין בערלין, אין באַן־הויף פון לייפּציק האָב איך געזען אַ סך סאָלדאַטן. שפּעטער, אינם געפּאַקטן וואַגאָן בין איך געזעסן לעבן איין סאָלדאַט און ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער, איז דער זון פון מאַדאַם טראַצמילער. איך האָב אים טאַקע געבראַכט צו זיין מוטער, אָבער איך בין דערפאַר געבליבן אָן אַ צימער. איך האָב ניט געהאַט וואו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן און האָב געוואַנדערט פון גאַס צו גאַס, פון הויז צו הויז און געזוכט דינגען אַ צימער און סזיינען מיט מיר געשען אַ סך זאַכן״.

וואָס איז געשען ? דאָס שילדערט דער דערציילער אין זיין קאָנדענסירטער פּראָזע אויף די זייטן פון זיין נאָוועלע. דאָס זיינען שילדערונגען פון טעג און וואָכן אין דער צייט פון דער ערשטער מלחמה אין בערלין. אין די יאָרן „ווען פרייזן זיינען גרעסער געוואָרן און דאָס ברויט — קלענער ; ווען די אַקציעס פון די רייכע וואָפן מאַגנאַטן זיינען געשטיגן, מענטשן זיינען רייך געוואָרן, און אַלץ איז געווען — „ערזאַץ״. קאַווע — ערזאַץ־קאַווע, ביר — ערזאַץ־ביר און אפילו די יידישע דרוק־אותיות זיינען פאַרביטן געוואָרן אויף ערזאַץ־אותיות״.

אין יענער מלחמה־צייט האָט זיך דאָס דייטשע פאָלק אַנט־פּלעקט אין דער גאַנצער ברוטלער גראָטעסק. עגנונס שילדערונג איז ניט בלויז אַ בילד פון אינפלאַצי׳ע־פּעריאָד אין דעם פאַר ווײמאַרישן דייטשלאַנד. עס איז אַ דערציילונג וועגן דער צעשטערונג

פון ווערטן, אַ ווערטער־מאָלעריי וועגן אַ תקופה ווען „אומעטום דרייען זיך אַרום זעלנער מיט איין האַנט, מיטליידיקע אַרבל, מיט גומי הענט און מיט הילצערנע קוליעס. די מלחמה האָט דער־פונדן אַ נייעם ערזאַץ — סאָלדאַטן אַנשטאָט מענטשן".

אין דעם געווירבל, אין דעם תוהו ובוהו האָט זיך דער שרייבער אַרומגעדרייט און דערפילט זיין אָפּגעריסנקייט, זיין איבעריקייט אין דער דעמאָנישער וועלט פון פאַלשן „פּאַטריאָטיזם", פון אַזעלכע „אידעאַלן", וואָס דער שד אַליין מאַכט צו שפּאָט. עגנון גיט איבער אַ משל וועגן דייטשן אימפּעריאַליזם, וואָס זיין פריינט דער משכיל און זאַמלער פון ספרים, דר. מיטל האָט אים אָפּגעמשלט:

„זיצט זיך אַ שוסטערל אויפן וואַרשטאַט אַ גאַנצע נאַכט און שניידט האַרטן לעדער מיט דער שער, שניידט זיך די פעל פאַר זוילן, פאַר שיך. באַוויזט זיך אַ שד׳ל און שטרעקט אים אַרויס אַ לאַנגע צונג. פוילט זיך ניט דער שוסטערל און שניידט אָפּ דעם שד׳ל די צונג. פוילט זיך ניט דער שד׳ל און שטרעקט אים אויס אַ נייע צונג. קערט זיך דאָס שוסטערל אום און שערט אָפּ אויך די צונג. און ווידער אַ צונג און ווידער אַ שער. הקיצור, ווען דאָס טאָגליכט האָט אריינגערונען צום שוסטערל אין קראָם, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז די פעל, וואָס ער האָט נעכטן אָנגעגרייט פאַר דער אַרבעט זיינען צעשניטן... פאַרשטייסטו מיך, די דאָזיקע גערמאַנער האַלטן אין איין שניידן זייערע שונאים אויף די שלאַכטפעלדער און דער סוף איז: זיי צעשניידן זייער אייגענע פעל"...״

מיט קינסטלערישן אַריינדרינגען אין דער צייט שטעלט עגנון אַוועק די גאַנצע דייטשע פּסיכיק. ער גראָבט זיך צו די פּסיכישע וואָרצלען פון דעם דייטשן בירגער און ברענגט אַרויס אין קאַרגע שטריכן אָט די פּסיכיק. ער ציט זיך אַריבער פון דער מאַדאַם טראַצמילערס פּענסיאָנאַט און וואוינט שוין ביי איינער אַ קלאָטילדע, וואָס „טראָגט אַן אייזערנעם קרייץ אויפן האַרץ, האָט שאַרפע ברעמען און אויגן אין וועלכע עס טוקן זיך שטענדיק פונקען פון אכזריות". עס גייט אויך אַוועק אַ שמועס מיט דריי

טיפיש־דייטשע „שוועסטער״ : קרומהילדע, בראונהילדע און לאָט־כען, און דעם שרייבערס פריינט פעטער טעמפער, דער אויפזעער פון זאָאָלאָגישן פּאַרק פון בערלין „טיער־גאַרטן״, וואָס זיינע „שאַרף־בלויע אויגן זיינען ווי בלאַנקענדיק שטאָל...״ אין דער אַטמאָספערע האָט דער שרייבער אָנגעהויבן אַ בוך און אים ניט פאַרענדיקט. די מלחמה דאַרף ניט האָבן קיין ביכער. דער משכיל דר. מיטל, וואָס שמועסט מיט אים וועגן דער „פילאָסאָפיע פון קריג״ זאָגט אים: „פון אַלע ביכער ביים פאָלק פון דענקער און דיכטער איז כמעט גאָרניט פאַרבליבן. זיי האָבן זיי אונטערגעצונדן כדי צו קאָכן זייער געקעכץ און באַקן זייער ברויט״. יעדע מלחמה איז דער אָנהויב פון אַ שריפה פון קולטור.

פאַרשטייט זיך, אַז מען שרייבט ניט, און קיין לייטישן צימער האָט מען אויך ניט, ווערט דעמאָלט דער „טיער־גאַרטן״ די אַנימאַלע אַטמאָספערע, אויך אַ מין אַנטרינונגס־פּלאַץ, אַ מקום מקלט...

נאָך אַ לאַנגן וואַנדער און וואָגל צווישן דער „לינדן״־אַלעע, שאַרלאָטענבורג און קורפיסטענדאַם (בערלינער קוואַרטאַלן), האָט דער שרייבער זיך אָפּגעזוכט אַ דירה אין דער פאַרשטאָט פרידנאַו, וואו די ווענט זיינען געווען באַהאַנגען מיט די מאָלערייען פון די „ניבעלונגען״ — די שאַפונג פון וואַגנערן, וואָס דער מוזיקער האָט אויף זיי געאַרבעט גאַנצע 25 יאָר: דער דייטשער מיטאָלאָגי־שער עפּאָס אין פיר אָפּערעס פון „אַרישן געניע״. די באַלעבאַטים פון דער דירה האָבן אַ הונט (אַ קליינער שטריך: די דייטשן האָבן ליב הינט, מער ווי וועלכע עס־איז אַנדער פאָלק)...

דאָס נייע צימער איז געווען אויסגעצירט מיט וואַגנערס מאָלערייען און דער שרייבער איז זיך דאָרט געזעסן און געלייענט דאָס בוך פון וואָלטערן וועגן דער „בעסטער פון אַלע וועלטן״... דאָס בוך איז „קאַנדיד״. וואָס איז אַ מין פּאַראָדיע אויף דעם פילאָ־סאָפישן ווערק פון דעם דייטשן דענקער לייבניץ „טעאָדיציע״ (צידוק הדין), אַז די וועלט איז די בעסטע פון אַלע וועלטן. דאָס אַריינבברענגען אַהער וואָלטערן און לייבניצן איז ניט קיין צופאַל. „קאַנדיד״ לייקנט, ווי באַוואוסט, די טעאָריע פון לייבניצעס טעזע. וואָלטער באַווייזט דעם אַבסורד פון דעם דורך דער ערד־ציטערניש, וואָס איז אין זיין צייט פאָרגעקומען אין ליסבאָן, און האָט צעשטערט

דעם אָפּטימיזם, די האָפנונג אויף דער „בעסטער פון אַלע וועלטן".
איז דען ניט די מלחמה אליין דער גרעסטער „אַבסורד"?

עגנון, ווי פאַר אים וואָלטער, מאָלט גראָטעסק דעם פּרייסישן סאָלדאַטן־גייסט. „אַ גרויסער צימער. האָב איך שפּאַצירט אין אים אהין — אַהער. אויף מיין יעדן שפּאַן אויפן דיל האָט מיר געענט־פערט דאָס בילד פון דער „האַגין" (פון די „ניבעלונגען"־לידער). זיין ביינערדיק פּנים מיט די טרויעריקע אויגן האָבן אויסגעזען ווי דאָס פּנים פונם גענעראַל וורֹאַנגעל... כל זמן מיין צימער איז געווען פול מיט מעבל, האָב איך ניט באַמערקט זיין אכזריות, אָבער ווען די באַלעבאַטים האָבן אַרויסגענומען דאָס מעבל און דאָס צימער איז געבליבן ליידיק, האָט ער זיך באַוויזן, אַזאַ ווי ער איז..."

ווי ווייט איז דען דער מהלך פון דער דייטשער לעגענדע, פון די „ניבעלונגען"־מאַרשן ביז דעם מאַרש פון די שפּעטערדיקע בלאָנדע זין פון דער „אַרישער ראַסע"? און זיינען דען שפּעטער די בראונהילדעס, קלאָטילדעס און לאָטכענס — יאָוואָל! — ניט געוואָרן קיין אויפזעערינס אין אוישוויץ, בוכענוואַלד און מאַידאַנעק?

„די צייט האָט זיך גענומען צייט און איז געבליבן שטיין" — אָפּגעשטעלט בלויז אויף אַ צייט, ווייל „ווען די וואָס האָבן געמאַכט די מלחמה זיינען אַנטלאָפן (דער דייטשער קייזער ווילהעלם), האָט די מלחמה אויפגעהערט".

„עד הנה" — ביז אַהער! הייסט עגנונס דערציילונג. „ביז אַהער" ציט זיך דער מיטאָס פון „בלוט און אייזן", און וואָס איז ווייטער געשען האָט שוין די געשיכטע פון 1933 ביז 1945 אַליין דערציילט...

די פּריצטע און דער פּעדלער

עגנונ׳ס אַלעגאָריע וועגן דייטשלאַנד

ש. י. עגנונס אַ קליינע נאָוועלע „האדונית והרוכל“ (די האַרינטע און דער פּעדלער), איז געבויט אויף פאָלקלאָריסטיש־לעגענדאַרן שטאָף און איז געשריבן אויף אַ קאָנצענטרירטן אופן, ווי דער שרייבער וואָלט איינגעהאַלטן דעם אָטעם און געפירט דעם לייענער צו אַן אָפּגרונט. די מיניאַטור־נאָוועלע לייענט זיך ווי אַ באַלאַדע, וואָס איז אויסגעפיבערט אין קאָשמאַר. איר טעמע איז אַ מענטשן־פרעסערישע באַשעפעניש אין געשטאַלט פון אַ פרוי, און פון איר ציען זיך דירעקטע פעדים צו דער קאַניבאַלער פסיכיק פון אַן אָרדנונג, וואָס האָט אינגאַנצן „אַנטמענטשט“ דעם מענטשן.

אַ יידישער פּעדלער (הויזירער), וואָס פלעגט וואַנדערן מיט זיין קעסטל סחורה איבער שטעט און דערפער, איז צוגעקומען צו אַ וואַלד, ווייט פון אַ יישוב און איז געבליבן שטיין פאַר אַן איינזאם הויז. עס איז אַרויסגעקומען די האַרינטע און אים געפרעגט: „וואָס דאַרפסטו דען, ייד?“ ער האָט זיך אָנגעבויגן און איר פאָרגעלייגט זיין סחורה: קעמעלעך, זייפן, פאַרפומען, נאָדלען און פאַרשיידענע שטוב־זאַכן. זי האָט קרום געקוקט אויף אים און געזאָגט: „איך דאַרף דיך ניט מיט דיין סחורה!“. ער האָט געזאָגט: „באַטראַכט, טאָמער פאָרט?“. זי האָט באַמערקט אַ יעגער־מעסער און ביי אים געקויפט ס׳מעסער. דער פּעדלער איז אַוועק און איז אַריין אין וואַלד, פאַרבלאָנדזשעט צווישן דיביימער און שוין ניט געפונען אַזוי שנעל דעם וועג פון וואַלד אַרויס. נאָך אַ פּאָר שעה איז ער צוריק געוועזן לעבן איר הויז. אַ שלאַקס־רעגן האָט אַראָפּגענידערט. דער פּעדלער האָט דער באַלעבאָסטע אָנגעבאָטן פאַרריכטן דעם רינענדיקן דאַך פון דער שטוב און די האַרינטע האָט אים דערפאַר דערלויבט צו בלייבן עטלעכע טעג אין דער הויז, ביז די רעגנס וועלן אויפהערן. ער איז געשלאָפן אין אַ צימער פון אַלטע שטוב־זאַכן.

נאָכן איבערנעכטיקן, אינדערפרי, ווען ער איז אויפגעשטאַנען האָט ער געזען ווי „די גאַנצע ערד איז איין שטיק בלאָטע״. ער איז שוין דאָ פאַרבליבן. „אַ מאָדנער לאַנגווייל האָט געשלאָגן פון די שטוב־זאַכן. די באַלעבאָסטע איז געזעסן אַן איינגעשרומפּענע. די הערנער פון די חיות, וואָס זיינען געהאָנגען אויף די ווענט, האָבן זיך איינגעהילט אין אַ נעפּל, און אַ ריח פון לעבעדיק פלייש האָט זיך געטראָגן פון זיי. זיי האָבן זיך צערעדט. „וועגן וואָס האָבן זיי גערעדט און וועגן וואָס האָבן זיי ניט גערעדט?״ וועגן די ווינטן, וועגן די רעגנס און וועגן פאַרשיידענע אַנדערע זאַכן, וואָס מענטשן רעדן צווישן זיך.

און אַז דער פעדלער האָט געפרעגט דער האַרינטע: „דו וואוינסט דאָ אַליין? האָסטו ניט קיין מאַן, אַ קרוב?״ — האָט זי געענטפערט: איך האָב געהאַט אַ מאַן און ער איז געהרג׳עט געוואָרן. — ווי אַזוי איז ער אומגעקומען? — האָט ער ווייטער געפרעגט. — וואָס גייט עס דיר אָן! — האָט זי געענטפערט — אַלץ איינס, צי אַ בייזע חיה האָט אים פאַרצוקט, אָדער ער איז דערשטאָכן געוואָרן מיט אַ מעסער. דו אליין פאַרקויפסט דאָך מעסער, מיט וועלכע מען קען שעכטן אַ מענטשן!...

און אַז דער פעדלער האָט נאָכדעם אַריינגערעדט ליבע־רייד אין דער האַרינטעס אויערן, איז ער שוין פאַרבליבן וואוינען ביי איר אפילו נאָכדעם ווי די רעגנס האָבן אויפגעהערט. „געשלאָפן איז ער אין איר מאַנס בעט, געגסן ביי איר טיש און זי האָט אים באַדינט, ווי ער ניט זי וואָלט דאָ געווען דער באַלעבאָס. יעדן טאָג האָט זי געגרייט פאַר אים אַ מאַלצייט פון געשמאַקע פלייש, פון די פעטסטע עופות״.

דערווייל זיינען פאַרביי טעג, וואָכן, חדשים. ער „האָט אַראָפּגעצויגן פון זיך די פעדלער־קליידער, האָט זיך אָנגעטאָן מלבושים פון אַ „פריי־געזאָנענעם״, זיך באַהאָפטן מיט די דאָרטיקע איינוואוינער און איז געוואָרן ווי איינער פון זיי״. און כאָטש „ער האָט פאַרגעסן, אַז ער איז אַ ייד און זי — די האַרינטע״, זיינען זיי דאָך געווען פרעמד און נאָענט. עפּעס איז געווען צווישן זיי אַ מין אומהיימלעכקייט, וואָס האָט געשמעקט מיט סכנה... קיינמאָל האָט ער זי ניט געזען עסןביים טיש. זי האָט אָבער געטאָן די שווערסטע

אַרבעט אין הויז און אין פעלד. פאַרן פעדלער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען די פראַגע, ווי אַזוי איר מאַן איז דערמאָרדעט געוואָרן.

אַז עס איז אַוועק נאָך אַ שטיק צייט און זיי זיינען נעענטער געוואָרן, איז ער שוין צוגעשטאַנען און געמאָנט ביי איר, זי זאָל אים אויפקלערן די צווײ רעטענישן: פאַרוואָס ער זעט זי קיינמאָל ניט עסן ביים טיש און ווי אַזוי איר מאַן איז אומגעבראַכט געוואָרן.

„דו, יוסף, ווילסט טאַקע וויסן" — האָט אים העלענע געזאָגט — וואָס איך עס און טרינק? — מענטשן בלוט טרינק איך און מענטשן־פלייש עס איך. און מיין מאַן? ניט איין מאַן האָב איך געהט, נאָר עטלעכע מענער" — האָט זי געציילט אויף די פינגער. — „און אַלע זיינען דאָ" — האָט זי געגלעט איר בויך און אירע אויגן האָבן דערביי געגלאַנצט ווי דער בלאַנק פון אַ שאַרפן, נייעם מעסער"...

דער פעדלער האָט געציטערט.

אין מיטן נאַכט האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פון אַ חלום־קאָש־מאַר. אין שלאָף האָט ער געהערט אַ געקלאַנג פון קייטן און ער האָט געזען ווי די צויג, וואָס איז אַלעמאָל געווען צוגעבונדן צו אַ קייט אין הויף, האָט זיך אָפּגעריסן פון דער קייט, איז אַרויפגעשפּרונגען אויף אים, און זיך איינגעביסן אין זיין גאַרגל... זיין בלוט האָט אָנגעהויבן רינען און ער האָט מוראדיק געשריגן, זיך איבערגעוועקט פון אייגענעם געשריי, און אויפגעוועקט דער באַלע־באָסטע מיט זיינע געשרייען.

יענעם טאָג האָט ער זיך אריבערגעצויגן פון איר צימער אין חדר פון אלטע זאַכן. ביז איצט האָט ער ניט געדאַוונט, און געגעסן טריפה, איצט איז אים פלוצלינג איינגעפאַלן צו לייענען קריאת־שמע. „ווייל דאָס געשטאַלט פון זייער גאָט איז געהאָנגען אויף דער וואַנט" איז ער אַרויס אין דרויסן. עס איז געווען אַ פינצטערע ווינטער־נאַכט. די ערד איז געווען געפראָרן. די הימלען ווי פאַרגליווערט, און דער וואַלד — אימה׳דיק, טריב. דער שניי איז געלעגן אויף דער ערד. „ער איז אַוועק אין גאַס און געגומען לויפן, זיך אָנגעשלאָגן אָן שטיינערנעם גאָט, וואָס איז אויך געווען באַדעקט מיט שניי". ער איז געפלויגן איבער די שנייאיקע וועגן אין דער נאַכט, ביז ער איז קוים אַ לעבעדיקער אַריינגעפאַלן צוריק אין הויז.

ווי נאָר ער איז אַריין אין שלאָף־צימער האָט ער גלייך באַמערקט אַז דאָס בעטגעוואַנט איז צעשניטן און באַשפּריצט מיט בלוט. ער איז אַריינגעלאָפן צו דער האַרינטע אין צימער און זי געטראָפן ליגן אַ גוססע. בעת ער איז געווען אין פאַרשנייטן וואַלד, איז זי אַריין צו אים אין צימער, גרייט געווען אים שעכטן מיטן יעגער־מעסער, וואָס זי האָט ביי אים געקויפט. זי האָט אים ניט געטראָפן און פאַר כעס אַריינגעשטעקט דאָס מעסער צו זיך אין לייב. ער האָט אַרויסגענומען דאָס מעסער פון צווישן אירע פינגער, און אַז זי האָט געעפנט ס׳מויל, האָט ער דערזען „דעם מעסער־בלאַנק צווישן אירע ציין״. ער האָט איר געבראַכט שפּייז און אַ געטראַנק, אָבער זי האָט גאָרניט גענומען. „ווייל זי איז געוואוינט געווען צו עסן מענטשן פלייש און טרינקען מענטשן־בלוט״...

נאָך פינף טעג איז זי אויסגעגאַנגען. ער איז אַוועק זוכן אַ גלח, וואָס זאָל זי באַגראָבן און ניט געפונען. ער האָט אַרויפגעטראָגן איר קערפּער אויפן דאַך און אים באַגראָבן אין שניי. קראָען זיינען אָנגעפלויגן און צעטיילט דעם קערפּער אויף צוויי העלפטן.

„און דער פעדלער האָט ווידער גענומען זיין קעסטל, האָט געוואַנדערט פון אָרט צו אָרט און אויסגערופן זיין סחורה״...

די כוונה פון דער אַלעגאָריע אַנטפּלעקט זיך דאָ אין צוויי אַספּעקטן. עס איז די יידישע אַסימילאַציע אין פאַרמלחמה־דייטשלאַנד. מיט איבער הונדערט יאָר צוריק, ווען די טויערן פון דער יידן־געטאָ זיינען אויפגעפּראַלט געוואָרן, האָט זיך שוין דער יידישער בירגער פון דייטשלאַנד אָנגעהויבן קלאַמערן אין דער דייטשער „מאַמע־ערד״. דער יידישער לופט־מענטש און פּראָפעסיאָנאַל האָט אַ סך בייגעטראָגן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער דייטשער טעכניק און אינדוסטריע. דעם „ריינעם אַריער״, איז אָבער דער ייד פרעמד געבליבן. אין די גרענעצן פון דער דייטשער ערד, צווישן רהיין און עלבע, ביזן אָדער און נייסע, האָט זיך דער אומקער צו דער „מאָראַל״ פון די טעווטאָנישע וועלדער אויסגעדריקט אין אַ ווילן זיך צו באַפרייען סיי פון יידישן קאָמערציאַליזם און סיי פון סענטימענטאַלן מענטשן־רחמנות, וואָס יידן האָבן געבראַכט דער „עהרן־ראַסע״. דער אַסימילירטער דייטשער „יאַהודי״, דער הענדלער און פּראָפעסיאָ־

נאָל" האָט זיך, וואָס אַן אמת, געהאַלטן אין איין ציען צו דער אַרישער פּאַטאַלער רואיקייט, אָבער אין זיין הינטער־באַוואוסטזיין האָט דאָך געפלעמלט אַ טונקלע אַנונג, אַז אין דעם נאָרדישן מענטשן איז נאָך פּאַרטייעט די ווילדע חיה, וואָס וואַרט בלויז אויף אַ גינסטיקער צייט, אויף אַ געלעגנהייט...

„ער האָט פאַרבלאָנדזשעט אין וואַלד. די זון איז שוין פאַר־גאַנגען". — דער קאָנטראַסט צווישן וואַלד און ישוב סימבאָליזירט דאָ דעם צוריקקער צום אור־וואַלד, צו דער מיטאָלאָגישער „געטער־דעמערונג" (ריכאַרד וואַגנער).

„איך דאַרף דיך ניט און דיין סחורה". — דאָ איז קאָנטיק דער איינפלוס פון פראַנץ קאַפקאַ'ס באַרימטן „שלאָס", וואו דער העלד, (וואָס הייסט, אגב, אויך יוסף) קומט אין דאָרף, וויל דאָרט שלאָגן וואָרצלען און בלייבט אַן אורח, אַ גאַסט. מען וואַרפט אים אין פּנים: „מיר דאַרפן ניט קיין געסט, גיי דיר אַוועק!"ביידע, קאַפקאַס און עגנונס יוסף'ס, קענען ניט געפינען דעם וועג צום „שלאָס", ביידע בלייבן פרעמדע אין „דאָרף"... עגנונס יוסף איז אויך פּסיכאָ־לאָגיש מאָטיווירט. זיין פאַרבלייבן וואוינען אונטער איין דאַך מיט דער האַרינטע איז אַ מין פּסיכישע אויסטייטשונג, וואָס איז אין איינקלאַנג מיט דעם פּרוידיאַנישן באַגריף פון צוויי פּאַראַלעלע, אַנטקעגנגעזעצטע און דאָך איינער דעם אַנדערן דורכדרינגענדיקע עמאָציאָנעלע שטראָמען — פון האַס און ליבע. איינער און דער זעלבער מענש קאָן פון אונדז אי געהאַסט, אי געליבט ווערן. דאָס איז ניט נאָר קיין מעגלעכקייט, נאָר ביז אַ געוויסן גראַד אַן אָרגאַני־שע געזעצמעסיקייט, וואָס וואַקסט אַרויס פון דעם עצם טאָט פונם פּעדלער. ער האָט דאָך איר אַליין פאַרקויפט אַ יעגער־מעסער, אַן אינסטרומענט, וואָס פאַרגרינגערט, אַזוי צו זאָגן, דאָס אויספירן איר פּאָטענציעלע חיה־רעהדיקייט אין דער פּראַקטיק. דער וועג פון מסחר מיט „טויט־מכשירים" פירט שוין קאָנסעקווענט צו דער טויט־געפאַר...

דער צווייטער אַספעקט — און ער איז דער וויכטיקערער — איז דער אַלעגאָרישער ווערטער־שפּיל, וואָס דער דערציילער שטעלט־אַן אויפן סוזשעט, אויף דער בהדרגה'דיקער גרויליקער אַנטוויק־לונג פון דער מענטשלעכער פאַרדאַרבונג אין די היסטאָרישע באַ־

דינגונגען פון דער דייטשער יונקערשער עקזיסטענץ; יענע אָרדנונג וואָס האָט דערפירט צום „האָרסט-וועסל"-קאַניבאַליזם פון די אַל-פרעדס און אַדאָלפס, די גרעטכענס און די העלענעס — „ווען יודן-בלוט פון מעסער שפּריצט"! שוין אין די קאַרגע סימנים פון דער האַרינטע, וואָס עסט מענטשן-פליש, לויכט אויף די אידייען-אַסאָציאַציע וועגן דעם סימן מובהק (הויפּט-צייכן) פון דער מאָדער-נער אַרישער „עהרן-ראַסע": „אירע בלויע אויגן האָבן געגלאַנצט, ווי דער בלאַנק פון אַ נייעם שאַרפן מעסער"...

אַ דייטשער היסטאָריקער בימי ביסמאַרק האָט געשריבן: אַ לייב ווערט דערוואַקסן ניט פריער ווי ער נאַשט מענטשלעך בלוט. ביז דעמאָלט איז ער, אַזוי צו זאָגן, אַ לייבעלע. אַ דייטשער פּראָווינץ הערשער אין מיטלאַלטער ביז ניי-צייט איז געוואָרן אַ פירשט, אַ האַר, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָנגעזויפט מיט בלוט. סלאַוויש בלוט, טשעכיש בלוט, פּויליש בלוט, יידיש בלוט...

העלענע „האָט זיך אויפגעשטעלט און געמאַכט דעם סימן פון קרייץ אויף איר ברוסט" — דאָס ציטערנדיקע גרויל-בילד פון מיטאַלטער שווימט-אויף פאַרן יידישן פעדלער, לאַנג נאָכדעם ווי ער האָט זיך באַפרייט פון די פעדלער-קליידער און איז „געוואָרן ווי איינער פון די איינוואוינער". ער אַנטלויפט פון דעם סימבאָל, וואָס הענגט אויף דער וואַנט. שפּעטער, אין וואַלד, שלאָגט ער זיך אָן אין פאַרשנייטן שטיין, אָן געקרייציקטן, לעבן וועלכן די האַרינטע צלמ'ט זיך און פרעפּלט איר „אַווע מאַריע". די האַנדלונג פון דער מענטשן-פרעסערישער פּרווי איז גאָרניט אין ווידערשפּרוך מיטן פרומען מיטלאַלטער, נאָר פאַרקערט: דער דייטשער ראַסיזם איז געוועזן אַ מין דערגאַנצונג, אַ צוריקקער צום מיטלאַלטער מיט אַלע זיינע גרויל-שרעקן, פּלוס אַ היבשן צוגאָב פון נייע שרעקן, ווייל די מאָרד-טעכניק איז דאָך אין דער נייער צייט פאַרפולקאָמט געוואָרן.

ביז גאָר וויטגייענדיק איז די אַסאָציאַציע פונעם בילד וועגן „צעשניטענעם בעטגעוואַנט" אין יוספס פאַרבלוטיקטן צימער מיט יענער „באַרימטער" „קריסטאַל-נאַכט". דאָס גרויל-בילד פון וואָטאַן-גערמאַנטום, וואָס איז פאַרקערפּערט אין דער דעמאָנישער פיגור פון דער האַרינטע, ווערט דאָ דערהויבן צו אַ רעאַלן היסטאָרישן משל. זי פאַרוואונדעט זיך אליין. דער דראַנג נאָך „לעבנס-ראום"

האָט זיך דאָך פאַרענדיקט אויף דער ברוינער ערד כמעט מיט נאַציאָנאַלן זעלבסטמאָרד.

פּאַראַלעל מיט העלענעס אויסמייקען די שפּיז הערט זיך דער אַגאָניע־כאָרכל פון דער פאַרוואונדעטער נאַצישער בעסטיע. די מעשה האָט געהאַט איר עפּילאָג אויף דער וואָר, נאָכן אַליאירטן זיג, ווען דער „דריטער רייך" האָט אָנגעהויבן אויסשפּייען מיט גרינער גאַל דעם רויב פון גאַנץ אייראָפּע. „שווער געווען פאַר יוספן צו געפינען אַ גלח". — די אַרישע וועלף האָבן זיך אָנגעהויבן קליידן אין אַ פוקסישער פעל. זייער גוסט און גייסט האָט זיי ניט דערלויבט זיך צלמ׳ען איבערן שלאַנגן־מענטשן און „פּרעפלען" די תפילות אויפן יונקערשן פּגר...

דער פּגר איז באַגראָבן געוואָרן אין שניי, ווייזט אויס, כדי ער זאָל צוניץ קומען אויף שפּעטער... אין אַ נייעם פּראָסטיקן קלימאַט, — „קאַלטע מלחמה" — די גוט באַקאַנטע רעוואַנשיסישע פּאַרמאַציע. עס איז טאַקע די טבע פון שניי, אַז ער מוז אַמאָל צעגיין, און עס איז אַ נאַטור־געזעץ, אַז דער וואַלד טרייסלט אָפּ פון זיך דעם ווינטער און עס הייבט־אָן שמעקן מיט פרילינג אויף דער ערד. אָבער דערווייל האָבן פייגל פון הימל (שטאַלענע פייגל) צעטיילט דעם קערפּער אויף צוויי העלפט, אויפן „דאַך" (פון בראַנדענבורגער שלאָס). זאָל ער דאַרטן וואַרטן אויף אַ נייעם „פעלקער־פרילינג"...

דער איראָנישער אָנוואונק פון עגנונס פינאַל אין דער נאָוועלע־באַלאַדע איז אפילו איצט אַקטועל. דער פלאַטער פון די הימלישע פייגל טראָגט זיך נאָך אַלץ איבער דער צעטיילטער לאַנדשאַפט פון רהיין ביז דעם אָדער, אָבער אויך דער טונקעלער רוף צוריק צום וואָטאַנישן וואַלד, וואָס דרימלט אין הינטער־באַוואוסטזיין פון דער „איבער־ראַסע" דראָעט מיט נייע גרויל־שרעקן. עס איז די איראָניע פון דער געשיכטע, וואָס דער סכנה׳דיקער סימבאָל — דער יעגער־מעסער — ווערט ווידער אָנגעשאַרפט אויף דעם קלאָץ פון דיפּלאָמאַטיע, און סאיז נאָך מער איראָניש, וואָס דער פעדלער וואַנדערט שוין ווידער אויף די זעלבע שטעגן, און „רופט אויס זיין סחורה"...

פרייהייט און אחריות

מאַטיוון אין שאַפן פון דזשאַן פּאול סאַרטר

די אינטעלעקטועלע וועלט הערט זיך צו דער שטים פון דעם פראַנצויזישן פילאָסאָף און דראַמאַטורג, דעם קעמפער פאַר שלום און פרייהייט, דזשאַן פּאול סאַרטר, ווי מען האָט זיך אַמאָל צוגעהערט צו דער שטים פון זאָלא און טאָלסטאָי.

עס איז שוין געווען זכות פאַר אַ קינסטלער, אַז ער האָט באַקומען די נאָבעל־פּרעמיע און זיך אָפּגעזאָגט פון פּריז. אָבער סאַרטרס נאָמען בינדט זיך אויך אָן דעם נאָמען פון דאָסטאָיעווסקי. עס איז באַקאַנט, ווי דאָסטאָיעווסקי האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע קאַריערע; ער האָט זי אָנגעהויבן אויפן שוועל פון קבר. ער איז פאַר'משפט געוואָרן צום טויט פאַר רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט און איז שוין געשטאַנען מיט זיינע קאַמעראַדן קעגן דער וואַנט אונטער דעם אָפענעם מויל פון דער ביקס. נאָר אין לעצטן מאָמענט איז געקומען באַגנאַדיקונג און ער איז געבליבן אַ ליכט פאַר דער וועלט..

עפּעס ענלעכעס איז פאַראַן אין דעם שיקזאַל פון סאַרטר'ן: ער איז געבוירן ביי אַ בירגערלעכער פּאַריזער פאַמיליע, האָט שטודירט פילאָסאָפיע און איז נאָכדעם געווען אַ לערער אין אַן אוניווערסיטעט פון ל'האַוור. ביים אָנהויב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער מאָביליזירט געוואָרן אין דער אַרמיי, האָט אָנטייל־גענומען אין שלאַכטן און איז געפאַנגען געוואָרן פון די נאַציס און איז פאַרשפּאַרט געוואָרן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. שפּעטער איז אים געלונגען אויסגעביטן צו ווערן פאַר אַ דייטשן קריגס־געפאַנגענעם. ער איז צוריק געקומען אין זיין היימלאַנד און האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער „רעזיסטאַנץ" (ווידערשטאַנד) באַוועגונג קעגן אָקופּאַציע רעזשים.

ווי אויפן לעבן פון דאָסטאָיעווסקין, אַזוי איז אויך אויף סאַרטרס לעבן האָט דער פאַקט פון טויט־געפאַר אַרויפגעלייגט אַ

פייערדיקע חתימה און האָט געגעבן אַ באַזונדער כאַראַקטער זיין גאַנצן סטיל און אינהאַלט.

און נאָך אַ מצב איז פאַראַן אינעם לעבן פון דעם פראַנצויזישן דענקער און שרייבער, וואָס שטעלט אים מאָראַליש און קינסטלעריש נאָענט צום רוסישן העלזעער. ווי דער שרייבער ביי דער ניעוואַ אַזוי איז אויך דער שרייבער ביי דער סעין אַריין אין דער קונסט ווי אין אַ טעמפּל — צו זוכן דאָרט אַ תיקון פאַרן מענטשן. ווי דאָסטאָיעווסקי איז ער געקומען אין דער ליטעראַטור צו פירן אַ חשבון מיט די פּראָבלעמען פון לעבן. אַלע זיינע ווערק באַשטייען אין גרונט פון פילאָסאָפישע סימבאָלן, אָבער די סימבאָלן זיינען צונויפגעגאָסן מיט רעאַליסטישע בילדער פון לעבן.

אין אַ ליטעראַטור פון אומרו, פון שטורם און דראַנג, וואָס האַלט אין איין זוכן; וואָס זוכט גאָט, זוכט גליק, זוכט אַ זין אין דער וועלט — זוכט און געפינט ניט, האָט סאַרטר, ביים אָנהויב פון זיין וועג געפונען דעם אַבסורד און די פרייהייט.

וואָס איז דאָס לעבן? פרעגט סאַרטר, און ער ענטפערט: אַ גרויזאַמער אַבסורד, און וואָס איז דער מענטש? ער איז די פרייסטע באַשעפעניש. דער מענטש איז די איינציקע זאַך, וואָס איז ניט קיין עסענץ, אַ פריערדיק וועזן אַ "זיין. ער איז אַזאַ מין אָביעקט, וואָס פריער עקזיסטירט ער, און נאָכדעם דעפינירט ער, דערקלערט ער זיין מהות, זיין וועזן. אַלע אַנדערע זאַכן זיינען „פאַראַן", זיי זיינען „סטאַטיש". דער מענטש עקזיסטירט. ער איז תמיד „פאַרטאָן אין עפּעס", ער שאַפט זיך אַליין דורך זיינע אַקטן, און דווקא אין געראַנגל מיט די לעבנס-כוואַליעס, וואָס פליייצן אויף אים, דערפילט ער זיין מענטשלעכע עקזיסטענץ.

אין זיין „פאַרברעכן און שטראָף" רעדט דאָסטאָיעווסקיס העלד. ראַסקאָלניקאָוו, וועגן אַ פאַראורטיילטן צום טויט, וואָס טראַכט אין דער לעצטער רגע: ווען מען וואָלט מיר געגעבן די ברירה, צו שטיין אויף אַ שאַרף-שפּיציקן פעלז אויף אַן ענגן שטח מיין גאַנץ לעבן, וואָס קלעקט קוים, פאַר די פיס, אַרום איז — אָקעאַני־שער אָפּגרונט, אייביקע פינצטערניש, און מען וואָלט מיר געלאָזן אויף דעם ענגן און ריזיקאַלישן שטח מיין גאַנץ לעבן, טויזנט

יאַר, אַלע אייביקייטן, אָדער מיר געגעבן דעם גרינגסטן טויט, שוין אויפן אָרט, וואָלט איך אויסגעקליבן דאָס לעבן, לעבן! וואָס פאַר אַ לעבן? — אבי לעבן!

דאָס איז אויך דער קערן פון סאַרטרס געדאַנק. פאַר אים איז דער מענטש אַזאַ בעל חי וואָס געפינט זיך ביזן טויט אויף אַ קליינעם אינזל. ער איז „אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין דער פרייהייט און איז פאַר׳משפט צו זיין פריי". ווען אַ מענטש ווערט געבוירן איז עס ווי ער וואָלט אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין אוניווערס, ווי מען וואַרפט אריין אַ שטיין אין ים, נאָר אַנדערש ווי דער שטיין איז דער מענטש אַ בעל בחירה. ער קלויבט אויס באַוואוסטזיניק זיין לעבן.

„דער מענטש וועט שטענדיק זיין דאָס וואָס ער אַליין וועט פון זיך מאַכן" — זאָגט סאַרטר. דאָס מיינט, אַז דער מענטש איז ניט געשאַפן געוואָרן מיט אַן אפריאָרי, פון פריערדיקער נאַטור. דער מענטש איז די סומע פון זיינע אַקטן, פון דעם וואָס ער ט ו ט.

מיר זיינען געוואוינט צו דענקען וועגן זשעניען אַלס באַפּ־רייער פון מענטשן, זיינע סניגורים, פּראָטאַגאָניסטן פון זיינע רעכט אַנטקעגן גאָט. איוב, שעקספּיר, געטע, בייראָן — אַלע האָבן אָדער געשליידערט די יסורים גאָט אין פּנים אָדער געזוכט אַ זין פאַר „זיין און ניט זיין". ניט אַזוי סאַרטר. ער האָט דערפירט דעם אַטעאיזם צום לעצטן און קאָנסעקווענטסטן אויספיר: ניט מענטש קעגן גאָט, נאָר מענטש אַליין מיט זיינע מעשים און זיינע אחריות׳ן.

דאָסטאָיעווסקי האָט געפרעגט וואו איז די גאַראַנטיע פאַר געוויסן און מאָראַל? אויב עס איז קיין גאָט ניטאָ — שרייט אויס זיינער אַ העלד — דאַן מעג מען דאָך אַלץ! ווי ביי דאָסטאָיעווסקין אַזוי אויך ביי סאַרטרן, נאָר פאַרקערט: ווייל עס איז טאַקע ניטאָ קיין גאַראַנטיע פאַר דער מאָראַל דרויסן פונם מענטשן, ווייל אַלץ איז דערלויבט, בלייבט דער מענטש אַליין און די איינציקע גאַראַנטיע פאַר זיינע מעשים איז ער אַליין. ער קען ניט אַנטלויפן פון זיינע מעשים און זיך אָנשפאַרן אויף וועלכן ס׳איז כוח מחוץ אים.

סאַרטר האָט ביים אָנהויב פון זיין פילאָסאָפישן און קינסט־לערישן וועג געפונען די דיסאָלוזיע, דעם „גאָרניט און דעם זיין" און אין דעם באַשטייט דער אונטערשייד צווישן אים און זיינע מיט־שאַפער אין דער מאָדערנער פראַנצויזישער ליטעראַטור, ווי דער

קאַטוילישער פראַנסיאַ מאָריאַק אָדער דער דעגאָליסטישער אַנדרעי מאַרואַ. יענע זיינען דאָס טראַגישע זוכן, ער — דאָס טראַגישע געפינען.

ווי דער פאַרצייטיקער קהלת זאָגט ער אויך: אַלץ איז הבל הבלים. אַלץ איז גאָרניט! אָבער אַנדערש ווי קהלת, זאָגט ער אויך: גאָרניט איז אַ ל ץ! ווייל עס איז גאָרניטאָ מחוץ דעם מענטשן, ווייל גאָרניט איז פאָראויס באַשטימט פון גאָט אָדער נאַטור, חוץ דאָ וואָס דער מענטש ווערט געבוירן — „אַריינגעוואָרפן אין דער וועלט" — ערשט דאָס מאַכט, אַז דער מענטש זאָל בכוח זיין צו טאָן אַ ל ץ מיט זיין פרייען ווילן. דווקא דער וואָס האָט פעסט־געשטעלט, אַז די גאַנצע עקזיסטענץ איז נישטיקייט פון נישטיקייטן, ווייס אויך אַז די נישטיקייט וועט זיך קיינמאָל ניט אויסנישטיקן און דער מענטש איז דערפאַר שטענדיק „פאַרטאָן אין עפּעס" און דאָס גיט אים די מעגלעכקייט צו רעוואָלטירן, אויסצוקלייבן כדי אויסבעסערן, אויפטאָן.

איינע פון זיינע דראַמאַטישע הויפּט־ווערק איז די דראַמע „אָן אַרויסגאַנג!" (אין ענגליש: „נאָ עקזיט"). דאָס איז אַ פּיעסע וועגן גיהנום, נאָר אָן דאַנטעס גרויזאַמע גליאיק־געהייצטע קברים, אין וועלכע די היץ איז אַזוי גרויס, אַז „אַריינצוואַרפן זיך אין געשמאָלצענעם גלאָז וואָלט געווען אַ דערפרישונג"; עס איז אויך ניט דאַנטעס וויסטעניש מיט גייסטער, וואו אייביק רעגנט מיט פייער,, און וואו „ווילד איז דער געפלאָטער פון טויזנטער הענט" וואָס ווילן אַראָפּשאַרן דאָס פייער פון זיך.

דאָ ווערט דער גיהנום געגעבן אין אַ האַלב־ליידיקן צימער פון אַ מין האָטעל. עס איז אַ חדר אָן שפּיגלען און מיט דריי קאַנאַפּעס, אין דעם צימער באַווייזן זיך די דריי כאַראַקטערן פון דער דראַמע: צוויי פרויען: אינעס און עסטעלאַ און איין מאַן — גאַרסין. ווי נאָר זיי ווערן אַריינגעפירט, איינער נאָכן אַנדערן אין דעם „האָטעל" וואונדערן זיי זיך וואָס זיי האָבן דאָ ניט געטראָפן דעם פייער און שוועבל און די מלאכי חבלה אויף וועלכע זיי האָבן זיך געריכט... עס וועט זיי אָבער ניט נעמען לאַנג און זיי וועלן אויסגעפונען, אַז די אינסטרומענטן פון מאַטער און פּיין, אַז דער גיהנום זיינען ז י י אליין... איינער איז דעם צווייטנס גיהנום.

די ערשטע „געסט" עסטעלע און גאַרסין, וואָלטן זיך נאָך ווי עס איז „איינגעאָרדנט" אין דער נייער „וואוינונג", ווען ניט דער דריטער „גאַסט", די צום גיהנום פאַר׳משפטע פרוי אינעס, וואָס איר אויפגאַבע איז צו מאַכן דערקענען די אַנדערע צוויי זיי זאָלן זיך אַליין דערקענען. אינעס ווערט פאַרן פאַרל — עסטעלא און גאַרסין דער שופט און דער משפט, די ריכטערין און די שטראָף.

איין „גאַסט" באַקענט זיך מיטן אַנדערן דורך אויסדערציילן זיין לעבנס-געשיכטע אויף „יענער — ערדישער — וועלט". גאַרסין דערציילט, אַז ער איז אומגעקומען פון אַ הינריכטונג. ער איז געווען אַ קעמפער פאַר יושר און גערעכטיקייט, קעגן קריג, האָט געהערט צו אַ פּאַציפיסטישער גרופּע... די פּאָליציי האָט זיי אַנטדעקט, האָט אים געכאַפּט און געפּייניקט, ער זאָל אַרויסגעבן די קאָנספּיראַטיווע באַהעלטעניש פון זיינע חברים. דאָס איז געווען קעגן זיין פּרינציפּ און מען האָט אים דערפאַר דערשאָסן. עסטעלע דערציילט, אַז זי איז געווען אַ קינד פון אָרעמע עלטערן. זי האָט דערפאַר געמוזט הייראַטן מיט אַן אַלטן מאַן צוליב געלט, און האָט אים, פאַרשטייט זיך, פאַרראַטן...

נאָך דער דריטער „גאַסט", אינעס, לאָזט זיך אויס פון זייערע מעשות, וואָס זיינען ניט געשטויגן ניט געפלויגן. „נאַרישקייטן" — טענה׳ט זי — פאַר אַזעלכע „פאַרברעכנס" קומט נאָך קיין גיהנום ניט — טענה׳ט זי, און זי דערציילט ווער זי איז. זי איז אַ לעסביאַנקע, זי האָט איבערגערעדט אַ יונגע פרוי צו פאַרלאָזן איר געזעצלעכן מאַן און „וואוינען" מיט איר. נאָכדעם האָט זיך איר „געליבטע" אַרומגעטראָגן מיט אַ „שולד-געפיל" און האָט דערשטיקט דעם מאַן און דערטרונקען איר קינד. נאָך אַ לאַנגן איבעררייד צווינגט אינעס אַרויס פון די אַנדערע „געסט" דעם אמת. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז עסטעלאַ האָט געצוואונגען איר אַלטן מאַן באַגיין זעלבסטמאָרד און אויך זי האָט אַריינגעוואָרפן איר קינד אין טייך... און גאַרסין איז זיך אויך מודה, אַז ער האָט מורא געהאַט די פּאָליציי זאָל אים ניט פּייניקן און אין זיין פאַרצווייפלטן מצב האָט ער אַרויסגעגעבן זיינע חברים צו די הענקער...

עסטעלא און גאַרסין פאַרשטייען איינער דעם אַנדערן. זיי וואָלטן וועלן מאַכן זייער „אייביקן פאַרוויילן" אין דעם „האָטעל"

ווי אָנגעגעם עס קאָן נאָר זיין. מילא, וואָס מענטשן האָבן אַמאָל געטאָן אין מאָמענטן פון שוואַכקייט. מען איז דאָך געווען מער ניט ווי לעבעדיקע מענטשן... אין „צימער" איז ניטאָ קיין שפּיגל און עסטעלא וויל זיך פּוצן. אינעס לייגט איר פאָר זי זאָל זיך שפּיגלען אין אירע ,אינעסעס, אויגן... גאַרסינען, דעם מאַן, געפעלט שוין די שיינע עסטעלא און ער איז גרייט זיך אין איר פאַרליבן אויף „אַלע אייביקייטן... אָבער אינעס לאָזט ניט. זי איז זייער גיהנום. זיי מוזן שטענדיק לעבן אונטערן מאָנענדיקן אויג פון דער שטרענגער ריכטערין. — „פחדן!" פחדן!" ——האַלט זי אין איין פאָרוואַרפן דעם פאַרליבטן גאַרסינען, ביסט ניט ווערט קיין צוטרוי...

ער פּרוּאווט זיך פאַרטיידיקן. ער טענה׳ט, אַז אין תוך איז ער אַ בראַווער און אידעאַליסט, אַ מענטש פון פּרינציפּן. ער האָט דאָך אויסגעקליבן אַ לעבן פון העראָאיזם און וואַגעניש, און אַז ער האָט איינמאָל ניט געקענט ביישטיין דעם נסיון, איז געווען שוואַך? — „קען מען דען משפּט׳ן און פאַרמשפּטן אַ מענטשן צוליב איין באַגאַנגענער זינד?" נאָר אינעס ענטפערט אים: „האָסט געחלומט וועגן העראָאישע מעשים. אָבער ווען עס איז געקומען צו נסיון ביסטו אַנטלאָפן, פחדן, וואָס דו ביזט!" גאַסאַן לאָזט זיך ניט. ער טענה׳ט; „איך בין געשטאָרבן צו פרי, האָב שוין ניט געהאַט קיין צייט פאַר אַנדערע גוטע מעשים", און אינגעס ענטפערט: „יעדער איינער שטאַרבט אָדער צו פרי אָדער צו שפּעט. דו ביזט געשטאָרבן צו שפּעט. דו ביסט מער גאָרניט ווי דאָס לעבן, וואָס האָסט געלעבט".

גאַרסין און עסטעלע, וואָלטן וועלן פאַרלאָזן דעם צימער. געשיקט זיך עס דער „האָטעל" זאָל ניט האָבן קיין אַנדער פרייען צימער פאַר זייביידן? ער קלאַפּט אין דער טיר, אָבער קיינער ענטפערט ניט. ניטאָ, ווייזט אויס, קיין אויסגאַנג; מען מוז בלייבן אינאיינעם און האַלטן אין איין הערן דער ריכטערינס פאָרוואורפן, בלייבן אונטערן שטרענגן בליק פון דער דריטער... די שיינע עסטעלא קאָן שוין מער ניט אויסהאַלטן. זי וואַרפט זיך אויף אינעסן מיטן איינציקן מעסערל, וואָס איז געווען אין צימער, נאָר יענע לאַכט זיך אויס: קיין טויטן קאָן מען נאָכאַמאָל ניט טויטן...

און דער פינאַל? איידער דער פאָרהאַנג לאָזט זיך אַרונטער בלייבן אַלע זיצן פאַרמשפּטע. גאַרסין האָט אָבער דאָס לעצטע וואָרט:

„קיין אויסגאַנג!" איז דאָס דער גיהנום? — פרעגט ער — אינעס ענטפערט אים: „דער גיהנום איז דער צווייטער מענטש"...

די דראַמע איז אַ דערשיטערנדיקע קינסטלערישער סצענע פון אַ מין פּסיכאָלאָגישן גיהנום דורך וועלכער סאַרטר וויל קינסט־לעריש באַווייזן זיין עקזיסטענציאַליסטישע פילאָסאָפיע.

אַלע דריי פאַרמשפּטע אין גיהנום בלייבן מיט זיך אַליין, מיט זייער אייגענער אחריות פאַר די אָפּגעטאָנענע מעשים. קיינער קאָן דאָ ניט אויסלייזן דעם צווייטן און עס העלפן ניט זייערע פאַר־ענטפערנישן. עסטעלאַ טענה׳ט: זי איז ניט שולדיק. זי האָט דאָך לכתחילה ניט געוואָלט דאָס קינד פונם אַלטן מאַן. זי האָט געוואָלט טאָן דעם פאַרברעכן ווי דער שטיין וויל פאַלן. באַשולדיקט מען זי, דאַרף מען אויך באַשולדיקן דעם שטיין פאַרוואָס „ער וויל פאַלן".

אויך גארסין האַלט, אז בטבע איז ער ניט שלעכט, און דאָס וואָס ער האָט זיך אויפגעפירט פּחדנות׳דיק מאַכט אים נאָך ניט פאַר קיין „פאַרפאַלענעם". עס איז זיין ריכטערין, די דריטע גיהנום׳דיקע איינוואוינערין, וואָס קלערט אים אויף, אַז דער מענטש איז ניט, וואָס ער א י ז, נאָר דאָס וואָס ער ט ו ט.. דאָס וואָס דער מענטש האָט אָפּגעטאָן קאָן ער ניט אויסמעקן.

סאַרטר האָט פאַר זיין דראַמע אויספּאַנטאַזירט די גיהנום־סצענע ניט צופעליק. ווי ער וואָלט מיט דעם געוואָלט קינסטלעריש אילוסטרירן זיין פילאָסאָפיע פון פרייהייט און אחריות. לויט דעם באַנעם האָט דער מענטש, וואָס געפינט זיך אין אַ געוויסער סיטואַציע אַ פרייען אויסוואַל נאָר אין ד ע ר סיטואַציע, אין דעם מצב אין וועלכן ער געפינט זיך. דאָס קאָן אָבער געטאָן ווערן נאָר ביים לעבן, ווען דער מענטש האָט נאָך פאַר זיך אַ צוקונפט, און קען זיך אַליין שאַפן און איבערשאַפן. דער טויט שליסט אויס יעדער צוקונפט און עס בלייבן נאָר די אָפּגעטאָנענע מעשים און די אחריות פאַר זיי.

אין אָנהויב דרייסיקער יאָרן האָט סאַרטר אָפּגעדרוקט זיין דערציילונג „די וואַנט" וועגן אַ מענטשן פּנים אל פּנים מיט זיין אייגענעם טויט. ס׳איז אַ קליינע דערציילונג, וואָס איז ווי אַ

ספּרונזשינע, קליין אין רוים אָבער געשפּאַנט, פול מיט ענערגיע.
אַ גרופּע שפּאַנישע לאָיאַליסטישע קעמפער זיינען געפאַנגען געוואָרן פון די שפּאַנישע פאַשיסטן. מען האָט זיי פאַרשפּאַרט אין תפיסה־צעלן און ס׳האַלט ערב זייער עקזעקוציע.. אין די לעצטע שעה׳ן פון זייער ערדיש לעבן געפינען זיי זיך פאַר דער וואַנט, וואָס מיינט די רעאַלע וואַנט, ביי וועלכער זייער לעבן וועט באַלד אויסגעלאָשן ווערן און אויך די פאַטאַלע, אומפאַרמיידלעכע וואַנט, וואָס פון איר יענער זייט איז — אויס לעבן.

דריי פון די פאַרמשפּט׳ע ציטערן פון אַנגסט און פחד. איינער פאַלט אַריין אין ספּאַזמעס, א צווייטער ברעכט און אַ דריטער — אורינירט. נאָר דער פערטער, פּאבלאָ, איז גלייכגילטיק צו זיין אייגענעם טויט. פּאבלאָ האָט דווקא א ברירה בלייבן לעבן. זיינע ריכטער, די פראַנקאָ־הענקער, פאָדערן פון אים, ער זאָל אַרויסגעבן דעם פּלאַץ וואו זיין חבר, דער שפּאַנישער לאָיאַליסט, אַ פירער פון אַ בריגאַדע, באַהאַלט זיך אויס. פּאַבלאָ וויל זיך לוסטיק מאַכן איבער די הענקער און ער טראַכט אויס, אַז זיין חבר האָט זיך באַהאַלטן אויפן בית־עולם. אדרבה, זאָלן זיי אים דאָרטן זוכן. גיי זוך אַ ווינט אין פעלד...

דער פינאַל איז איין שטיק אַבסורד. עפּעס אַ מאָדנער צופאַל ראַטעוועט פּאַבלאָן פון טויט. עס האָט פּאַסירט פונקט דאָס פאַר־קערטע אויף וועלכן ער האָט זיך גערעכנט. עס האָט אַזוי פּאַסירט און דער קאָמאַנדיר האָט זיך צוקריגט מיט זיין שוועסטער, וואָס ביי איר אין הויז האָט ער זיך באַהאַלטן, און איז אַוועק אויפן בית־עולם... די פּאָליציי האָט אים דאָרטן געפונען. דער פינאַל — מען האָט אַלעמען דערשאָסן אָבער ניט פּאַבלאָן. ווען ער האָט דערהערט די בשורה איז ער ערשט אריינגעפאַלן אין אַ ספּאַזמע פון געלעכטער.
פּאַבלאָ האָט געוואָלט בלייבן פריי. אין אַנבליק פון טויט האָט ער פאַרלאָרן יעדן חוש פאַר זיין אייגענעם „דאָ־זיין״, און „ער האָט געקוקט אויף זיין אייגענעם קערפּער ווי ער וואָלט געוועזן אַן אַנדערער, אַ פרעמדער.)„אויב דו האָסט פאַרלאָרן די אילוזיע, אַז דו לעבסט אייביק איז שוין ניט קיין אונטערשייד צי דו לעבסט

איין שעה, אַ פּאָר שעה אָדער נאָך עטלעכע יאָר״ אויך די וואָס פאַר־משפּטן אים צום טויט וועלן אַמאָל שטאַרבן).

אין זיין פילאָסאָפיש ווערק „זיין און גאָרניט״ זאָגט סאַרטר וועגן קרבן און רוצח: „ אַ קרבן קוקט דעם מערדער אין זיינע אויגן און זאָגט אים: ׳באַקומסט מיין קערפּער, נאָר ניט מיין נשמה׳״. אויך פּאַבלאָ וויל שטאַרבן מיט ווערדע, און דאָס איז אַ באַשטעטי־קונג פון סאַרטרס באַרימטן זאָג: „ס׳איז אפילו ניט נויטיק קיין האָפענונג כדי צו האָבן אויסדויער״.

ערב מינכן, פאַר דעם צווייטן וועלט־קריג, האָט סאַרטר אַרויס־געלאָזן דעם ערשטן טייל פון זיין טרילאָגיע „דער וועג צו פרייהייט״, וואָס ער האָט גערופן „יאָרן פון פאַרשטאַנד״.

דער צענטראַלער העלד פונעם ראָמאַן, מעטיו, אַ לערער פון פילאָסאָפיע אין פּאַריז, דרייט זיך אַרום צווישן זיינע חברים: דע־ניעל, אַ יונגער מענש מיט אַ פעלער. אים ציט צו זיין אייגענעם געשלעכט (האָמאָסעקס), און ברונאָט, אַ קאָמוניסט, וואָס איז פייאיק אויפצוגעבן זיין אייגענעם גליק צוליב זיין מיטמענטשן. ביי די ביידע חברים זיינע זוכט מעטיו אַ לייזונג פאַר זיין פערזענלעכן פּראָבלעם.

מעטיו האָט אַ געליבטע, מאַרסעיל, און זי איז שוואַנגער. זיי האָבן אָפּגעמאַכט אָפּצוטרייבן דאָס קינד. מעטיו וויל ניט אָפּטרייבן דאָס נפש׳ל אין „אומסאַניטאַרישע געהיימע״ ערטער, וואָס שטעלן אין געפאַר דאָס לעבן פון דער מוטער. ענדלעך, נאָך אַ סך טעג פון אַרומלויפעניש, געלינגט אים צו קריגן אַ „לייטישן דאָקטאָר״, וואָס וויל פאַר דער אָפּעראַציע אַ גרויסע סומע געלט. מעטיו קאָן אַזוי שנעל דאָס געלט ניט לייען, און ער געפינט זיך אין אַ צרה.

ער קאָן ניט הייראַטן מיט מאַרסעילן, ווייל דאָס וועט ביי אים אַוועקרויבן די אַקאַדעמישע פרייהייט, אים ווילט זיך בכלל ניט ברענגען נאָך אַן אומשולדיקע באַשעפעניש אויף דער ערד און זי „אַריינוואַרפן אין דער פרייהייט״... „אַ באַשעפעניש מיט אַ ווילן, אַ ליכט־פלעק, וואָס וועט פלאַטערן צווישן די ווענט און קיינמאָל ניט קענען אַנטרינען״. בעסער, האַלט ער, איז זיך שטעלן אין וועג פון געבורט, פאַרמיידן דאָס געבורט פון נאָך אַ קינד. פאַר אים און

מאַרסעילן, טראַכט ער, לוינט זיך דער קרבן , זיין געלט און איר
ווייטיק, מער ווי דאָס לעבן פון קינד, וואָס איז איין אומאויפהער־
לעכער געבורט־ווײ.

צום ערשטן ווענדט זיך מעטיו פאַר אַ הלוואה צו זיין רייכן,
קאַרגן ברודער, אַ בירגערלעכער אַדוואָקאַט. אָבער זיין בורזשואַזער
ברודער באַהאַנדלט אים ווי אַן אומדערפאַרענעם יוגנטלעכן, וואָס
האָט נאָך ניט דערגרייכט „די צייט פון פאַרשטאַנד". „פרייהייט —
דערקלערט אים דער ברודער — באַשטייט אין קאָנען באַגעגענען
אַ סיטואַציע, אַ מצב ,אין וועלכן מען האָט זיך אַליין אַריינגעבראַכט
און טראָגן די אחריות פאַר דער סיטואַציע". מעטיו וויל אָבער זיין
פריי אין דער סאַמע מיט סיטואַציע. ער לויפט אַרום זוכן דאָס
ביסל מזומנים. דערביי קומט פאַר אין אים אַליין אַ געראַנגל, ווי
זיין נשמה וואָלט זיך צעשפּאָלטן אויף צוויי נשמות און איינע טענהט
צו דער אַנדערער. איין טייל זאָגט : „ביזט פאַרמשפט צו זיין פריי,
אַזוי פריי ביז ניט צו דערלאָזן דאָס געבוירן ווערן פון אַ לעבן".
„געבורט איז בלויז אַ צופאַל און דערפאַר איז עס — מאָרד"...
דער צווייטער טייל ענטפערט : „ס'איז דאָך וויכטיק צו טאָן דווקא
דאָס פאַרקערטע וואָס דו ווילסט טאָן, דעמאָלט ווערט מען דער
צווייטער"... נאָר זיין חבר ברונאָט זאָגט אים : „דו האָסט אַלץ
געטאָן צו ווערן פריי. מאַך נאָך איין שריט פאָראויס. גיב אויף דיין
אייגענע פרייהייט און ערשט דעמאָלט ביסטו אויף אַן אמת פריי"...

דערווייל לויפן טעג. מעטיו האָט זיך באַפריינדעט מיט אַ
זינגערין אין אַ נאַכט־קלוב און ווען זי דערציילט אים אַז אירס
אַ פריינט איז נעכטן געשטאָרבן אין האָטעל, לויפט ער אַהין אַוועק

סאַרטרס „פאַרמשפּטע אין אַלטונאַ" איז אַ דראַמע וועגן דער קאָלעקטיווער שולד פון דייטשן פאָלק קעגן זיין אייגענעי פראַנקרייך, קען אירע פאַרברעכנס אין גאַנץ אייראָפּע און במילא אויך קעגן יידישן פאָלק, סאיז דער אָנזאָג פון יום הדין אויף די שולדיקע פאַר די קרעמאַטאָריומס פון אוישוויץ און מיידאַנעק, אַ דין וחשבון, וואָס ער פירט מיט אַ פאָלק ביי די ברעגן פון דער עלבע.

„די פאַרמשפּטע אין אַלטונאַ" איז אַ טראַגעדיע פון דער צייט, וואָס זוכט דאָס פּראָבלעם פון שולד און פאַראַנטוואָרטלעכקייט אין מענטשלעכן האַרץ. די העלדן פון דער דראַמע זיינען די מאַגנאַטישע פאַמיליע גערלאַך — אַ דינאַסטיע פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל אַזוי ווי די קרופּ־דינאַסטיע — דער רוקן־ביין פון דער שווערער אינדוסטריע אין מערב דייטשלאַנד. די מאָראַלישע באַגריפן פון דער פאַמיליע זיינען: פאַמיליע, רייכקייט, אינדוסטריע; די גער־לאַכס דינען תמיד יענע וואָס שטייען ביי דער מאַכט.

דאָס יאָר איז 1960; דאָס אָרט — דער שלאָס פון דער פאַמיליע גערלאַך אין אַלטונאַ־האַמבורג. די שיף־בוי אינדוסטריע בליט און וואַקסט. נאָר אין רחבות׳דיקן שלאָס פון דעם אייגנטימער, דעם מאַגנאַט, וואָס זיינע קינדער רופן אים „דער אַלטער הינדענ־בורג", הערשט אַ שווער געמיט. ער, דער פאָטער איז קראַנק, אַ קענסער אין זיין האַלדז, דערנעענטערט זיינע לעצטע חדשים. ער רופט צונויף זיין פאַמיליע, אַ זון, אַ טאָכטער און אַ שנור, און פירט מיט זיי אַ געשפּרעך וועגן איינאָרדענען די אינדוסטריע נאָך זיין טויט. ער וויל, אַז זיין יינגסטער זון זאָל אים ירשנען, ווערן דער באַלעבאָס פון דער מעכטיקער שיף־בוי פּראָדוקציע „פאָן־גערלאַך".

די אומהיימלעכע אַטמאָספערע פון דעם שטאַרבנדיקן אָלי־גאַרך פאַרפלאָנטערט זיך אין דער דראַמע אין אַן אינטריגע. אין „שראַנק געפינט זיך אַ סקעלעט". ניט קיין סקעלעט, נאָר דער עלטערער זון פון הער פאָן גערלאַך, פראַנץ, וואָס האָט זיך אַליין אָפּגעשלאָסן אין אַן אויבער־קאַמער שוין זיבן יאָרן. פראַנץ איז מיט פופצן יאָר צוריק געקומען פון רוסישן פראָנט, אַ באַלאָדענער

מיט אומעט און אַנגסט. ער האָט דערמאָרדעט אַן אַמעריקאַנער סאָלדאַט, וואָס האָט „באַליידיקט" זיין שוועסטער. דער פאָטער האָט שוין געזען די „אָקופּאַנטן" זאָלן ניט באַשטראָפן זיין זון. ער האָט אַראַנזשירט מיט דעם שטאָט־ראַט פון אַלטונא, זיי זאָלן באַשטעטיקן, אַז פראַנץ איז אַנטלאָפן קיין אַרגענטינע, און ער האָט אים אויף אַ צייט פאַרשטעקט אין דער אויבער־קאַמער.

שפּעטער האָט שוין פראַנץ זיין געצוואונגענע באַהעלטעניש פרייוויליק ניט געוואָלט פאַרלאָזן. ער איז דאָרט געבליבן וואוינען אונטער פאַרהאַקטע טירן, זיך געשפּייזט מיט ראַקעס, „געלעבט" מיט זיין שוועסטער („טרייקייט" צום בלוט־שטאַם פון דעם האַנזע־מאַגנאַט!...) און זיך אויך געטרייסט מיט דער פאַלשער אילוזיע, אַז גאַנץ דייטשלאַנד ליגט אין שטויב און אַש, איז איין חורבה. ער האָט געוואָלט אָפּווישן זיין פּערזענלעכע שולד, שטילן זיין ברענענדיקן געוויסן..

אין 1938, האָט ער געהאָלפן אַנטלויפן אַ יונגן רב פון דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער, וואָס איז געשטאַנען אויף דעם באָדן פון זיין פאָטער. ווען די נאַצי־וועכטער האָבן געכאַפּט דעם אַנטלאָפענעם, האָט דער פאָטער געצוואונגען דעם זון צוזען ווי מען דערשיסט דעם קרבן. עס האָט זיך נאָכדעם אַרויסגעוויזן, אַז דאָס האָט דער אַלטער פאַן־גערלאַך אַליין געמסר׳ט דעם זון, און כדי די נאַצי־מאַכט זאָל אים ניט באַשטראָפן פאַר העלפן אַ יידן, האָט דער אַלטער גע׳פּועל׳ט ביי געבעלס׳ן, וואָס איז דאַן געווען אין האַמבורג, מען זאָל דעם זון אַוועקשיקן אויפן פראָנט, שפּעטער אויפן רוסישן שלאַכטפעלד, אויסצוקויפן זיין זינד... אויפן פראָנט, ביי סמאָלענסק, האָט פראַנץ געפייניקט און געמאָרדעט רוסישע פאַרטיזאַנער, וואָס זיינען געכאַפּט געוואָרן און ניט געוואָלט אַרויסגעבן די באַהעלטעניש פון זייערע חברים פאַרטיזאַנער.

פון פראָנט איז פראַנץ צוריקגעקומען אַ „פאַרשפּילטער". ער האָט זיך געטרייסט מיט דעם וואָס זיין פאָטערלאַנד ליגט איצט אין חורבות. דאָס וואָס דייטשלאַנד באַצאָלט איז אַ שטראָף פאַר אירע פאַרברעכנס. ער האָט געטענה׳ט: אָדער דייטשלאַנד וועט שטאַרבן, אָדער איך בלייב אַ פּשוטער רוצח... איך האָב זיך אליין

אָפּגעשלאָסן, ווייל איך וויל ניט זיין קיין עדות פון גערמאַניעס אויפ־שטיין צוריק תחית־המתים

דער אַלטער יונקערישער פאַן־גערלאַך איז אַ ציניקער אין זיין „מאָראַל״. ער באַרעכטיקט זיין פאַ׳רמסר׳ן דעם האַמבורגער רב פאַר די נאַציס, די פאַרברעכערישע מעשים זיינע און דעם זונס, אין נאָמען פון זיין „נאַטור־עטיק״, אין נאָמען פון „געהאָרכזאַמען באַ־פעל״, אָדער „אַזוי האָט געוואָלט דער פיורער!״. אַזאַ איז די אָרדנונג! פריער איז עס געווען פאַרן וואוילזיין פון פאָטערלאַנד, היינט איז נויטיק די אינדוסטריע כדי צו ראַטעווען די „פרייע וועלט״ פון קאָמוניזם... ער האָט געאַרבעט מיט היטלערן, נאָכדעם מיט אַדענאוערס אליאירטע און איז תמיד געווען רייך און מעכטיק. קען מען טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַלץ און אַלעמען אויף די אייגענע פלייצעס? זיין שולד־טראָגנדיקער זון פאָדערט אָבער יאָ אחריות. ער וואַרפט אָפּ די נוצלעכע „פאַמיליע מאָראַל״, די „פאַטריאָטישע פאָטערלאַנד מאָראַל״, די אינדוסטריעלע סטאַנדאַרדן פון „פראַקטישע עטיק״.

ערשט ווען דער פאָטער האָט דערפילט, אַז זיינע טעג זיינען געציילטע, האָט זיך פראַנץ געלאָזט צורעדן פון זיין שוועגערין, וואָס האָט אים באַזוכט אין זיין באַהעלטעניש און איז אַרויס פון זיין אָפּגעשלאָסנקייט אויף דער גאַס. ער האָט דערזען די בליען־דיקע אינדוסטריע וואָס ער דאַרף ירש׳נען, געזען ווי די שטאָט באָדט זיך ממש אין לוקסוס און אַנאַרקענט זיין זעלבסט־נאַרעריי, דעם ליגן מיט וועלכן ער האָט ביז אַהער געלעבט. איצט איז ער ווידער געבליבן מיט זיין נאַקעטער שולד, פּנים אל פּנים מיט זיין אייגענער אחריות, וואָס ער, זיין פאָטער, גאַנץ דייטשלאַנד זיינען באַגאַנגען אין דער פאַרגאַנגענהייט. ער האָט געהאַט אַ לאַנגן שמועס מיט דעם אַלטן מאַגנאַט, וואָס האָט געטנה׳ט צו אים:

— „קליינער פּרינץ! וואָס טויג דיר דאָס נעמען אויף זיך די שולד? זי איז צו שווער... פאַרגעס אין דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס געווען — איז געווען! אין צוואַנציק יאָר אַרום וועסטו שוין זיין דער אייגנטימער פון דער גרעסטער שיפּס־בוי אינדוסטריע און קיינער וועט שוין מער ניט געדענקען אָן היטלערן...״

נאָר פראַנץ האָט אַלץ געמאָנט פון זיין טאַטן די אחריות, דאָס בלוט פון די פאַרטיזאַנער, דאָס בלוט פון אומגעבראַכטן רב. זיינע לעצטע ווערטער איידער ער באַגייט זעלבסטמאָרד, זיינען: „איך נעם מיין יאָרהונדערט אויף מיינע פלייצעס און איך וועל ענטפערן פאַר די דורות!"

ווי אין אַלע זיינע ווערק אזוי אויך אין די „פאַרמשפּטע פון אַלטונא" איז סאַרטר טריי זיין פילאָסאָפיע, אַז דער מענש איז פאַרמשפּט צו זיין פריי". דאָס איז זיין טראַגעדיע און אויך דער קוואַל פון זיין גרויסקייט.. דער מענטש אַליין שאַפט, דאַרף שאַפן זיינע מאָראַלישע ווערטן און דערפאַר טראָגט ער די אחריות פאַר אַלע זיינע טאַטן. סאַרטרס „עקזיסטענציאַליזם" וואַרפט אָפּ די מאָראַל פון היסטאָרישער נויטווענדיקייט, וואָס דינט אָפט אַלס מאַסקע צו פאַרדעקן פאַרשיידענע פאַרברעכענס. די אַמאָליקע מעשים, די פאַרברעכנס, האַלט ער, זיינען רעאַלע „עקזיסטענצן". זיי האָבן שוין דורכגעפירט אַזעלכע ענדערונגען, וואָס קיינער וועט פון דער ווירקלעכקייט ניט קאָנען אויסמעקן. די מעשים קאָנען קיין אַנדערע ניט ווערן, נאָר דער מענטש אַליין קאָן יאָ ווערן אַן אַנדערער, ווייל ער איז געבענטשט — און אויך פאַרשאָלטן — מיט אַ פרייען ווילן. פון דעם דרינגט במילא, אַז דער מענטש ווערט בשום אופן ניט באַ־פרייט פון זיין שולד. דער מענטש מוז זיך אליין משפטן.

פראַנץ פון אַלטונא, ווי אַנדערע העלדן אין סאַרטרס ראָמאַנען און דראַמעס, קען זיך ניט רעכטפאַרטיקן פאַר דער געזעלשאפט מיט דעם וואָס ער איז געווען אַ קרבן פון דעטערמיניזם, פון אַ פילאָסאָפיע, אַז ווייל עס איז אַזוי געשען, האָט עס געמוזט אַזוי געשען!

אין די „פאַרמשפּטע פון אַלטונא" שפּרייט סאַרטר אויס, דורכן העלד פראַנץ, די פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויף גאַנץ דייטש־לאַנד, די אחריות פאַר איר פעלקער־מאָרד, וואָס קאָן בשום אופן ניט באַרעכטיקט ווערן ניט אין נאָמען פון נאַציאָנאַלער גלאָריע און ניט אין נאָמען פון אַ כלומרשטער פאַרטיידיקונג און שיינע

רייד וועגן דער „פרייער וועלט״. פון זיין דראַמע הערט זיך אַרויס דער פּסק־דין פון כולו חייב! ווייל דער וואָס זעט די שאַרבנס, וואָס טראָגן זיך אויף די טייכן בלוט פון דער נאַצי־רשעות, דער ווייסט אַז ווייל ז י האָט דערטרונקען איז, דאַרף איר סוף זיין דער זעלבער — דערטרונקען ווערן. דער מענטשלעכער זכרון דאַרף ניט נאָר זען די שולד פאַר די פאַרברעכנס, נאָר אויך דעם דין ומשפּט וואָס שווימט אויף די כוואַליעס פון דער עלבע ביז דעם רהיין און פון רהיין ביז דער אָדער און דער נייסע.

אין דעם מאָטיוו פון בעל־כרחו׳דיקער פרייהייט (דער מענטש איז פאַראורטיילט צו זיין פריי״), באַגעגנט זיך סאַרטר, ווי ער אַליין מיינט, מיטן מאַרקסיזם. ענגעלס האָט דעפינירט די פרייהייט ווי „די אַנאַרקענונג פון נויטווענדיקייט״ און מאַרקס האָט געלערנט, אַז דער מענטש, וואָס איז באַרופן צו אַנטוויקלען די נאַטור־קרעפטן, וועט סוף כל סוף ארויס פון דער ממשלה פון נויט און אריין אין דער מלוכה פון פרייהייט. אין זיין „אַכצנטן בריומער״ האָט מאַרקס געשריבן: „מענטשן מאַכן זייער אייגענע געשיכטע, אָבער זיי מאַכן זי ניט פון פרייען שטאָף; זיי מאַכן זי אונטער באַדינגונגען, וועלכע זיי געפינען גרייטע״.

סאַרטר אַקצענטירט די ווערטער: „מענטשן מאַכן זייער אייגענע געשיכטע״ וואָס מיינט אז פרייער ווילן איז ביי מאַרקסן חשובער געווען ווי דער דעטערמיניזם פונעם 18־טן יאָרהונדערט. ניט די געשיכטע שאַפט, נאָר מענטשן שאַפן געשיכטע. ווען מען האָט אין זינען, אַז דער מענטשלעכער טאָט איז תמיד אַרומגעשפּונען מיט אַ באַוואוסטזיניקן ציל, וואָס דער מענטש שטעלט זיך און וויל דער־גרייכן, דעמאָלט דערגייט מען צו אַן אָפּטימיסטישער אַנשויאונג, ווייל — זאָגט סאַרטר— „ווען איך אַנאַרקען, אַז איך בין פריי קלייב איך אויס פרייהייט פאַר דער גאַנצער וועלט״.

פרייהייט, לויט אים, גייט תמיד מיט אחריות. דער מענטש איז ניט קיין עסענץ, ווי אַ שטיין, ווי אַ טיש, ווי אַ בוים. ער איז

דער מענטש. ער עקזיסטירט. דאָס איז אָפּטמאָל דער קוואַל פון זיינע ליידן, פון זיין אַנגסט און איינזאַמקייט, דאָס איז זיין טראַגעדיע, און דאָס איז אויך זיין גרויסקייט. „מיט גוואַלד ווערט ער געבוירן ,מיט גוואַלד, מוזנדיק שטאַרבט ער, אָבער מוזנדיק מוז ער אויך אָפּעבן דין וחשבון פאַר זיינע מעשים, פאַר זיינע באַציאונגען מיט זיינע מיט־מענטשן, פאַר דער געזעלשאַפט.

וויפיל אין דן אותיות

דער אלף בית אין דער יידיש־העברעאישער ליטעראַטור

מיין פריינט איזידאָר קאופמאַן! דעם פריינט פון יידישן בוך!

דאָס וואָרט פון דעם גרויסן חסידישן מעשה־דערציילער נחמן בראסלעווער, אַז „יעדער אות איז אַ גאַנצע וועלט", דאַרף געגומען ווערן ניט בלויז ווי אַ קינסטלערישער אַפאָריזם, נאָר ווי אַן אמת, וואָס איז באַשטעטיקט פון קולטור־היסטאָרישן שטאַנד־פונקט.

תנאים און אמוראים, מיטלאַלטערלעכע מפרשים און דרשנים פון רענעסאַנס, מקובלים און חסידים פונעם 18טן יאָרהונדערט, האָבן ניט נאָר אינטערפרעטירט די פסוקים פון דער ביבל, נאָר אויך איינצלנע אותיות, אַרום וועלכע זיי האָבן געשאַפן לעגענדעס פון הויך־ קינסטלערישער קוואַליטעט.

די בילדערישע געדאַנקלעכקייט און פאַנטאַזירנדיקע דער־ציילערישקייט, די מעטאַפאָרן און אימאַזשן, וואָס זיינען אין דער ליטעראַטור געשאַפן געוואָרן אַרום יידישן אלף בית, אַרום דעם אות, זיינען ניט בלויז געווען דער רמז, דער אָנוואונק פאַרן אינהאַלט, נאָר אָפט דער אינהאַלט אליין. דורות האָבן אַריינגעלויכטן אין אות, אַז עס האָט אָנגעהויבן שיינען און לויכטן פון דרויסן און פון אינעווייניק. דאָס יידישע אות האָט עמאָציאָנעלע אָנלאָדונג און בילדערישע שיין. דאָס זיינען די קרוינען פון די אותיות.

לויט דעם זוהר, די ביבל פון דער מיטלאַלטערלעכער קבלה־לערע, וואָס איז אין עצם אַ קינסטלעריש ווערק און פאַרמאָגט די גאַנצע פאַנטאַסטיק פון אָריענט, לויט דעם ספר, איז דער סדר, די האַרמאָניע פון די אותיות גאָר פאַרבונדן מיטן סדר פונעם עולם היצירה, מיטן גאַנצן באַשאַף. דער זוהר איז פול מיט העראַ־גליפישע סימבאָלן, וואָס גיסן זיך אָן אָ סוף, ווי שטראָמען רעגן אין אַריינדרינגלעכע אידעען און געשטאַלטן. דאָרט איז אויפגעהיט געוואָרן די לעגענדע, וואו די אותיות פון אלף־בית זיינען אירע הויפט־פערסאָנאַזשן און זיי ווערן אויך ביישפילן פון קוועלנדיקערווירקלעכקייט, פון אַ רעאַלער, לעבעדיקער מאָראַל.

אויך אין דער תלמודישער אַגדה מיט איר פאַרבנרייכן בריליאַנטן־שימער, אין אַ טראַגיש־עפּישער שילדערונג וועגן אַ תקופה פון חורבן פון די רוימישע פאַרשקלאַפער אין יהודה, שימע־רירט אַרויס אַ לעגענדע וועגן די אותיות:

און זיי האָבן אָנגעטראָפן רבי חנינא, דעם זון פון תרדיונען, זיצן און עוסק זיין עפנטלעך אין דער תורה און זאַמלען איינ־זאַמלונגען, ווען אַ ספר־תורה איז געלעגן אין זיין בוזעם. האָבן זיי אים געכאַפּט און איינגעוויקלט אין דעם ספר, ארומגעלייגט בינט־לעך צווייגן און אין זיי אָנגעצונדן פייער. אויך האָבן זיי געבראַכט פלאַקסענע טיכער, זיי אויסגעווייקט אין וואַסער און אים געלייגט אויפן האַרצן... האָבן זיינע תלמידים געזאָגט צו אים: רבי, וואָס זעסטו אצינד? האָט ער זיי געענטפערט: די פּאַרמעטן ברענען, אָבער די אותיות פליען אַוועק..." (עבודה זרה, יט).

ביים אָנהויב פון מיטלאַלטער און שפּעטער איז, ווי באַקאַנט, אנטשטאַנען דער מעטאָד פון אָפּערירן מיט די אותיות, וועלכע די מיסטיקער האָבן באַצייכנט ווי גימטריא, וואָס באַשטייט אין אויס־נוצן דעם צאָל־ווערט פון די אותיות, אויסטייטשן דאָס וואָרט דורך רעכענען די בוכשטאַבן פאַר צאָלן, ווי: א — 1, ב — 2, ג — 3, א. אז. וו. דערביי האָט אפילו די גימטריא, וואָס זעט־אויס ווי אַ רעזולטאַט פון אַ מיסטיש־געטלעכן כוח, געהאַט איר היסטאָריש־געזעלשאַפטלעכע סיבה. אַזוי ווייזט־אָן דער מיטגרינדער פון וויסנ־שאַפטלעכן סאָציאַליזם, פרידריך ענגעלס, אַז עס געפינט זיך אַ גע־וויסע שטעלע אין נייעם טעסטאַמענט, אין בוך די „התגלות" (אַנטפּלעקונג פון יוחנן), קאַפּיטל יב, וואו עס רעדט זיך וועגן דער „הימלישער פרוי און א צייכן פון אַ שלאַנג מיט זיבן קעפּ און צען הערנער, און אויף איר קאָפּ זיבן קרוינען... דער וואָס האָט פאַרשטענדעניש זאָל באַרעכענען די צאָל פון דער חיה; וואָרים עס איז די צאָל פון אַ מענטשן; און איר צאָל איז זעקס הונדערט און זעכציק". דעם דאָזיקן ניי־טעסטאַמענטלעכן טעקסט, טייטשט פ. ענגעלס היסטאָריש, אַז עס מיינט די רוימישע הערשאַפט פון נעראָן קיסר. „דריי הונדערט יאָר פאַר אונדזער צייט־רעכענונג האָבן שוין די יידן געניצט די אותיות ווי סימבאָלן פון צאָלן, וואָס די תנאים און מקובלים האָבן באַצייכנט ווי גימטריאות (געאָמעטריע)

און דער באַשייד פון דער צאָל 666, וואָס יוחנן דערמאָנט, איז נרון קיסר, לויט דעם ווערט־צאָל: נ — 50; ק — 100, ס — 60, ר — 200„ — צוזאַמען די צאָל: 666” (פ. ענגעלס „דאָס בוך פון רעוואָלוציע, פּראָגרעס, לאָנדאָן, 1883, באַנד 2).

אין דער תקופה פון מיטלאַלטער, אין אויפבלי פון קינסט־לעריש וועלטלעכן רענעסאַנס אין שפּאַניע, ווען יידישע דיכטער האָבן געזונגען וויין־און־ליבע־לידער, זינגט דעמאָלט יהודה הלוי וועגן איין אות, דעם קלענסטן צווישן די אותיות, וואָס ער אימאַגינירט אויף דעם מיט דער לבנה. די געליבטע געזעגענען זיך אין דער פּאַרטאָגיקער באַגינען־בלויקייט, און באַלד שווימט־אַרויס צווישן די גאָלדיקע זריחה־וואַסערן די קליינע, פאַרגייענדיקע לבנה ווי אַ גע׳כתיבה׳טע „י”:

„וירח כמו יוד נכתבה
על כסות שחר במימי הזהבים”
(א. ליפינער: אותיות דערציילן)

ביי יהודה הלוין, ווי מיר זעען, איז דאָס עמאָציאָנעלע בילד, וואָס איז פאַרבונדן מיטן אות, ניט קיין אויסדרוק פון אַ אידעען־אַסאָציאַציע, נאָר איז געקניפּט מיט אַ גראַפיש בילד.

אַנדערש איז עס ביי זיין בן־דור ידעיהו הפניני (וואָס האָט געשאַפן אַ גאַנצע תפילה פון „טויזנט ממ׳ען” און די סליחות־זינגער און דיכטער, וואָס האָבן זייערע עלעגיעס געשריבן אין קראַסטיך, לויטן אָנהויב פון אַן אות אין אלף־בית.

ביים גאון פון דער העברעאישער פּאָעזיע חיים נחמן ביאַליק, ווערן די אותיות לעבעדיקע נאַטור־געמעלן, געשטאַלטן פון זיין קינדערשן פייזאזש. אין זיינע פּרעכטיקע קינדער־מעמואַרן „ספיח” („ווידערוואוקס”) איז ביאַליק מער קאָנצעטרירט אויף דער עסטעטישער זייט פון דער קינדערשער ווירקלעכקייט, ווי אויף דער פּסיכאָלאָגיש־מאָראַלישער. לייענען זיך זיינע אלף־בית שילדערונגען ווי פּלאַסטישע קונסט־געמעלן און שטיקער פאַרביקע לאַנדשאַפט.

„גלייך אויפן ערשטן טאָג, ווען דער באַהעלפער האָט מיר באַוויזן דעם אַלף־בית, די שורות אויסגעשטעלט שורותווייז אויף

אַ לוח — זייען באַלד אַרויסגעשפּרונגען פאַר מיר שערענגעס זעלנער... דערהויפּט זיינען ענלעך אויף די שורות די אלפן און גימלען. די דאַזיקע זיינען עכטע זעלנער, באַוואָפנט פון אונטן ביז אַרויף; די אלפן, מיט רענצלעך פאַרקאַשערט אויף הינטן, גייען אביסל איינגעבויגן אונטער דער משא, ווי זיי וואָלטן זיך פאַרנומען אויף ׳מאַנעוורעס׳; און די גימלען שטייען מיט די פיסלעך פאַרהויבן פון פאַרנט, נאָר גרייט צו מאַרשירן״...

ביאַליק באַקאַנט אונדז מיטן קינדערשן בליק, מיט יענער נאַטירלעכער, געזונטער, אינסטינקטיווער — און דאָך תמימות־דיקער — בלויער צופרידנקייט מיטן לעבן, וואָס פליצט דורך די אויגעלעך פון די „משהלעך און שלמהלעך״. אָט ווי דער מייסטער גיט אונדז דעם קוועקזילבערדיקן עלעמענט פון קינדס האַריזאָנט, בעת זיין ערשטער באַגעגעניש מיט די אותיות.

„...און אויף מאָרגן שטיי איך ווידער אויף דער באַנק, באַ־וויזט מיר דער באַהעלפער אַן אַלף און זאָגט:

— דו זעסט אַ נאַשטשע מיט אַ פּאָר עמערס?

— אמת, ווי איך בין אַ לעבעדיקער, א נאַשטשע מיט אַ פּאָר עמערס.

— דאָס איז אַן אַלף, — מאַכט דער באַהעלפער.

— דאָס איז אַן אַלף, — חזר איך איבער.

— וואָס איז דאָס? — פרעגט דער באַהעלפער ווידער.

— אַ נאַשטשע מיט צוויי עמערס, — זאָג איך, און האָב גרויס הנאה, וואָס גאָט ברוך הוא האָט מיר דאָ צוגעשיקט אַזעלכע פיינע כלים.

„און ווי נאָר איך בין אַרונטער, איז מיר באַלד דער אַלף אַרויסגעפלויגן פון קאָפּ, און זיין פּלאַץ האָט פאַרנומען מאַריוסאַ, די שיקסע, וואָס צעטראָגט וואַסער איבער יידישע הייזער... כ׳האָב זי געזען מיט די באַרוועסע פיס, מיט די דיקע צעפּ, מיט דער נאַשטשע אויף די פּלייצעס, און מיט די צוויי עמערס״...״

דער מייסטער טוקט זיין אייגענע קינדערשע וועלט אין די כוואַליעס פון זיין באַוואונדערטער לעבנס־פרייד, און די אותיות שלאָגן אַרויס ווי ניי־צונטפלעקטע נאַטור־אוצרות, פון זיינע ברייט־צעעפנטע, שטיפערישע קינדער־אויגן.

„די אַנדערע אותיות האָבן ביי מיר אַ סך פאַרשיידענע געשטאַלטן! געשטאַלטן פון בהמות, חיות, עופות, פיש און כלים, אָדער סתם־אַזוי משונהדיקע באַשעפענישן. דער שין איז אַ דריי־קעפּיקער פּיפּערנאָטער; דער למד — אַ בושל מיט אַן אויסגעשטרעקטן האַלדז און שטייט אויף איין פוס, ווי דער בושל וואָס וואוינט אויפן שפּיץ בוים הינטערן הויז; דער גימל — אַ שטיוול, ווי דער וואָס איז אויסגעמאָלט אויף די קעסטעלעך שו־וואַקס, און אַ קליין שד'ל מיט אַן עקל האַלט אין איין פּוצן מיט גרויס חשק... אינמיטן דעם אַלץ בלאָנקעט זיך אַרום דאָס יודעלע, אַ קליין באַשעפענישל, וואָס האָט ניט זיינס גלייכן, סע האָט נישט אויף וואָס זיך אָנצושפּאַרן. תמיד זעט עס אויס ווי ס'וואָלט געשוועבט אין דער לופטן, אָדער ווי ס'וואָלט זיך נאָך עמעצן נאָכגעשלעפּט — און ס'האָרץ האָט מורא פאַר אים, כ'ציטער עס זאָל נישט פאַרלוירן גיין צוליב זיין קליינקייט צווישן זיינע גרעסערע חברים".

אין זיין לעצט בוך „דער ביס צווישן מיינע ציין" ווערט דער באַוואוסטער אַמעריקאַנער ליטעראַטור־קריטיקער עדמונד ווילסאָן נתפּעל פון שמואל יוסף עגנונ'ס „נשמה־געזאַנג פון די אותיות". „עגנון האָט אויסגעוועבט אַ דינעם גייסטיקן לבוש פון די קרוינען פון אותיות אין אַ פּראָזע וואָס קלינגט אין העברעאיש־יידיש זייער בילדעריש און ריטמיש".

אין זיין „הכנסת כלה" פאַרגלייכט עגנון דעם גוף פון העלד צו אַן „אַלף". — „צו וועמען איז ר' יודל געגליכן, בעת ער גייט מיטן שטעקן און זיינע זאַכן אויף דער פּלייצע אַן איינגעבויגענער אין דרייען? צו אַן „אַלף". — זיין פוס זעט אויס ווי דער פוס פון אַן אלף און זיין קלומעק ווי דער האָרב וואָס שטעקט אַרויס פון אלף". און דער שרייבער גיט צו: „די חסידים הראשונים האָבן אַזוי שטאַרק זיך באַמיט, אַז זייערע קערפּערס זאָלן אויסזען ווי די אותיות פון דער תורה, אַז זיי פלעגןביים דאַוונען אויסשטרעקן ביידע הענט ביזן קאָפּ, ווי אַ מין שין, וואָס דאָס איז דער ערשטער אות פון וואָרט שדי".

עגנונס ערשטער ראָמאַן ווערט פאַרענדיקט מיט דעם פּערזנקאַפּיטל „דאָס געזאַנג פון די אותיות", וואו ער פאַרט צונויף די נעמען פון זיינע העלדן, ספרים און ערטער מיט די אותיות:

„אברהם לערנט ספר איוב; ברוך — בראשית; הלל — הושע; נחמיה — נח, און אַזוי איז ער מזווג, פּאָרט שידוכים. הילל מיט הדסה׳ן, טוביה׳ן מיט טייבלען, דניאל׳ן מיט דינה׳ן״. אַזוי אויך מענטשן און שטעט: „ברוך וואוינט אין באר שבע; יחיאל אין ירושלים, צבי אין צפת״.

אין זיין וואונדערלעכע קינדער־דערציילונגען, וואו שלום עליכם האָט די קינדערשע הילפלאָזיקייט באַלויכטן מיט זיין באַפרייענדיקן געלעכטער, באַווייזט דער מייסטער זיין אינטערעס פאַרן מאָראַלישן און אַמאָראַלישן אַספּעקט פון דער קינדער־וועלט. אין דער דערציילונג ״דאָס דריידל״ פירט ער אונז אַריין אין דער וועלט פון אומגעקינצלטער פרייד און שפּיל, ווען דאָס קינד שפּילט זיך מיטן חנוכה־דריידל אויף וועלכן עס זיינען אויס־געגאָסן די אותיות.

„און דאָס ווייסט איר דאָך, מסתמא, וואָס באַדייטן די פיר אותיות פונם דריידל: נ מאַכט ניין, ה מאַכט האַלב, ש מאַכט שלעכט און ג מאַכט גוט. דאָס דריידל איז אַ מין לאָטעריי: וועמען די הצלחה שפּילט, דער געווינט. אָט נעמט, למשל, בעני מאיר פּאַלקאָוואָיס: וויפיל מאָל ער זאָל נישט לאָזן דאָס דריידל, מוז דאָס פאַלן אויפן גימל״.

און ווי אַלעמאָל ביים גרויסן קינסטלער, לאָזט זיך די מעשה אויס זייער „ניט פריילעך״. בעני איז אויסגעוואַקסן, געוואָרן אַ נגיד, און דאָס אויסגעוואַקסענע קינד פרעגט אים, פאַרוואָס „אַלעמאָל איז ביי דיר געפאַלן גימל!״ — „איך טו אַ קוק אויף מיין בענין — ער איז ברוין און בלוי פאַר געלעכטער. דאָס איז געווען, הא־הא־הא, אַ דריידל פון גאָלע, הא־הא־הא־־הא, פון סאַמע גימל״...

אַז מען לייענט איבער די דערציילונג שפּאָרט טאַקע דאָס געלעכטער, אָבער אין דער זעלבער צייט ווערט מען דורכגענומען מיט צער, מיט טיף־מענטשלעכן געפיל צום יינגעלע, וואָס האָט געגלויבט אין אַלע אותיות, בשעת ס׳איז געווען נאָר איין אות — ג.

אין דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע פונעם סוף 19־טן און אָנהויב־צוואַנציקסטן יאָרהונדערט רופן די יידישע אותיות, ווי אַמאָל

אין דער זוהר און תלמוד־לעגענדע, ווידער אַרויס אידעען־אַסאָצי־אַציעס. זיי זיינען שוין מער ניט קיין גראַפּישע קונסט־ווערק און פאַנעטישע צייכנס, נאָר הייבן אָן רעפּלעקטירן סאָציאַלן און נאַצי־אָנאַלן אינהאַלט.

אין די אַכציקער יאָרן ווערט געשאַפן אין צאַרישן תחום פון רוסלאַנד, אין שיין פון פּאָגראָמען־רויך, דאָס פאָלקס־ליד פון מ. מ. וו אַ ר ש אַ ו ו ס ק י „אויפן פריפּעטשיק", וואָס דרינגט אריין טיף־עמאָציאָנעל אין די הערצער פון יידישן פאָלקס־מענטשן, און דער ניגון פון ליד אינאיינעם מיט די ווערטער גיסן זיך צונויף אין אַזאַ גאַנצקייט, אַז זיי ווערן דער פאָלקס־הימן פון יידישן תחום המושב:

„...אַז איר וועט קינדער, עלטער ווערן,
וועט איר אַליין פאַרשטיין,
וויפיל אין די אותיות ליגן טרערן
און וויפיל געוויין.
זאָלט איר פון די אותיות כוח שעפן,
קוקט אין זיי אריין"...

מיט אַ יאָרצענדליק שפּעטער זאַמלט דער זיידע פון יידישן אַרבעטער ליד מאָריס ווינטשעווסקי, אַלע אותיות פונעם יידישן אַלף־בית און גיט אַריין אין זיי סאָציאַל־געזעטיקטן מיין, קלאַסן־קעמפערישע כוונה: זיין „אַן אַלף־בית פאַר אַרבעטער־קינדער":

„אַלף איז דער אויסבייטער, וואָס לעבט פון אונדזער מי;
בית איז דער בלוט־זויגער, וואָס זויגט אונדז שפּעט און פרי,
גימל איז דער גאָרגל־שניידער, וועלכער אונדז באַטריגט,
דלד איז דער ידלות, וועלכער אייביק ביי אונדז ער ליגט".

אין דער פּאָעזיע פונעם דיכטער א. ל י ע ס י ן איז דאָ אַ סך אַליטעראַציע, געזאַנגיקייט פון אותיות. ליעסין, ווי מען האָט שוין אָנגעוויזן, קומט דירעקט „דורכן קלאַנג פון די אותיות — צו דער דירעקטער און בולטער דערשיינונג פון דער זאַך" (ב. י. ב.)

זוי אַ ביישפּיל פון דער קלאַנג־איבער׳חזרונג פון אותיות אין זיינע נאַטור לידער: „בית" — אין בלענדעניש צו בלאָנדזשען ביזן בייזן ענד"; „שין" — עס שימערן כוואַליעס אין שוימיקן שיין", אָדער „שלענגלען זיך שנייאיק און שלינגען מיך איין", אָדער „שוימיקע שראַמען פון שויבן מיט שיין" „פּ" — עס פלאַטערן פרישע און פאַרביקע פליגלען".

אַזוי פאַרוואַנדלט דער דיכטער דורך אַליטעראַציע — קלאַנג און בילד.

די אותיות־סימבאָליק געפינט אויך אַן אָפּקלאַנג אין אברהם רייזענס פשוט ליד:

„קיין אָרנאַמענט,
אַ שטריך אויך זעלטן;
מיט לערע הענט,
מיט קנאַפּע אותיות
זיי שאַפן גרויסעס,
זיי בויען וועלטן..."

דער דיכטער ה. לייוויק זעט אין די אותיות פונעם אַלף־בית אַ רמז אויף אַן אייביקער ווירקלעכקייט און אייביקער מעגעלעכקייט, וואָס איז דער כוח פון וואָרט:

"אותיות פון אלף־בית
פיבערן אין בלוי־באַגינען,
זוכן אין פרימאָרגן־שווייס
אַ באַהעפטונג צו געפינען.
הייליק, הייליק בונד פון וואָרט —
צוויי־און־צוואַנציק אין איין עיגול
פול מיט נס איז יעדעס אָרט
אונטער אונדזער העלן פליגל".

ביים דיכטער ה. ראָזנבלאַט שטעלן די אותיות צונויף אַ דריילינג: „גאָט, אמת און שיינקייט". ער דערקלערט, אַז דער בוים איז שיין און גרין. ער בליט אפילו ווען עס שנייט. נאָר —

אותיות דערציילן

דערפאַר האָב איך געצייכנט מיין בוים אין ווייס און שוואַרץ
שטאט בלעטער — בליטן אותיות אין פאָרם פון מיין האַרץ
ער בליט ביי מיר אין פרילינג, ווערט רייף אין תמוז, אב.
די בלעטער זיינען אותיות פון אלף ביזקל תו
דער מינדסטער אות איז כישוף, דאָס קלענסטע וואָרט איז נס,
ווי לייגט מען אויס גאָטס נאָמען? שרייב: גימל, אלף, טית.
פון קליינטשיקע דריי אותיות, ווי אלף מם און תו
גייט אויף די שטראַלונג — אמת! די קרוין פאַר למד־וואָו.
אַ האַרץ מיינס! גוטער גאָלדשמיד! שמיד מיר אויס נעם שמיד
פון למד, יוד און דלת דאָס צויבער־רינגל — ליד!" ....

אין דער אָריגינעלער משל־קונסט פון אליעזר שטיינ־באַרג, וועמענס פאַבלען זיינען אַזוי מייסטעריש־חריפותדיק און איינפאַלעריש און גלייכצייטיק אַזוי פאַלקסטימלעך און שפּילעווודיק, האָבן די יידישע אותיות באַקומען קינסטלערישן תיקון און זיינען געוואָרן סימבאָלן פון עטישן מיין:

„א. ב.

צו דער אלף זאָגט די בית:
ווער איז בילכער? איך צי דו? איך ווייס?
דאַכט זיך, איך! פאַרשטייט זיך; ראשית
איך דאָס ערשטע אין „בראשית";
שנית,
איך מיט חכמה־בינה אין איין שכנות.
פרעג איך זיי ניט בייז,
וואָס נאָר דו דער ראש וראשון פונעם אלף־בית
און פאַרוואָס ניט איך דערצו בין זוכה?
טאָקע דו דאָס ערשטע ביי „אנוכי"!
ניט נאָר ביי „אנוכי", אויך ביי „אתה"!
קומט אַ קלאָרע תשובה און אַ גלאַטע)".

אין דער פינצטערער צייט פון דער רומענישער רעאַקציע

אברהם ביק

ווען מען האָט ליקווידירט די יידישע קינדער־שולן, דערשטיקט דאָס יידישע וואָרט, האָט דער מייסטערישער קינדער־דיכטער אָנגעשריבן דאָס קינדער־ליד:

„א. ב. ג.
פינצטער איז דער הימל.
ד. ה. ו.
גייט אַ וועלפּעלע צו די שאָף.
ז. ח. ט.
ניטע, וואָלף, די שאָף ניט עס.
י. כ. ך.
גאָטס רחמנות אויף די שאָף.
ל. מ. נון —
באלד גייט־אויף אַ רויטע זון.
ס. ע. פּ. —
ירויטער האָן וועט טאָן אַ קריי.
פּ. צ. ק. —
יער וועט טאָן אַ הויכן רוף.
ר. ש. ת. —
און אַ סוף צו נאַכט און שלאָף".

אין דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט האָבן דאָרטיקע יידישע דיכטער אַרויסגעהויבן קולטור־ווערטן אויפן באָדן פון זייער בשות־פות׳דיקער און אייגענער נאַציאָנאַלער אינהאַלטלעכקייט. אויך זיי האָבן אַרויסגעהויבן דעם יידישע אות און אים באַלויכטן מיט ליבע צום אַרבעטער־פאָלק און מיט העראָאיק.

ליד וואָס איז סאָציאַל און אויך קאָסמיש געשטאַלטיקט איז איציק פעפערס „שפּראַכן":

כ׳בין מיט יידיש דורכגעפאָרן,
וואו אַ לאַנד און וואו אַ קאַנט,
כ׳בין שוין אַלט אַ שאָק מיט יאָרן,
יידיש איז מיין רעכטע האַנט.

אותיות דערציילן

כ׳האָב די שפּראַך אַריינגעזויגן
אין מיין בלוט נאָך קליינערהייט,
זעען אויס היינט מיינע אויגן
ווי צוויי סמכ׳ס אין דער ברייט...
איך אַליין בין ווי אַ „זין״
אויף אַ בייגעלע פּאַפּיר,
נאָר ווען ס׳פּעלט מיר אויס כלי־זיין,
קום איך אָכאַמאָל צו איר״.

ל. קוויטקאָ, אין זיין לערנביכל „אלף־בית״, לערנט דעם קינד, דוכן אות העראָאישע געשטאַלטן, ווי למשל: „ז״ — זיין זאָלסטו זאָיאַ״ (זאָיא קאָסמעדאָמיאַנסקאַיא, די סאָוועטישע העלדין).

רחל בוימוואָל אין ליד „דער יידישער אלף־בית״ דעקלאַרירט, אַז זי האָט ליב דעם יידישן אַלף, ווייל ס׳איז איר מוטער־שפּראַך, כאָטש איר איז ליב דער חן פון יעדן לשון:

פאַר מיר איז ליב פון יעדער שפּראַך דער חן,
נאָר וואָס איז ווי די מוטער־שפּראַך נאָך שיין?
פאַר מיר איז קלאָר, אַז צווישן „אַ״ און אלף
כאָטש פול יט רוים, איז דאָך יטאָ קיין הלך״.

אין דעם אָפּגרונט וועלכער האָט זיך געעפנט פאַרן יידישן דיכטער אין די יאָרן פון אומקום — אַן אָפּגרונט, אין וועלכן ס׳האָט אַרומגעבלאָנקעט דאָס יידישע אות — האָבן זיך יידישע פּאָעטן געטוליעט צום יידישן אות און זיין אינהאַלטלעכער קלאָרקייט, כדי צו שעפּן פון אים כוח און מוט..

„זאָג מיר נאָך אלף־בית״, רעדט דער דיכטער שלום שטערן בימי היטלער, אין שיין פון די לויכטנדיקע אותיות צום יינגעלע:

„אלף,
גאָט׳ס וואָרט — אַ בליציקער חלף.
ב. א. י. דערנאָך אַ מעם —

אברהם ביק

נאָכן פאַרטונקלונג־פעריאָד פון חורבן אויפן יידישן אות, וואָס איז געקומען אין דער צייט פון סטאַלינישן פערזאָנען־קולט, האָט דער סאָוועטיש־יידישער דיכטער **מאָטל גרוביאַן** אָנגעשריבן דאָס ליד „מיין יידישער אלף־בית:

„אַ שטוב מיט אַ דאַך" — דער כוח פון יידישן אלף בית!

„ווען געבליבן איך בין אין גאַנצן אָן אַ ידאַך,
האָב איך מיר אַ שטוב פון מיין אַלף־בית געמאַכט.
אות צו אות צונויפגערופן ביי אַ בוים אויף אַן אַסיפה
און אַ היים זיך איינגעבויט, אַ וועלט־חריפות.
ווען איבערגעשריבן אויף ריין כ'וואָלט דעם הימל,
וואָלט איך פאַרמעקט פון זיין גזר דעם גימל,
דאָס גימעלע פון גליק ערגעץ וויינט נאָך בלענדט,
אַך, סאַראַ זשאַר אין האַרץ ביי מיר ברענט...
נאָך אזוי פיל רדיפות, נאָך אַזאַ לאַנגער נאַכט,
איך לעב, ווייל איך האָב מיר אַ שטוב געמאַכט
פון מיין יידישן אלף־בית, אַ שטוב מיט אַ דאַך".

אַ שטוב און אַ דאַך — דער יידישער אלף בית!

אַ וואָרט האָט זיין עבר — זיין צוקונפט

דער תנ״ך און די סאָוועטיש־יידישע פּאָעזיע

„אַ וואָרט האָט זיין עבר, זיין צוקונפט.
נאָר פּוסט וואָלט געווען דאָס וואָרט,
ווען ס׳פּעלט אים די ברכה די דריטע
אין הײנט אויך געפינען זיין אָרט״
(ש. האַלקין)

טרעפט זיך אַמאָל אַ צופאַל, וואָס ווירקט זיך אויס סימ־באָליש. אין 1919 איז געבוירן געוואָרן אַ שורה, וואָס איז גע־וואָרן דער „בראשית״, דער אָנהויב און דער „אלה תולדות״, די געשיכטע פון דער סאָוועטיש־יידישער פּאָעזיע.

א ש ר ש װ א ר צ מ א ן האָט ביים אָנהויב פון בירגער־קריג אַרויסגעלאָזן זיין פּאָעטישן, נביאיש־וואָרנענדיקן רוף פאַר דער פאַרטיידיקונג פון סאָוועטישן היימלאַנד: „**דער שונא ביי די טויערן!**״ איז אייגנטלעך אַ שורה גענומען פונם קינסטלערישן וואָרט־פּורם, תנ״ך. די שורה איז נאָכדעם געוואָרן די אָנצינדנדיקע וויזיע פאַרן בילד און ריטם פון זיינע צייט־חברים און יורשים.

די אוממיטלבאַרע עמאָציע און די שטרענגקייט פון שוואַרצ־מאַנס ליידנשאַפטלעכן רוף, וואָס איז ווי אַ זאַמלענדיקער שופר־שאַל און סיגנאַל־מאָביליזאַציע אַריינגעוואָרפן געוואָרן ביים אָנ־הייב פון בירגער־קריג, איז געווען אַ מין אימאַזש, וואָס האָט אַריינגעלויכטן אין געמיט פון דער יידישער פּאָעזיע, ווייל עס איז געווען אַן אויסדרוק פון זיין פאַרבאָרגענער פערזענלעכער אי־דענטיטעט מיט דעם נייעם סאָציאַלן „בראשית״ אין זיין לאַנד און האָט אויך פאַרמאָגט יידיש־נאַציאָנאַלע אינטאָנאַציע.

מיט נוצן די ביבלישע שורות האָט שוואַרצמאַן ווי באַצייכנט, אַז טעמאַטיש אינהאַלטלעך קען די נייע, סאָוועטיש־יידישע פּאָעזיע זיך באַנוצן מיט די דורותדיק־דויערנדיקע וואָרט־כלים פון „בוך פון די ביכער״; אַז דאָס וואָרט פונעם ווייטן עבר, קען ווערן אַ ברכה פאַרן היינט און פאַר דער צוקונפט.

מאַרקסיסטישע דענקער און לערער האָבן ניט איינמאָל דער־קלערט די גרויסע השפעה פון דער ביבל אויף דער אַנטוויקלונג פון דער גאַנצער קולטור, ליטעראַטור, פּלאַסטיק און מאלעריי ניט נאָר אויפן רעליגיעזן וועלט־באַנעם, נאָר ווי אַ צוגאָב צו דער גאַנצער קולטור, ליטעראַטור, פּלאַסטיק און מאָלעריי.

אין זיין אַרבעט וועגן רעוואָלוציאָנערע לידער אין געוויסע עפּאָכעס, ווייזט אָן פרידריך ענגעלס, אַז די מאַרסעליעזע פון די פויערשע מלחמות און אויפשטאַנדן איז געווען לוטערס ליד: „גאָט איז אונדזער קראַפט און פעסטונג" — די פּאָעזיע פון די פּאַרגאַנ־גענע רעוואָלוציעס פאַרהיט אָפט איר רעוואָלוציאָנערן עפעקט אין שפּעטערדיקע צייטן, ווייל כדי צו ווירקן אויף דער מאַסע, מוז זי אָפּשפּיגלען די גלויבנס פון דער מאַסע אין דער געגעבענער עפּאָכע".

דער רעוואָלוציאָנער קאַרל ליבקנעכט שרייבט: „דער תנ"ך איז אַן אוצר פון לעבנס־חכמה און דערהויבונג; אַנשויליכע לעקציעס פאַר מענטשן פון בלוט און פלייש, לעבנס־קראַפט און שוואַכקייטן, ביישפּילן פון קוועלנדיקער ווירקלעכקייט גיסן זיך אין אים אָן אַ סוף, ווי שטראָמען רעגן אין אַריינדרינגלעכע משל־פאָרמען" (שטודיען צו דער באַוועגונגס־געזעצע", לייפּציג, 1923)

ווי אין דער צייט פון די פויערים־אופשטאַנדן אינעם 16־טן יאָרהונדערט, אַזוי אויך אין דער ערשטער צייט נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע, זיינען אָפט קירכלעך־סלאַווישע געזאַנגען באַנוצט גע־וואָרן אין דער פּאָעזיע. די רעוואָלוציאָנערן האָבן געהאַט אַ דראַנג אַנצוקליידן זייער פּאַטאָס אין דערהויבענעם סטיל. די רעוואָלוציע האָט זיי אָבער אזא פּאַרטיקן „הויכן סטיל" ניט צוגעגרייט, האָבן זיי אים גענומען פון דער טראַדיציע.

דאָס איז אָבער ניט געווען קיין אינטעליגענטישער קולט פון „ביבלישע מאָטיוון", ס'איז גיכער געווען, — ווי ס'האָט אָנגע־וויזן דער סאָוועטיש־יידישער קריטיקער מ. בראָנשטיין — „אַן אייגנאַרטיקע רעוואָלוציאָנערע אינטערווענץ אין די 'הייליקע טעמפּלען' כדי צו רעקווירירן דאָרטן פאַר די נוצן פון דער רעוואָ־לוציע דעם פּאָעטישן אינוועטאַר".

אַ ליד פון איינעם פון די ראשונים אין דער סאָוועטיש־יידישער דיכטונג מ. קולבאַק, האָט טאַקע אָפּגעגאָסן אין פאָרם פון

באַגייסטערטן אויסדרוק זיין ליוב פאַרן „אָקטאָבער. דירעקט צום „אָקטאָבער האָט זיך קולבאַק, פאַר אים אשר שוואַרצמאַן, געווענדט מיט באַגייסטערטן געזאַנג

„איינאיינציקע רוסלאַנד, דו ליכטיקע וויג פון באַפרייאונג.
זאָל פאַלן אויף גרויע רואינען דיין שטראַלנדע זון פון
באַנייאונג.
אַ ריז אַ פאַרבלוטיקטער טראָגט אונדז אַ צינד דיינע גילדערנע
לוחות״.

דער דאָזיקער הלל־הימן ביי קולבאַקן האָט אָפּגעקלונגען ביים דיכטער ניט סתם ווי אַ דיכטערישע פראַזע, נאָר איז געווען אַן אויסדרוק פון דענקערישן פאַרטראַכט. קולבאַק האָט גענומען די צוויפּאַכע טעמע פון דער ביבל, וואו דאָס נאַציאָנאַלע איז געאַרעמט מיטן אוניווערסאַלן און אַזוי טרעפט, אַז ווערטער און אימאַזשן, פאַרגלייכונגען, וואָס זיינען אַלט טויזנטער יאָרן, זאָלן צוריק קריגן צאַפּל און אויפבלי, אויפציטער פון יוגנטלעכער נייקייט.

אין זיין פּאָעמען „בוניע און בעריע אויפן שליאַך״ דערגרייכט קולבאַקס וויזיאָנערישע ווירטואָזיטעט א ביבלישע הויך אין די שורות:

„און בוניע זאָגט: הערצו, דו נאַר, העט צו
דעם סוף פון מענטשנס שווערע ליידן — —
ס׳וועט שלאָפן גראָז אַ לעמפערט מיט אַ קו
און ס׳וועט אַ קינד זיך שפּילן מיט זייביידן;
פרייד וועט זיין און זשאַווערן וועלן די מעסערס אין די שיידן״.

דער חילוק צווישן אַ פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע און אַלע אַנדערע באַשטייט דערין, וואָס די ערשטע שעפּט איר פּאָעזיע פון דער צוקונפט אין דער צייט ווען די לעצטע — פון דער פאַרגאַנגענהייט. אָבער ווען מען רעדט וועגן דער פיינלעך־העראָישער געשיכטע פון אָקטאָבער־לאַנד און איר קאַמפּס־מגילה האָבן מיר אַזאַ פאַרהעלטעניש: די צוקונפט וואַקסט אַרויס פון דער פאַרגאַנגענהייט, צוקונפט. פּאַטאָס און געדאַנקלעכקייט זיינען די גרונט־עלעמענטן פון פ ר ץ מ אַ ר ק י ש ע ס ליד. אין זיין גרויסער פּאָעמע פון

אבֿרהם ביק

בירגער־קריג „ברידער" האָט דער פּלאַמיקער טריבון פון דער סאָוועטיש־יידישער דיכטונג געפּורעמט זיין וואָרט אין די פייערן פון בירגער־קריג און ער האָט זיך אויך באַנוצט מיט דער אַלטער ביבלישער לעקסיק:

אַן אויפגעבליטע בלאַט, אַ בלאַט, ווי אַ שטיק פייער,
און ס'לייענען זי די ווינטן, און ס'לייענען זי די ווייטן:
„אין אָנפאַנג איז געווען געראַנגלעניש פאַר פרייהייט!"
„נאָר אין דער הייך שניידט אויף דעם הימל ידעם פאַרבלייטן

אין דער פּאָעמע־ראָמאַן שילדערט מאַרקיש די גרויסע און הייסע ליבע פון דער קליינשטעטלדיקער מאַמע צו אירע זין, די רויטאַרמייאישע שלאַכטלייט עזיאל און שלמה־בער, אין שיין פון איר אייגענער תחינה'דיקער וועלט. די מוטער בלעטערט דעם טייטש־חומש און פאַרבינדט די מעשות מיט אירע העלדישע זין:

זיי טרעטן איבער בלעטער איבער טרערנדיק געבעטע,
און ס'האָט זיך אים גע'חלומט,
אַז זיבן זאַנגען לײדיקע שלאַנגען איין די זאַטע
אַז זיבן דאַרע בהמות עסן אויף די פעטע"

מאַרקיש שטעלט איין אין אַסאָציאַטיווע פאָרמען די אידעען בילדער פונעם אַלטן טייטש־חומש. די קינסטלערישע רעמיניס־צענצן, אַריבערגעוואָרפענע אויפן עקראַן פון תנ"ך, זיינען דאָ גע־בונדן מיט קאָנקרעטע געשעענישן. די „ווייסע באַנדעס" האָבן, ווי באַוואוסט, חושד געווען יידן אין „קאָמוניסטישן שפּיאָנאַזש". איין מאָמענט אַזאַ איז מאַרקיש'ס באַלאַדאַרטיקע שילדערונג פונעם אַלטן רב אין פוילישן שטעטל, וואָס ווישט זיך מיט דער רויטער פאַטשיילע דעם שטערן. די פויליש־פּריצישע אָפיצירן ראַפּאָרטירן דעם שטאַב, אַז מען האָט געזען דעם „ראַבין" געבן סיגנאַלן צו די באָלשעוויקעס מיט אַ רויטער פאָן... מען פירט אַרויס דעם שניי־ווייסן זקן אין אַ רינג פון פוילישע זעלנער.

אין געשמידטע און אָנגעגליטע פערזן, אָנגעזעטיקטע מיט טראַדיציאָנעל־ביבלישע מעטאַפאָרן און אַדורכגעוועבטע מיט אַסאָ־

ציאַציעס פון טראַדיציע באַגלייט דער פּאָעט דעם זקן צו דער גרוב:

„גרינע זיינען פעלדער, בלויע זיינען וויטן —
הינטער שטעטלעך יידישע, הינטער שטילע היימען;
גייט דער אַלטער רב און קוקט ניט אין די זייט:
ווי ס׳בויגן זיך אין טרויער קלאָגנדיקע ביימער.

פאַרן גיין צו דער גרוב זאָגט דער אַלטער רב צו זיין שמש:

„טו מיר אָן דעם טלית, טו מיר אָן דעם קיטל,
נעם אין מיין פּאַטשיילע וויקל איין דעם שופר.
און ס׳האָט אונטער דער ביקס דערהערט זיך אַ געשריי:
בלאָז אלישע שופר! ביי דער העלער ליכט,
ס״זאָל ידיין שופר זיין דער שופר של משיח!״

די געדאַנקלעכקייט און רעפלעקטיווע באַטראַכטיקייט פון דוד האָפשטיינ׳ס ליד איז ביי אים פאַרבונדן מיט זיין לירישער מוזיקאַלישקייט. אויך זיין ליד האָט ביבלישע בילדערישקייט, וואָס האָט אַ קלאַנג־ענלעכקייט צו מאַרקישעס בראשיתדיקער תנ״ך־געוועגדקייט:

איך זע די לעצטע זיילן שיין,
זיך האָבן טיף אין גרינס באַהאַלטן.
איך הער דעם ערשטן אָנזאָג: ליכט זאָל זיין!
דעם ערשטן שאַל פון הימל שפּאַלטן״. ....

זיין ציקל „פון ליכטיקן וואַנדער״ וואו דער פּאָעט זעט די שפּע פונם ערדישן קאָלעקטיוו שמעקן די שורות מיטן אַלטן עפּאָס און זיינען געווענדט צום נייעם סאָוועטישן „יהי״ — דעם עס זאָל ווערן! אין ליד „רעגנבויגן״, וואָס טראָגט די תנכישע מאָטאָ: „את קשתי נתתי בענן״, זינגט דער דיכטער אין ריטמישעשורות:

״די פאַרבן די זיבן
א צייכן פאַרהיטן.
אַ צייכן געגעבן

אברהם ביק

עיאַטורדקאָקאָקבצ   אויף אייביקן פרידן״. ....

א. קושניראָווס פּאָעטישער עיקר איז דער אַזוי־גע־רופענער בילדעריש־אימאַזשיניסטישער. דאָס בילד וואָס באַהעפט און פּאָרט פאַרשיידענע זעעוודיקע ממשותדיקייטן. די בילדעריש־קייט איז אין זיינע לידער אָפט אַן אַלעגאָרישע, די מעטאַפאָר איז משלדיק און דער געדאַנק איז פול מיט פּאַטאָס. פאַראַן ביי אהרן קושניראָוון מוסטערן פון הארצנס־בלוטיקע לידער, וואָס וויגן זיך אויף די ריטמען פון תנ״ך:

אָ, וועכטער, דו, וועמענס האַרץ ביי די גרענעצן וואַכט,
וועמענס אויג און אויערן זיינען אין וואַכזאַמקייט אָפן.

אין מזרח, מיט וואָס ירושט דער טאָג,
אין מערב, מיט וואָס שווייגט די נאַכט,
און ווינטן אַ וועלכע ווייען פון דרום און צפון?״

לייב קוויטקאָ, דער מייסטער באַשאַפער פונם זשאַנר „פאַר קליין און גרויס״, פאַרמאָגט גענוג ביבלישע פאַרגלייכונגען.

אָן דיר מיין לאַנד, איז קליין מיין פאָלק
און רחל טאַנצט מיט אירע קינדער.
אין דיר מיין לאַנד איז גרויס מיין פאָלק
און רחל זינגט עס מיט די קינדער

די גרעסטע מעלה פון איציק פעפערס פּאָעטישן שאַפן איז געווען זיין אינערלעכע און אָרגאַנישע פאַרבונדנקייט מיט דעם וואָס ער האָט באַזונגען. די טיף־לירישע מעשהדיקייט, די באַלאַדי־שע פאָלקלאָריסטישקייט איז קאָנצעטרירט אין זיינע „בראָנזענע״ און „ווייצענע״ לידער.

און גראַד דאָ, אויף דער ליניע פון זיין עכט־סאָוועטישער טעמאַטיק איז אויך געלייגט דער קרעפטיקער געוויכט פון ביבלישן וואָרט־בילד. איך שטעל מיך פאָר, אַז אייניקע וועלן דערווידערן דאָס פאַרבינדן פעפערס אָרקעסטראַל ליד, די פאַרקערפּערונג פון עפּאָכאַלן ריטם פון דער ראַטנפאַרבאַנדישער ווירקלעכקייט, מיט

דער ליריק און עפּאָס פון בוך פון אַלטערטום. געגוג אָבער זיך צו באַקענען אַפילו מיט זיין ערשטן שאַפונגס־פעריאָד, אין בוך „וועגן זיך און אַזוינע ווי איך״,„ביז זיין קולמיאַציע־ווערק „שאָטנס אין וואַרשעווער געטאָ״, צו דערזען אין זיי דעם ווידערקלאַנג פון „בוך פון ביכער״.

„איך בין ניט דער ערשטער און בין ניט ידער לעצטער.
ס׳ווייסן שוין ווערסטן מיין טראָט און מיין ליד.
ביי טירן צעקלאַפּטע, ביי פענצטער צעזעצטע,
שטיי איך און היט.
שטאָט איז דערשראָקן און פעלד איז פאַרשנייט,
דאָ בין איך שטענדיק און דאָ בין איך גרייט!״

אין וואָס דערמאָנען די שורות פון „גרייטקייט״? — טאַקע אין יענער שורה פון דעם ירמיהו־בוך: „שיק מיך, איך בין גרייט!״
פעפערס יידישע מאָטיוון, אין די יאָרן פון חורבן און קריג, אין זיין „רויטאַרמייאיש״ און „שיין און אָפּשיין״ זיינען מיט זייער גאַנצער זאַפטיקער חיותדיקייט געוועז שיר־השירימדיק. ווי דער דיכטער אַליין זאָגט בפועל ממש אין זיין שלאַכט ליד:

„מיין פאָלק איז אַלט, נאָר ס׳איז געזונט קיי־יי־יוווו
און גייט אין שלאַכט מיט בלוט מיט פרישן!
ווי שיר השירימדיק, ווי ריין
גייט ידורך זיין ליבע דורך די יאָרן,
ווי יונג זיינען נאָך זיינע ציין גך
און ווי נביאיש איז זיין צאָרן!״

„איך האָב געמיינט, אַז אייגנס האָט אַזוינס,
וואָס ציילט שוין יאָרן טויזט,
אַזוינס, וואָס האָט געלעבט —
ניט אויסגעלעבט דורך עלטער־עלטער זיידעס;
האָב איך געטראַכט: ווי קען אַ קאָפּ מיט אַקסלען
זיך צעשיידן?״

דאָס איז אפשר געווען שמואל האַלקינס ענטפער אויף דער קריטיק פון יחזקאל דאָברושינען, וואָס האָט אים פאַרגעוואָרפן „פאַרשיידענע מיטאָלאָגיש־געשיכטלעכע ביבל־פאַרגלייכונגען".

שמואל האלקין איז געווען די באַשטעטיקונג, אַז „קאָפּ קען זיך ניט צעשיידן מיט אַקסלען", אַז מען דאַרף פאַרנוצן די קינסט־לערישע ירושה פון די דורות פאַרן נייעם דור. זיין שאַפן איז די שאַרפסטע אַפּלייקענונג אַז די סאָוועטישע יידישע ליטעראַטור האָט געמוזט זיין פרעמד צום נאַציאָנאַלן אייגנאַרט. דער קאָנטעמפּלאַטי־ווער ליריקער האָט געפונען דעם שעפערישן „קאָנטאַקט" צווישן דעם נעכטן און דעם היינט.

פון זיינע ערשטע תנ"ך־פאַרגלייכונגען וועגן „אייביקן סנה וואָס פלאַקערט און ווערט ניט פאַרבראַנט" (אין בוך „ווי און מוט") ביז „דאָס גלאָז איז דורכזיכטיק" און די ביבלישע דראַמעס „שולמית" און „בר כוכבא", ביז זיינע לעצטע לידער, וואָס טראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל פון ישעיהו פּסוק „ביז דורכגיין וועט דער שטורם — בלייב פאַרשטעלט — אַזוי געדענק איך ערגעץ שטייט געשריבן", האָט ש. האַלקין פולשטענדיק פאַרבונדן זיין פּאָעטישע שאַפונג מיט די סאַמע פאַרשיידנסטע קוואַלן פון דער יידישער קולטור אין העברעאיש און יידיש. דער אינעווייניקסטער סטימול פון זיין דיכטונג און דער כוח פון זיין מחשבה און רעפלעקסיע איז געלעגן אין היסטאָרישן באַוואוסטזיין. האַלקין איז געווען פאַראַנקערט אין דער ביבלישער ליטעראַטור. אפילו די עפעקטן פון זיינע אויסדרוקן און בילדער זיינען אָפּט תנכישע: „דער בוים פון לעבן", „שטיינער צוועלף געפאַסט אין חושן" א. אַז. וו.

אין תקופות ווען עס קומען פאַר גרויסע איבערקערענישן און אויפטרייסלונגען בילדן זיך אויס אינם באַוואוסטזיין פון די מענטשן שאַרפע געפילן פאַר דער גרויסקייט און דער דערהויבנ־קייט פונעם היסטאָרישן מאָמענט. די געדיכטע און געשפּאַנטע נשמה־אָנגעלאָדנקייט ווערט דער באָדן אויף פונעם שטרענגן און דערהויבענעם פּאַטאָס אינם דיכטערישן אויסדרוק.

אין זייער לידנשאַפטלעכער ליבע צו „הים און היימלאַנד" און אין דער פלאַמענדיקער שנאה צום פאַשיסטישן שונא זיינען יידיש־סאָוועטישע דיכטער אין די צענדליקער אַוועק אופן פראָנט.

„געגאַנגען זיינען מיר — אַ הויכע לעבדיקע וואַנט
אַ באַרג אַ שטאָלענער, אַ פלאַמענדיקע פּטטונג״.

זינגט דער דיכטער עזרא פיניניבערג אין זיין בוך „אין ריזיקן פייער״ וואו ער האָט אַ גאַנצן ציקל אויף ביבלישע טעמעס ׳פון האַרציקן בוך״, מיט אַ מאָטאָ פון ירמיהו: „החריבו כל צבאה״, — „דאָס גאַנצע חיל אירס פאַרטיליקט!״ אין דעם ציילן האָט ע. פיניניבערג געשריבן זיינע לידער. ער רופט אַרויס דעם נביאס געשטאַלט און דערציילט די געשיכטע ווי בבל איז חרוב:

„אין ווייען עס טרייסלט זיך בבל
און ס׳פרייען אין וועלט זיך פעלקער —
אַזוי איז אויף אייביק פאַרשריבן
אין בוך, וואָס וועט אייביק ניט וועלקן״.

פיניניבערג רופט אַרויס די מיטאָלאָגישע געשטאַלט כדי איבער־צוזעצן דעם אַמאָל אויף דעם היינט. אין זיין ליד „צוויי שטימען פלעכטן זיך איבער איבערגעדיכטעטע פסוקים פון שיר השירים מיט פּאָעטיזירטע עלעגישע שורות פון איכה.

בשעת די פאַרצייטיקע יידישע נביאים האָבן געמאָנט יושר האָבן זיי ווי מענטשן פון זייער צייט, אויך באַשאַפן די טערמינען וואָס האָבן אויף אַן אַדעקוואַטן אופן איבערגעגעבן זייערע שטראָף־רייד אין אַ לשון, וואָס האָט ענגעצוונדן מיט סאָציאַלן פּאַטאָס. דער רומעניש יידישער און שפּעטער סאָוועטיש־יידישער דיכטער און טעאַטראַל יעקב שטערנבערג האָט נאָך אין זיין רומעניש־שאַפערישן פעריאָד זיך באַנוצט מיט דער אַלטער ביבליש־בילד־לעכער לעקסיק. צו זיין סאָוועטישן פעריאָד געהערט דער פיינער ציקל לידער וועגן „קעניג שלמה״, וואָס איז אַ באַלאַדן־רינג. די בילדלעכקייט, דער צונויפגעזאַנג פון די ווערטער אין דעם רינג איז אויך דער חזיון, די וויזיע, וואָס איז אַן אַריינפיר אין זיין אייגענער פּאָעטישער וועלט. זיין בילדלעכקייט איז דאָ כולל דעם געדאַנק, די שטימונג, דעם גאַנצן פּאָעטישן ציטער זיינעם. פאַראַן דאָ אי תנכישע בילדלעכקייט, אי וויזיע, וואָס דערהויבט די שורות צו קוואַליטאַטיווער פּאָעזיע.

אין דער באַלאַדע „וואָס ניט געוואוסט האָט אויך דער קליגסטער מאַן" איז פֿאַראַן יענע געצוימטע פֿייערלעכקייט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער היסטאָרישער טעמע. עס וואַקסן דאָ אויס די צוויי תנכישע געשטאַלטן: דער קעניג און חכם שלמה און דער אַרבעטער-זון ירבעם. אין דער רעאַלער פֿאַרשטעלונג פֿון דיכטערס סאַנטאַזיע איז ירבעם דער מורד, דער בונטאַר קעגן דער קרוין און דעם פּאַלאַץ.

מיט היסטאָרישער וויזיע איז די באַלאַדע וועגן שלמה'ן אָנגעלאָדן. עס איז אַ וויזיע וועגן אַ שיף פֿון שלום:

.... עס שווימט אויפֿן ים סוף אין כוואַלישן שוים
די שיף, וואָס ס'האָט אויסגעבויט שלמה דער קיניג.
זי גייט אַלץ אַהין, וואו די וואָר איז נאָך טרוים,
ס'באַגלייט זי די חכמה פֿון שלמה טיפֿזיניק".

דירעקטע מאָטיווישע פֿאַרבינדונגען מיטן תנ"ך פֿאַרמאָגן די ביבלישע באַלאַדעס פֿון דעם דיכטער מ. כ א ש ט ש ע װ א צ ק י אין זיינע קורץ־אָטעמדיקע און האַסטיקע לידער "דוד און גלית", „שמשון און דלילה", „יעל און סיסרה". אין זיין בוך „ליבע און גלויבן" האָט דער דיכטער א י י ז י ק פּ ל אָ ט נ ע ר ביבלישע אַסאָציאַציעס פֿון ספֿר רות, וואָס ער פֿאַרבינדט מאָטיוויש מיט דער מלחמה.

די געשיכטע וועגן צוויי שוועסטער, וואָס זיינען געלאָפֿן פֿון געטאָ און האָבן געפֿונען אַ רעטונג ביי זייער אַמאָליקער ניאַניע מיכאַאילנע רופֿט ביי אים אַרויס אַן אַסאָציאַציע מיט דער אַלטער לעגענדע וועגן נעמי און רות. אַן אַנדער אַסאָציאַציע מיטן חומש איז די וועגן זיין טאַטנס היים.

„די שבת צו נאַכטסן געדענק איך אין טבת, טון־
מיין טאַטנס כאַלופּקע — זי שווימט אין די שנייען
מיין טאַטע איז נח, די שטוב איז די תיבה
דעם פֿערציקסטן טאָג ווי ידי שנייען שוין ווייען".

מען וואָלט אויך געדאַרפט ציטירן אַ ריי לידער אויף ביבל־טעמעס פון ה. אַשעראָוויטש (וועגן איוב און יחזקאל), דאָראַ כייקינע „דבורה״ („אותו שם״ — „די ערשטע דיכטערין״), יוסף קערלער, מ. גרוביאַן און אַנדערע.

משה טייפס פּאָעזיע איז די דיכטונג פון עכטער באַלאַדע און פּאָלקסטימלעכקייט. ער איז אַ מייסטער פון ווערסיפיקאַציע און גראַם. עס פילט זיך אַז אויפן שטח פון פּאָעטישער טעכניק האָט ער עפּעס געלערנט ביי גרויסע און גוטע דיכטער, אָבער דער אינהאַלט פון זיין פּאָעזיע איז חוץ דעם קינסטלעריש־באַלאַדישן עלעמענט, די עמאָציאָנעלע פּאָלקישקייט, וואָס מיינט די גאַנצקייט פון דעם יידישן פּאָלקס־מענטש אין וועלכן ס'איז פאַראַן עפּעס פון דער לוסטיקייט און דעם תמימותדיק הארציקן געלעכטער פאַר קינדער און גרויסע גלייכצייטיק.

דער דאָזיקער קאָלאָריט, טייפס, פון דער צ׳יילערישן הומאָר און פּאָלקס־ליריק, וואָרצלט אין דער נשמה פון יידישן האָרעפּאַש־נעם פּאָלק און אין היסטאָרישן באַוואוסטזיין. זיינע איינפּאַלן פון געדאַנק פאַרמינערן ניט דעם לירישן געפיל און ניט די מוזיקאַליש־קייט פון זיין פערז.. אָט איז איין מוסטער פון טייפס פּאָלקישער חכמה, מיט סאָציאַלן מאָטיוו.

אין זיין באמת פּרעכטיקער באַלאַדע „דאָס געזאַנג וועגן ברידער״, וואָס שטעלט אַוועק טייפן, דעם פּאָלקישן באַלאַדיסט, אין סאַמע צענטער פון דער היינטיקער סאָוועטישער יידישער פּאָעזיע, איז פאַראַן אַזאַ מין יידיש־מענטשלעכע גאַנצקייט, וואָס איז מסוגל צו געבן אַ קינסטלערישן תיקון דעם טיפן וויי און דעם העלדישן מוט אין דער צייט פון גרויסן פּאָלקס־בראַך. דאָ ווערט די טראַגיק פון מאַסן־אומקום געלייטערט און דערהויבן צום גלויבן אין ברודער־מענטש. די פּאָעמע איז טיף עלעגיש אָבער זי איז ניט שווערמוטיק. ער איבערראַשט שטענדיק מיט אָריגינעלע מע־טאַפאָרן, בילדער וואָס זיינען וואָרצלדיק און זאַפטיק יידיש:

„פון יענע שטיבעלעך, וואו מלאכה איז מלוכה
און וואו מען האָט פון דורות לאַנג געגלויבט,
אַז משה האָט צעבראָכן זיינע לוחות

אבֿרהם ביק

ווייל רייכקייט קומט פון ״תגנוב״, אָרעמקייט פון ״לא״.

וויזט אויס אַז דער ווינט האָט זיין טרויער דערציילט
ידיביימער וואָס שטייען פאַרחלומט...
פו ווייטן האָט געדאַכט, אַז אַ פידל אין וואַלד
קלאָגט אויס פון זיין האַרץ אַן ״אל מלא...

די פּאָעמע וועגן דער גרויסער קאַטאַסטראָפע איז אַרומגע־רינגלט מיט אַ זילבערנער טרייסט־ראָם אין מענטשלעכער ברודער־לעכקייט. ער מאָלט ליידן, נאָר ניט קיין אומקום. ביים סוף פון דער פּאָעמע גייט דער דיכטער איבער צו זיין אייגנאַרטיקן באַלאַדע־נוסח, וואו ער געפינט רייכע מעטאַפאָרן ניט נאָר פאַר קינה, נאָר אויך פאַר הימן, פאַר לויב דעם קעמפערישן מענטשן, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן ״צו רייסן אויף שטיקער די צוויי־פיסיקע וועלף״— די נאַצישע חיות. מיט דערהויבענער וויזיאָנערישער קראַפט שלאָגט ער אָן דעם ישעיה הנביא טאָן פון אוניווערסאַל־דערלייזערישן שלום אידעאַל:

„און אייביק וועט בלייבן געלויבט און
דער מענטש וועלכער שטאַרבט פאַר זיין ברודער
ידעם מענטש!
...און ס׳גייט די פּראָצעסיע פון לאַנד צו לאַנד,
דער זקן — פאַראויס, ווי אַ וועגווייזער שפּאַנט,
און גלייך הינטער אים, בלויז אויף טעלעכע טריט
גייט אַ וואָלף מיט אַ שעפּס און אַ קינד אין ידער מיט״.

שטערן פאַרטאָג

צוויי געזעגענונגס־לידער: ש. טשערניכאָווסקי און ה. לייוויק

אין ליכטיקן אָנדענק פון פייגל אַדלער, ע״ה — זי האָט געהערט לייענען די עסיי און — ליגט איצט „אַ פאַרדעקטע מיט שטערן״.

ברן יחד כוכבי בוקר — עס זינגען צוזאַמען שטערן פאַרטאָג
(ר׳ אליעזר הקליר)

שטערן זינגען און פּאָעטן זינגען צו די שטערן. נאָר ניט אַלעמאָל איז זייער געזאַנג איינהייטלעך, האַרמאָניש אין פאָרם און אינהאַלט, אין מעטאַפאָר און אידעע.

זיי זיינען געווען צוויי דיכטער פון איין פאָלק און איין דור. פאַרשיידנאַרטיק אין מאָטיוו און אין ריטם, אין באַנעם און געמיט.

נאָר איינמאָל אין לעבן האָבן זיי זיך באַגעגנט. געווען איז עס אויף אַ שרייבער־קאָנגרעס אין בוענאָס־איירעס, אַרגענטינע. אין אַ צעשטערנטער נאַכט האָבן זיי ביידע געשפּאַנט. איינער, דער דיכטער פון כולו זומער און דער צווייטער אַ פּאָעט פון „ווינטער און אומצופרידנקייט״. ביידע האָבן ניט גערעדט צווישן זיך, נאָר געשפּאַנט „פאַרקלעמטע און פאַרברידערטע״.

נאָר אַז עס איז געקומען די צייט פון געזעגענען זיך מיט דער וועלט, מיט דער ערד האָבן ביידע אויסגעזונגען לעצטע שירה צו די שטערן.

האָט דער העברעאישער שאול טשערניכאָווסקי אין אַ פאַר־שטאָט פון ירושלים זיך געזעגנט אין זיין לעצט ליד מיט די שטערן אין הימל, וואָס זיינען „אַזוי ווייט און אַזוי נאָענט״, און דער יידישער ה. לייוויק, אין דער ווייטער שטייניקער נו־יאָרק, האָט זיך אויך אין אַ פאַרשנייטן כסלו־טאָג, געווענדט צו די שטערן, איידער ער האָט איבערגעגעבן זיין נשמה „צום שר פון די שטערן״. סאיז אַ ליד פון קאָנצענטראַציע, פון שטרעגן צמצום. צוויי שורות פון דעם געזעגענונגס־ליד זיינען אויסגעקריצט אויף זיין מצבה.

ש. טשערניכאָווסקי: דער קאָפּ גרוי געדיכט. דאָס פּנים זון־ברוין, אונטער אַ דעק פון שוימיקע כוואַליעס — צעשפּריצ־טער דימענטן פון שטערן־שפּליטער.

אַזוי דער מענטש, אַזוי זיין ליד: גבורהדיקער ים־ברויז, זילבערנע כוואַליעס.

ה. ל י י וו י ק: דער קאָפּ ווייס, דאָס פּנים צונטער רויט; אונטער אַ דעק פון שניי ווייסער פלאַם.

אַזוי דער מענטש, אַזוי זיין ליד: גלוט פון לויטערן פראָסט, שניי־פלאַטער און זאַווייַ, בלענד פון ווייסן טרויער.

זינגט טשערניכאָווסקי: „דער טאָג וואָס אין אים ווערט געבאָרן אַ ליד" — זיינען אָפּן די חושים פאַרן גרעסטן באַהעפט מיטן שוים פון אַ כוואַליע, מיט דער זשום פון אַ בין, מיט חלה פון האָניק, מיט דער סאָסנע־שטאַם, מיטן קוואַל און דער יאַגעדע.

שמועסט לייוויק: „אַן אמתדיק ליד איז אין תוך אי באַהעפט מיט דער וועלט, אי אַן אַוועקגאַנג פון דער וועלט, אַ ליד מיינט אָנפילן אַ קרוג און מער נאָך — צעשפּאַרן דעם קרוג".

איז טשערניכאָווסקי דער דיכטער פון גבורה, וואָס פאַנגט אין וואָרט און אימאַזש דעם רויש פון די כוואַליעס און דעם ריטם פון מעווע, וואָס שטויסט אָפּ די כוואַליע מיט איר ברוסט.

און לייוויק איז דער פּאָעט פון מיסטישער סוגעסטיע און בלענדיקער וויזיע, וואָס צעגרינט אַ בלאַט פון עפּלבוים אין שבט.

איז טשערניכאָווסקיס ליד שטורם, ווייסע און אָפענע לאַווע און איר מוזיק איז שטורמיש אָרקעסטראַל און פיל־קלאַנגיק.

און ביי לייוויקן איז די שאַרפקייט אַ חלפדיקע און אַ בריאיקע, זיין וואָרט קאָנצעטרירט און די שורה געשפאַנט, ווי ער וואָלט זיין פּאַטאָס באַהאַלטן אין אַש.

איז טשערניכאָווסקיס ליד גאַנץ און אָרגאַניש, חומר און רוח אין איין זיווג, ניט אָפּצוטיילן ווי די ווייצענע זאַנג און איר ריח.

און לייוויקס ליד ווערט ערשט גאַנץ אין איר צעריסנקייט און דאָ הערשט אָפּט דער גייסט איבער דער מאַטעריע, די אידעע לויכט דורכזיכטיק אַרויס פון דער געשטאַלט. „יעדע צעריסנקייט ווערט אַליין בונד""

איז טשערניכאָווסקיס ליד קלאָר און זיכער אין אירע פשוטע ליניעס — אַ דירעקטער קעגנזאַץ צו לייוויקס, וואָס איז פול מיט לאַבירינטישן און טראַגישן געראַנגל.

טשערניכאָווסקי גייט גלייך און קומט אָן; לייוויק גייט אויף

פאַרדרייטע, אָפט דאָרנדיקע וועגן, גלויבט אַז „אומקום" איז אויך אַ מין וועג צו אָנקום און אויפֿקום.

די סיבה פון זייער אַנדערשקייט ליגט אין זייער קינדהייט און יוגנט. ביידע דערציילן עס מיט זייער ליד.

ביי טשערניכאָווסקין איז „דער מענטש בלויז אַן אָפּבילד פון זיין היים־לאַנדשאַפט". זיין וויגל איז געשטאַנען אין דעם זוניקן קרימער ערד־פּאַס און ער האָט איינגעזאַפּט דעם שאַרפן בלוי פון איר הימל, די ליכטיקע פאַרבן פון איר זון־באַגאָסענעם סטעפּ, און ער האָט דעם לאַנדפּאַס ניט אָפּגעטיילט פון דעם הימל און פון די שטערן־קאָנסטעלאַציעס, וואָס די שוימיקע קאַספּישע ים־כוואַליעס האָבן געשלונגען אין די נעכט.

ביי לייוויקן איז דאָס ליד „בלוט פאַרדעקט מיט שניי". זיין מולטער־וויגל איז געהאָנגען קעגן אַ צעפּלאַמטן אויוון און קעגן פענצטער, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט אין אַ פאַרשנייט ווייס־רוסיש שטעטל, מיט שווערע טונקעלע, „וואָלקנס אַהינטערן וואַלד", אין זיין יוגנט האָט ער געוואָגלט איבערן סיבירער שניי־בלענדיקן פייזאזש, קומט די דאָזיקע ווייסקייט, געמישט מיט געלייטערטן טרויער אַנטקעגן פון זיינע אימאַזשן, פון זיין וויזיע און געמעל.

און ביידע דיכטער האָבן געפירט און דערפירט דאָס ליד ביז דער געזעגענונג, ביזן לעצטן באַריר פון אַ רעאַלקייט, וואָס שווימט אַוועק צו דער גרויסער איינהייט פון קאָסמאָס.

איז טשערניכאָווסקיס ליד אַ ברכה פון אָפּשייד וואָס ווערט באַהעפט און לייוויקס אַ חלפדיקע תפילה וואָס בריט אויף די ליפּן קעגן לעצטן שטערן־גלות.

ווייט פון אויג און נאָענט צום האַרץ איז טשערניכאָווסקיס לעצט ליד צו די שטערן. ער האָט זיי געזען אומעטום.

„שטערן פון הימל פון קרימער — איינגעפאַסט וואונדערלעך
פרעכטיק אין סאַמעטן־שוואַרצער יריעה ; ים און דער וואַלד
און די פעלזן בענקען נאָך אייך און נאָך אייער פאַרטיפטן און
און שטראַליקן שמועס. . פיל פון זיי פינקלען אַזעלכע ווייטע
און לויכטן אין ליכט פון פאַרלאָפענעם חלום, מיט יוגנט מיט
פרישער" (יידיש : י. י. שוואַרץ).

ער האָט געזען די שטערן אין אַלע לאַנדשאַפטן, איבער אַלע וועלט־רחבות׳ן —

אין צפונדיק־נאָרדישן הימל „שאַרפע און קאַלטע״ און אין „הויך פון קאַרעליעס וועלדער, לאַנד פון דער טרויעריקער שיינקייט״ זיי געזען אויף די הימלען פון אוקראַינער סטעפּעס און „פּאַמפּאַס״ פון אַמעריקע. און „שטערן פון מיטלענדישן ים״ — „שטערן פון פריאיקע געטער! ניטאָ אויף דער וועלט נאָך אַזוינע אין שיינקייט און קדושה״ ווייל זיי זיינען „קליינע זונען געפּאַסט אין סאַפּירן פון הימל״. און „שטערן פון ארץ־ישראל!״ — איר האָט געזען זיינע קאַמפן, איר האָט געזען אים אין וואַקסן, אין אייך איז זיין עבר, זיין היינט און זיין מאָרגן באַהאַפטן. איר וויטזעער שטערן״.

און דער לעצטער אַקאָרד —

מיין ליבשאַפט און בענקשאַפט צו אייך, איר שטערן
ווייט נאָענטע
געבענטש זאָלט איר זיין וואו איר זייט נאָר געטרייע״.

ביי דער לעצטער געזעגענונג אַן אחיזה, אַן אָנהאַלט אין די פיר ווינקלען פון אוניווערס.

או״ך לייוויקס געזעגעניש איז אַן אָנהאַלט אין אַ וועלט־איינהייט, נאָר ניט אין ערד־ווינקלען, נאָר אין דער פּיי־ערלעכער שיין פון גזר און פון גורל, וואָס איז שטרענג און באַדינגט, דאָרט וואו ווירקלעכקייט און וויזיע שמעלצן זיך צוזאַמען אין פלאַקער.

פון קינדהייט ביז עלטער — אין גאַנג פון די שטערן
האָט וועגן און קרייזן געצייכנט מיין שטערן.
געוועז איז ער פאַר מיר — מיין טרויס צווישן שטערן,
און זיין וועט ער נאָך מיר — מיין וואָר צווישן שטערן.
אין אָנהויב פון אָוונט, ביים אויפגאַנג פון שטערן,
באַשטראַלט מיך מיט שלווה דאָס ליכט פון מיין שטערן.
דערנאָך אין דער חצות־שעה, ביים טרויער פון שטערן,
נעמט קוקן אויף מיר מיט אַ גזר־אויג מיין שטערן.
דערנאָך פאַר באַגינען, ביים אָפּשייד פון שטערן,
נעמט האָגלען אויף מיר מיט אַ צעפּאַלונג פון שטערן
און וואַרפט מיך אַנידער. ביז וואַנען מיין שטערן ׳

שטערן פאַרטאָג

פאַרדעקט מיך מיט זיך, און אַ קול זאָגט: דיין שטערן
בעט חסד פאַר דיר ביי דעם האַר פון די שטערן״.
און דער לעצטער אַקאָרד —
אַ תפילה און אַן איבערגעבן זיך אינגאַנצן דעם גזר. —
איך ליג אַ פאַרדעקטער און כ׳הער ווי מיין שטערן
גיט איבער מיין נאָמען צום האַר פון די שטערן״.

דאָ זיינעןביידע דיכטער און ביידע לידער אין זייער אַנדערש־קייט און וואָס פאַרמאָגן זיי אין אייניהייטלעכן זין? — די נעמען פון דערמאָנונג, אין טאַטע־מאַמען, אין דער יוגנט פון פאַרטאָג. טשערניכאָווסקי זינגט:

שטערן פון הימל געטרייע, מיין מאַמעס ליבהאַרציקע שטערן״

און ער דערציילט ווי זיין טאַטע האָט אים אויסגערעכנט די נעמען פון די שטערן. אַזוי אויך לייוויק —

„געזאָגט האָט מיין טאַטע: ס׳האָט יעדער אַ שטערן
אין הימל, אַ שר, אויך דו האָסט אַ שטערן״.

האָבן צוויי דיכטער געזונגען די לעצטע שירה צו שטערן און די שטערן האָבן געזונגען צוזאַמען. ווייטע־נאָענטע שטערן, און די דיכטער אויך שטערן. „נעכטן אַזוי נאָענט; היינט שוין אַזוי ווייט. ווייטע און נאָענטע שטערן.

ארגאניזאציעס און
לייענער-יחידים

זאמאשטשער י. ל. פרץ סאסייעטי

בין, סעם און אײדל
בוירנסטיין, לואי און הילדא
גלאַזער, בעני
גרינבאַום, סאָפי
הערמאַן, בען
האָפּנוואַסער, טייבעלע
האָפּנוואַסער, סעם
לאַנדאו, בעלא און מעקס

נעש, מעקס
סטונער, סאָפי און סעם ....
סעלניק, חיה און משה
עפּשטיין, אסתר און דזשוליא
פונק, מארגארעט און משה
קאופמאַן, קלאַראַ און איזידאָר
קאופמאַן, סילוויא און היימי

אקלאנד בוירקלי איקוף קולטור-קלוב

טשאַרלס פרידמאַן, פּאָרזיצער; מאָריס ליכטמאן, עקזעק. סעק.

טשעלסי זשיטלאווסקי לייען-קרייז

דר. סטעלער, סעקרעטאר

קאווער-פּאווער אידישער קולטור, ס. פ. קאל.

א. בינעמאן, סעק.

פעטאלומא, קאל. אידישער קולטור קלוב, ווילקינס.

פרץ גראדזיסקער קולטור-סאסייעטי, בערל ראָלער, קולטור-דירעקטאָר.

ראשדעיל אידישער קולטור-קלוב, ברוקלין, נ. י.

דזש. קאָבלענץ, סעקרעטאר

אלבערט, מרס און מרס. קאטאטי
אַלעקסאַנדער, איווא, ל. א. קאַל.
אַדלער, (פייגל ע"ה) און יאַנקל
ארטשערס, סעמועל
אָרליכט, ראוז
אָרענשטיין, סילוויא און אברהם
אויצער, פאולין און משה
אַנטאַנאָוו, לואי
באַרני, באַרד
באומעל, מרים
בענעוויץ, חיה און בען, מיאַמי,
פלאָרידא.
בערניקער, אברהם, ווינדזאָר
בערנסאָן, חיים
בערג, אהרן און העלען
בלאַנק, שרה
באָטקין, דר. מ. שיקאַגאָ
בראון, פלאָרענס
בערנשטיין, ל.
בערנשטיין, יוסף
בלאַט, סינגער
גאָלדין, מאיר און ראוז,ל. א.
גיסקער, בערטא און פנחס
גרינהאוז, ס.
גלימטשער, אהרן
גאַרבער, ראוז און סעם
גאָרדאָן, אוזדע און סאלאמאָן
געוואַנט, סעם, שיקאַגאַ איל.
גאָלד פאולין
גליק, לעאָן, שיקאַגאָ, איל.
גרינבלאַט פּ. ניודזשוירסי
גאָלדבערג, רוט
גאָלדשטיין - ווייראַב, נינא (אין
ליכטיקן אָנדענק פון איר טאָכטער
עלינאָר גאָלדשטיין - שאַפּירא)
גילמאַן, נעיטן, קאָנעקטיקוט

גאָלדווירט, בעלא
גאָלד ראוז און לואיס
גאָטפריד,
גורשטיין, מר. און מרס.
דאשינסקי, מיני
דאַשינגער, מיני
דאָראָשקין, צייטל און יאַנקל
דיטקאָוו, מר און מרס.
דיאַקאָווער, סעם
דאַקאָלסקי, מאיר
דינסקי, ל.
דרוקער, הערי, נואַרק ניודזש.
האָך ראובן
האָלמאַן, מר. און מרס. האַרטפאָרד
האָראָוויץ, ס און ס. לינגלוואוד
האַרטענשטיין, אַלעקס
הענדלמאַן, רבקה, דעטראָיט מיש.
הורוויץ, מ. און ר.
הענדלין, מר און מרס.
היימאָוויץ, דזשעק
היילפערין, מילי
וויניצקי, מר און מרס. אב. פילאַ-
דעלפיא, פּא.
ווינטראָב, גאָלדע און אירווינג
ווילענסקי, הערי, ל.א. קאַל.
ווייראָב אַרטור
וואָלטער, נ. פלעינפילד, ניודזש.
וואַריצקי, סעם ריטשפילד, ניודז.
ווענדי, פייגל און טוביה
ווילינגער סעם
וועלער, שרה און בערנאַרד
וואַסערמאַן, פאולין
ווילינגער, סעם
זעלמאַן, דזשעני און לואיס
זעלצמאַן, אידיט און מעקס
זבאַרסקי, דזשוליוס

זילבערט, לאה
זיידנוואָרם, חיים
חפץ, פערל און וולאַדימיר
טעטעראָף, דזשאַנעט
טענענהאָלץ, אסתר, שיקאַגאָ איל.
טאַבאַטשניקאָוו, פעני און ישראל
טיטלבוים, וויליאם
טשערנאָוועך, בעלא און יוסף
טראַכטנבערג, סאָפי און הערי (אין
אָנדענק פון זייער זון אַלפרעד)
יאַנג, פּאָולין און בען
יוטין, פילאַדעלפיא, פּאַ.
כייפעץ, ס. און מ. שיקאַגאָ, איל.
כאַראָוועך, דאָרא און מישא
לעווין, ליובא און שלום
לאַנדסמאַן, בעלא און גדליה, שי־
קאַגאָ איל.
לאַנדסבערג, אַנאַ און סאל
לאַנדע, בעלא און מעקס
לייב, א.
לייבאָוויץ, סעם
לעטווין, מ. און ד.
מאָדעל, לילי און אַלעקס
מעיסין, סערע און מעקס
מעיזער, וויליאם
מוטשניק, טילי
מעלניקאָוו, א. פּאַסעיק, ניודזש.
מאָרגענשטערן, זיטא און יוסף
מיאמי ביטש, פלאָרידא
מעק, באשקע און נעיטן נואַרק
מילגראַם, שרה און דוד, פילאַ. פּאַ.
מעלניקאָוו, סאָניאַ, שיקאַגאָ, איל.
מילער, אסתר און בען, שיקאַגאָ
מייזיל, דאָרא און מאיר, ל.א. קאַל.
נעלסאָן, לאה און סעם

נעש, מעקס
סטאָלאָף, לייבל, שיקאַגאָ, איל.
סאַנדלער, ראָוז און וויליאם
סלעיטער, בען
סלעיטער, סילוויע און דזשוליוס
סילווער, דזשאו, פּאַסעיק, ניודזש.
סאָקאָוויץ, איווא און איזידאָר
ספּיוואַק, בען
סאלאמאַן ראכיל
סאָלענדזשער, גיטא און פרענק
סעלדין, מעי
סיגעל, בעסי
סילווערמאַן, יעטא (אין אָנדענק
פון אירע שוועסטער: דזשעני און
אסתר מלכה).
סילווערבערג, רהל און סאָל (אין
אנערקענונג פון ל. און ב. ראָלער)
סקלאַדמאַן, מרים
סטאון, מרס.
סאַנדלער, וויליאַם
ספּעקטאָר, פיליפּ
עדלסאָן, נעיטן
פּאָגעל, דאָרא און מאָריס, קאָלד־
וועל, ניו דזשוירזי
פעלד, לעאָן
פּאַרבער, סאָניע, לינדען, ניודזש.
פישמאַן, סעם
פעלדמאַן, דזשעק, מעדיסאָן, וויס.
פרידמאַן, איציק, דזשאַמעיקא, נ.י.
פילד, מ.
פרידמאַן, בוזי
פליישמאַן, סאָניא און מאָריס, שי־
קאַגאָ, איל.
פעלדמאַן, סערא און מעקס
פעלדמאַן, דזשאו

פראַנצבלוי, איווא און שמואל, ל.א.
פּאָמעראַנץ, יצחק, שיקאַגאָ, איל.
פּאָלאַק, ראָבערט, ווינטראָפּ, מאַס.
פּאַר, מר. און מרס.
פּאָמעראַנץ, רזשעיקאָב
קאָרטמאַן, אהרן, סאָס אַנזשעלעס
קאָרן, יודיף און שמואל
קאָהן, סעם
קאָרטמאַן, אהרן, לאָס אַנדזשעלעס
קאָליניצקי, מערי און טשאַרלס
קאַזאַן, אַלטער
קאַגאַן, שיינדל, (אין אָנדענק פון
איר משפחה אין בוענאָס איירעס)
קאַופמאַן, פיליפּ, מיאַמי ביטש
קערן, מינאַ
קאַפּלאַן, אידיט
קאַופמאַן, סעמועל
קאָזאַק, אַנאַ, האַרטפאָרד, קאָנ.
קאָהן, דזשאַנעט און יודל
קאָבלענץ, דזשאַן
דעטראָיט, מיש.
קעסלער, שפרה און יהושע דעט.
קליגער, דזשעני
קעסלער, פאולין און סעם
קאָהן, ראוז
ראָזענבערג, פערל און פיליפּ
ראַבינאָוויץ, גאָלדע
ראָלער, לאה און בערל
רייף, היימאַן

ראָס, היימאַן, שיקאַגאָ, איל.
ראָזען, שאַרלאָט און דזשאָו, שיקאַ-
גאָ, איל.
ראָזענבלאַט, ווילאם
ראָזנבערג, משה
ראַפּאַפּאָרט, יוסף קאָטאָטי, קאָל.
רעבי, פּאָסעיק, ניודזשוירזי
ריטש, מאַניאַ און מעקס, ל. א. קאָל.
ראָזנפעלד, עטל און סעם
רובין, ראוז, נאָקסוויל, טענעסי
ראָמאַן, קלאַראַ
רעקלין, מר. און מרס.
ריפקינסאָן, סעם
שמאַראַק, טאניא און יאַנקל
שענקער, טעסי
שקאָלניק, שרה און אברהם
שאַכנאָוו, אײדע און יוסף, ל.א.
שאַפּירא, ראָשע און יוסף
שאַפּראַן, לאה און ישראל
שוואַרץ, בעיטן
שוואַרץ, סיליע
שוואַרץ, סייקע און רובי
שאָכעט, רבקה, דעטראָיט, מיש.
שייגער, י.
שניידערמאַן, מאָריס
שוואַרץ, אסתר
שניידער, דזשוליא און סעם
שפּערבער

ווערק פון אברהם ביק

יידיש:

גרונט־פרינציפן פון רעליגיעזן סאָציאַליזם, לאָדזש, 1938
קעמפער און היטער, ניו יאָרק, 1940
וועלט און היים, ניו יאָרק, 1941
חסידות מאָטיוון, ניו יאָרק, 1944
ר׳ יעקב עמדין, ניו יאָרק, 1944
משה העס, ניו יאָרק, 1949
קעמפער און וועקער, ני ויאָרק, 1951
אין באַגינען, ניו יאָרק, 1952
צייט און וואָרט, בוענאָס איירעס, 1953
אויגוסט באָנדי, ניו יאָרק 1954
מאָריס ווינטשעווסקי, ניו יאָרק, 1955
דורות דערוואַכן, ניויאָרק, 1956
פון צייט און דויער, ניו יאָרק, 1959
אידעע און געשטאַלט,, ניו יאָרק, 1963
צייט און קיום, ניו יאָרק, 1966

העברעאיש:

חזון התקופה, ניו יורק, 1937
שאלות ותשובות משנת פועלים, ניו יורק, 1944
מדרש סמוכים (א. שאולי), ניו יורק, 1960
הגות ודמות, תל אביב, 1966
שומרי הגחלת (א. שאולי) ירושלים, נ׳ יורק, 1966
אדריכאל ארמון תפילה, ירושלים, 1966

ענגליש

Exponents of Religious Zionism, N. Y. 1934
Origin and Development of Jewish Holidays, N. Y. 1944